STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01519

# A FERTL YORHUNDERT YIDISHE PRESE IN BRAZIL, 1915-1940

Sidney I. Raizman

•

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Arlene Cohn*
*in memory of*
*her parents Philip & Rebecca M. Cohn*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק ז. רייזמאן

# א פערטל יארהונדערט יידישע פרעסע אין בראזיל

1940 - 1915

אַרויסגעגעבן פון מוזיאון לאמנות הדפוס
צפת 1968

Itzhak Z. Raizman

# A FERTL YORHUNDERT YIDDISHE PRESSE IN BRASIL

## A Quarter of a Century Yiddish Press in Brazil

## (1915—1940)

©
Copyright 1968, by
Itzhak Z. Raizman
P. O. B. 1016, Safed
Israel

הקדמה: צבי אָסף, מנהל המוזיאון

שער געצייכנט: יצחק בערקאָוויטש

Published by: The Museum of Printing Art, Safed
Printed in Israel, 1968

געדרוקט: דפוס „אורלי", תל־אביב, 1968

מיין פאָטער

**אברהם־הערש (הערשל)**

דער קאָנסעקוועגטער מתנגד;

מיין שווער

**לוי פיניע אָשר׳ס**

דער הייסער קאָצקער חסיד;

מיין מוטער און מיין שוויגער

ביידע: **רבקה־רחל**

זכרונם לברכה

— געהייליקט

# מבוא

ברזיל, ארץ רחבת ידים, אינה נמנית על הארצות בהן התרכז צבור יהודי גדול. בשנים הראשונות של המאה ה־20 התחיל להגיע לברזיל זרם מהגרים יהודים ממזרח אירופה ועם סיומה של מלחמת העולם הראשונה נאמד מספרם הכללי של יהודי ברזיל ב־5.000 נפש. עם צמצום אפשרויות ההגירה לארצות הברית גדלה זרימת היהודים לברזיל ובתקופה שבין שתי מלחמות העולם נכנסו לברזיל כ־50 אלף יהודים ממזרח אירופה (רוסיה, רומניה ופולניה), ובשנות ה־30 גם פליטים יהודים מגרמניה.

תקופה זו, במשך כחצי יובל שנים, היתה התקופה החשובה ביותר בתולדות היהודים בברזיל שהצטיינה גם בשגשוג כלכלי ותרבותי.

תסיסה זו בחיים היהודיים, עתונותה ותרבותה, מתוארת בכשרון רב וממקור ראשון בספר זה על ידי הסופר מר יצחק ריזמן. ספרו „תולדות יהודי ברזיל" שהופיע ביידיש ב־1935 וב־פורטוגזית ב־1937, הקנה לו שם כחוקר היהדות הפורטוגזית.

כן פורסמו מחקריו על „בתי דפוס והדפסת ספרים עבריים בפורטוגל עד המאה ה־16", ו„כתב עברי עתיק בחצי־האי האי־ברי" ב„עולם הדפוס", שהם פרק ממחקר על יצירותיהם של יהודי פורטוגל ובראזיל.

מר יצחק רייזמן, נולד ב־1902, עלה לארץ יחד עם רעיתו בשנת תשכ"ז מדיטרויט (ארה"ב) והתיישב בצפת. החלטה זו גם היא מאפיינת את המחבר ורצונו להגיע לשלמות רוחנית.

הספר מתפרסם בהוצאת המוזיאון לאמנות הדפוס בצפת, מיסודו של האיגוד הארצי של פועלי הדפוס בישראל, בשפתו המקורית בו נכתב ביידיש.

ההוצאה בטוחה, כי פרסומו של ספר זה מוסיף נדבך חשוב לחקר תולדות העתונות היהודית בגולה, מאבקיה וכליונה, ויש בו עניין לא רק לחוקר ולעתונאי כי אם לכל יהודי אשר גורל פזורת ישראל קרוב ללבו.

— צבי אסף

המוזיאון לאמנות הדפוס, צפת

# אַ וואָרט צום לייענער

אַ „פּערטל יאָרהונדערט יידישע פּרעסע אין בראַזיל" איז אַ היסטאָרישע כראָניק פון אַ צייט־אָפּשניט אין אַ יידישן ישוב, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין פאָרמירן, ווו אַלץ איז ווי געשאַפן געוואָרן פון דאָס ניי — אַ מין יש מאַין.

די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער כראָניק באַשטייט אין דעם, וואָס אין איר זיינען אויפגעזאַמלט, אָן אויסנאַם, אַלע גראַפישע עדות פון יענער צייט און זיי ווערן דאָ צום ערשטן מאָל צוגע־טראָגן דעם לייענער, צוזאַמען מיט דער שילדערונג פון דאַמאָלס־טיקן יידישן כלל־לעבן.

דער מחבר פאַרשטייט, אַז ניט יעדער וועט מסכים זיין מיטן אופן פון שילדערן דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט, אָבער אין דעם פאַל איז פּשוט ניט געווען קיין ברירה — און מיר וועלן מוזן אָנגיין מיט אונדזער אָפּשאַצן דעם פאַרלויף פון די געשעענישן ווי מיר זעען זיי, און לאָזן די קעגנער און קריטיקער זיך האַלטן מיט זייער קוק אויף די באַהאַנדלטע ענינים, גערעכטע אָדער ניט.

די געשיכטע־פאָרשונג פון יידישן ישוב אין בראַזיל, סיי פון דער אַמאָליקער, קאָלאָניאַלער עפּאָכע, סיי פון דער מאָדערנער צייט, איז נאָך אין סטאַדיע פון זאַמלען און פאָרשן דעם שלל דאָקומענטן אין פאַרשיידענע אַרכיוון, אָבער אויף וויפל עס איז שווער אַרויסצושיילן אַן ערלעך און אמתדיק בילד פון די פאַר־לוימדונגען אויף יידן און אנוסים אין די פאַראַנענע דאָקומענטן פון דער קאָלאָניאַלער עפּאָכע, איז נאָך שווערער, כמעט ווי אומ־מעגלעך, צו שילדערן די תקופה פון ניי־איינגעוואַנדערטן יידישן ישוב, וועגן וועלכן עס זיינען קיין דאָקומענטן כמעט ניט בנמצא.

דער צייט־אָפּשניט ערב דער תקופה, וועגן וועלכער ס'איז די רייד אין דער שילדערונג פון אַ פּערטל יאָרהונדערט יִיד. פּרעסע, איז אומגעפער דער סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און די ערשטע העלפט פון אונדזער יאָרהונדערט. היות ווי קיין דאָקו־מענטן וועגן דאָזיקן צייט־אָפּשניט פון יידישער איינוואַנדערונג זיינען כמעט ווי ניט בנמצא, האָט דער מחבר פאַרטראַכט און אָנגעשריבן אַ כמו בעלעטריסטישן סיפור המעשה, ווו עס זיינען אַריינגעוועבט געוואָרן די געשעענישן פון יענער צייט און דאָס דאָזיקע בוך האָט בלית־ברירה זיך פאַרוואַנדלט אין אַ כמו היס־

טאָרישן ראָמאַן, אָדער אין אַ נאָוועלע אויף אַ היסטאָרישער קאַנווע.

די איצטיקע אַרבעט, וועלכע מיר גיבן איבער אין די הענט פון לייענער, טראָגט דעם שלל פון גראַפישע דאָקומענטן וואָס מיר ברענגען דאָ, איז בלויז נאָך איין רינגעלע אין דער קייט פון פרווון אויפזאַמלען אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך וועגן עבר פון יידישן ישוב אין בראַזיל, מיט דער האָפענונג, אַז פון די דאָזיקע רינגען וועט דער קומענדיקער היסטאָריקער זיין ביכולת אויסצושמידן אַ סאָלידע קייט פון יידישער שעפערישקייט און צושטייער צום וויל־זיין פון דאָזיקן פרייען לאַנד, ווו יידישע אנוסים זיינען געווען צווישן די ערשטע בויער און שעפער.

דער מחבר דערלויבט זיך צו האָפן, אַז דער בעסערער לייענער וועט באַגרייפן דעם ערנסטן פאַרמעסט פון אונדזערע ביז איצ־טיקע פאַרעפנטלעכטע פאָרש־אַרבעטן וועגן יידישן ישוב אין בראַ־זיל און אויך דאָס איצטיקע בוך אויפנעמען ווי אַ צושטייער צום דאָזיקן פאַרמעסט.

אויב דאָס וועט אונדז געלינגען, האָבן מיר אונדזער ציל טיילווייז דערגרייכט.

**יצחק רייזמאַן**

צפת, סיון, תשכ״ח — יוני, 1968

# דער יידישער ישוב אין בראַזיל

שוין אָנהייב 16טן י״ה, תיכף נאָך דער אַנטדעקונג פון לאַנד, זיינען קיין סאַנטאַ־קרוז (טעררא דע סאַנטאַ קרוז — ווי מען האָט אין אָנהייב גערופן דאָס לאַנד) געקומען יידן, אַנוסים פון פּאָרטוגאַל, וועלכע האָבן אין פאַר־שיידענע ערטער געפירט אַ לעבן פון אַן אָרגאַניזירטן קיבוץ. די עקזיסטענץ פון יידן אין בראַזיל אין יענעם פּעריאָד ציט זיך ביז אַרום דער ערשטער העלפט פון 18טן י״ה, ווען אויף די שייטערהויפנס פון דער אינקוויזיציע אין ליסאַבאָן זיינען אומגעקומען יידן, וועלכע זיינען געבראַכט געוואָרן פון פאַרשיידענע ערטער אין בראַזיל.

עס איז אויסער יעדן ספק, אַז טראָץ די פאַרפאָלגונגען פון דער אינ־קוויזיציע, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן שפּירן אין בראַזיל נאָך דער אַנט־דעקונג פון די מינעס. אַרום סוף 16טן און אָנהייב 17טן יאָרהונדערט, פּשוט דערפאַר וואָס די בראַזיליאַנער יידן האָבן געהאַט אין זייערע הענט דעם

[illegible]

טען צילי?

דאס ווייזט אויס נאך שווערער, ווען מען בע-יענקט, אז זיי מוזען ברייגנען זייערע סאלדאטען און וייערע לעבענסמיטלען פון ווייטען, צום טייל זא-נאר איבער'ן ים, און מוזען זיי פיהרען דורך פרעמדע לענדער, בעת די דייטש-עסטרייכער זיינען אויף די באלקאנען ווי ביי זיך אין דער היים, א דאנק זייערע נייע פערבינדעטע, די בולגארען, און זייער פעראיי-ניגונג מיט די אלטע, די טערקען.

ווארום דיביידע מלוכות, וואס די פערבינדעטע מוזען דורך איינע אדער דורך דער אנדערער דורכגעהן אויף זייער וועג קיין בולגאריע-גריכענלאנד און רו-מעניע-זיינען זיי דערוויילע פרעמדע, נישט קוקענ-דיג אויף דער ערלויבעניש, וואס זיי האבען זיי צו דעם צוועק געגעבען, און נאך אזוינע פרעמדע, וואס קענען היינט מארגען ווערען שונאים.

גריכענלאנד האט שוין, נאך די ערשטע שענע הבטחות, וואס זי האט געגעבען די פעבינדעטע בנוגע צו זייערע סאלדאטען, וואס מוזען דורכגעהן דורך איהר טעריטאריע-אנגעהויבען צו קווייקלען זיך: פון ביידע צדדים ווערען איהר געמאכט די בעסטע פאָר-שלאָגען, ווען זי וועט האלטען מיט זיי-און די גרעסטע שטראשונקעס, אין דעם אנדער פאל-און זי קען זיך נישט ענטשליסען. די געפאהר פאר רומעניע איז פאר די פערבינדעטע נאך גרעסער, צוליב די אורזאכען, וואס זיינען געבראכט געווארען אויף דעם אָרט אין פארינען נומער, און ווײלע די רומענישע ארמעע איז גרעסער און שטארקער ווי די גריכישע, וואס האט נאך נישט געקענט קומען אין גאנצען צו זיך פון דער פאריגער באלקאנישער מלחמה.

אויף די אנדערע „פראָנטען" זיינען פאר דער וואך נישט פארגעקומען קיין וויכטיגע פאסירונגען. די דייטשען האבען גענומען א נצחון ביי באראנאוויטש,

פעריאל, אזוי פיל, אז [illegible]

עס ביי יאפאן און ביי נארד-אמעריקע. פון דער לעצ-טער וועט עס געבראכט ווערען דורך א נייעם פאָרט מיט'ן נאמען יעקאטערינע, וואס איז א גאנץ יאהר פריי פון אייז און איז שוין פערבונדען געווארען מיט פעטערבורג דורך א ליניע, וואס האלט קרוב צוויי טויזענד קילאמעטער די לענג. וויפיל עס איז דא אמת און וויפיל פאנטאזיע אין די דאזיגע ידיעות איז שווער צו זאגען. מיט וואס די אנדערע פערבינדעטע גרייטען זיך צו צום קומענדיגען פריהלינג איז נישט בעקאנט. וואס מען ווייס אויף געוויס איז, אז קיינער פון זיי טראכט נאך נישט וועגען א שלום, וואס איז נאך דערווייל א ווייטער חלום.

## לעצטע נייעס

### רוסלאנד

פון פעטערבורג איז מען מודיע, אז די ארבייטען פון דער דומע און פון גאסודארסטוועני סאוועט, זיינען אויף א קייזער-ליכען בעפעהל, אבגעלעגט געווארען אויף אנ'אונבעשטימטער צייט, ווײלע די רעגירונג איז נאך נישט פארטיג מיט'ן בודזשעט (דעם חשבון פון הוצאות און פון הכנסות פון דער מלוכה). דאס איז ווייניגסטענס די ערקלערונג, וואס די רעגירונג אליין גיט.

לויט א קייזערליכען אוקאז ווערען דעם קומענדיגען יאהר גערופען צו מיליטערדינסט די יונגע לייט, וואס דארפען אנהויבען דינען ערשט אין יאהר 1917.

זינד די מלחמה האט זיך אנגעהויבען איז אין די רוסישע שפארקאסעס איינגעלעגט געווארען א האלבער מיליארד רובעל, דאס הייסט מעהר ווי א פערטעל פון דער סומע, וואס איז פון פריהער געלעגען אין די דאזיגע קאסעס, 1 מיליארד מיט 900 מיליאן.

די דאזיגע אונגעוועהנליכע פערגרעסערונג פון די אבשפארונגען פון דעם רוסישען פאלק ערקלערט זיך מיט דעם, וואס אין רוסלאנד איז אין אנהויב פון דער מלחמה, ווי בעקאנט, פערבאטען געווארען צו מאכען און צו פערקויפען בראנפען. דאס געלד, וואס מען האט פריהער געטראגען אין שענק אדער אין מאנאפאל-קראם, טראגט מען יעצט אין דער שפארקאסע.

### אויף די באלקאנען

די סערבער און מאנטאנעגרער, זייערע פערבינדעטע, וואס ליבהאבער געגעבען געווארען א ספעקטאקעל לטובת די דאזיגע אומ-גליקליכע יודען. די ריינע הכנסה איז געווען הונדערט מיל, אבער דאס געלד איז נאך עד היום נישט אבגעשיקט געווארען וואוהין מען דארף, מחמת מען האט אויסגעפונען, אז עס איז נישט שען צו שיקען פון בראזיל אזא קליינע סומע.

פרעגט זיך: פאר וואס זעהט מען נישט פערגרעסערען די דאזיגע סומע, ארגאניזירענדיג אנדערע ספעקטאקלען צו דעמזעלבינען הויכען צוועק? פאר וואס זאלען אונזערע ליבהאבער, וואס שפילען צו יעדען וואוילטהעטיגען צוועק, נישט שענקען נאך עטליכע אבענדען פאר זייערע ברידער און שוועסטער וואס ליידען אין רוסלאנד הונ-גער און קעלט?

מיט אכטונג
א לעזער.

⌶⌶⌶⌶⌶⌶

# „די מענשהייט"

א וואכענבלאט

רעדאקטאר: יוסף הלוי.

ארויסגעבער: יודישע צייטונגס-געזעלשאפט.

אבאנעמענטס-פרייז.

| | אין בראזיליע: | אין אויסלאנד: |
|---|---|---|
| א יאהר | 10 מיל | 12.500 מיל |
| 6 חדשים | 5.500 " | 7 " |
| 3 חדשים | 3 " | 4 " |

1 חודש (אין פארטא אלעגרע) 1 מיל

איינציגער נומער 200 רייז.

מודעות 200 רייז די שורה.

דער אבאנעמענטס-פרייז ווערט בעצאהלט פאראויס

געלד בעטען מיר צו אדרעסירען צו-

B. Lewgoj :: Campo do Bom Fim 88

PORTO ALEGRE

די אדרעס פאר בריף איז:

S. Kaufman -:- 12 de Outubro 10

PORTO ALEGRE

אונזערע אגענטען: אין סאנטא מאריא-ה' ש. רייכער, אין פיליפסאן-ה' ח. פילשטינער.

פאָרטא אלעגרע, 9־טער דעצעמבער 1915. 1־טער יאהרגאנג, נו׳ 2.

# די מענשהייט

## (A' Humanidade)

### א וואכענבלאט

## די אייראפעאישע מלחמה

אין דעם אויגענבליק, וואס די דייטש־עסטרייכער האבען, צוזאמען מיט די בולגארען, גענומען די וויכטיגע סערבישע שטאדט מאָנאסטיר, ווערענדיג מיט דעם די בעלי בתים כמעט פון גאנץ סערביע,־אין דעמזעלבינען אויגענבליק זיינען די רוסען, ווי מען איז מודיע פון פעטערבורג, אריבער דעם דונאיי ביי איזמאאיל, גערענדיג דורך רומעניע אויף בולגאריע.

דער נאהענטער ציל, וואס די רוסען צוזאמען מיט זייערע פערבינדעטע האבען יעצט פאר זיך אויף די באלקאנען, איז: צו בעפרייען סערביע, וואס עס שטעהט איהר יעצט פאַר דער מזל פון בעלגיע, און צו גלייכער צייט פערנאנדערשיידען ווידער די דייטש־עסטרייכער פון די טערקען, בערלין מיט ווין פון קאנסטאנטינאפעל, כדי צו פערהיטען אנ׳אנפאל אויף עגיפטען און אינדיע, וואס קען געמאכט ווערען מיט

דערפאר האבען די רוסען ... זיי גענומען די פאָרשטאדט פון אילוקסט, ביי דווינסק, און אין אנ׳אנדער אָרט, ביי נעוועל, האָן זיי גענומען געפאנגען דעם גאנצען דייטשען שטאַב וואס אין איהם איז אויך געווען א גענעראל. ... רינע האט מען זיך שטארק געשלאגען. אין פראַנקרייך האט דאס שלעכט וועטער פיל געשטערט די מיליטערישע ארבייטען. די ענגלענדער זיינען געשלאגען געווארען פון די טערקען אין מעזאָפּאָטאמיע (ארם נהרים) און דייטשע סובמארינאס, וואס מען האט פון אצייט נישט געהערט פון זיי, האבען דערטרונקען עטליכע ענגלישע שיפען.

דאס זיינען אלץ קליינע קייטען אין דער גרויסער אייראפעאישער מלחמה. די רוסישע מיליטערישע אונטערנעהמונגען ווערען אבגעשטעלט אויפ׳ן קומענדיגען (אייראפעאישען) פריהלינג. די רוסען ריהמען זיך, אז ביז דעם קומענדיגען מאי וועלען זיי האבען אנייע ארמעע פון ...

אנטלויפען פון סערביע קיין אלבאניע, ווערען דארטען בעפאלען פון פיל באנדעס פון מאכמעדאנישע אלבאנעזער, וואס זיינען ארגאניזירט געווארען עקסטרא צו דעם צוועק.

### רומעניע

לויט א ידיעה, וואס קומט אן פון בוקארעסט איבער פאריז, האבען די רומענער פערמאכט דעם טייל פון דונאי, וואס געהט דורך זייער לאנד, פאר אויסלענדישע שיפען, כדי צו פערהיטען די עסטרייכער זאלען נישט באמבארדירען די רוסישע שטאדט רעני, אין בעסאראביע, מיט די קריגסשיפען, וואס זיי האבען געוואלט אהין שיקען צו דעם צוועק, מחמת דעם, וואס דארטען זיינען יעצט דא פיל רוסישע סאלדאטען.

### עסטרייך

די עסטרייכער פיהרען אריבער א סך סאלדאטען, צווישען זיי פיל בולגארען, פון סערביע אין גערץ (גאריציא); וואס ווערט כסדר באמבארדירט פון די איטאליענער.

## פאר די מלחמה־ליידענדע.

א בריף אין דער רעדאקציע

מיסחר און עקספּאָרט פון די נאַטור־רייכטימער פון לאַנד, — טראָץ די אַרעסטן און פאַרשיקונגען קיין ליסאַבאָן, זיינען אין לאַנד נאָך געבליבן פיל יידן, און אָט די משפחות, וועלכע האָבן סיי ווי געלעבט אַלס אַנוסים, האָבן זיך אויסגעמישט מיט די ווינציקע פּאָרטוגעזישע פּאַראָרעמטע אַריסטאָ־קראַטישע פאַמיליעס, וועלכע האָבן דאַן איינגעוואַנדערט אין לאַנד, מיט־ברענגענדיק מיט זיך געוויסע פּריווילעגיעס צו עקספּלאָאַטירן די נאַטור־רייכטימער און פאַרנעמען געוויסע שטעלעס אין דער אַדמיניסטראַציע פון לאַנד.

פּאַקטיש זיינען די גאָר אַלטע בראַזיליאַנער פאַמיליעס, וואָס ציִען זייער יחוס פון די ערשטע דעראָבערער (באַנדעיראַנטעס), דורכגעוועבט מיט יידישע מיטגלידער אין זייערע משפחות.

אַרום דער ערשטער העלפט פון 19טן י״ה הייבן אָן קומען קיין בראַזיל יידן פון מאַראָקאָ און אַלזשיר, וועלכע אַנטלויפן פון די דאָרטיקע פאַרפאָל־גונגען. די געקומענע באַזעצן זיך מייסטן אין די עקסטרעמע צפון־שטאַטן פון לאַנד, (פּאַראַ און אַמאַזאָנאַס), וווּהין זיי קומען אָן נאָך חדשים לאַנגן וואַנדערן אויפן ים אין שוואַכע, קליינע שיפלעך. שפּעטער באַזעצן זיך די זעלבע אויך אין אַנדערע שטאַטן פון לאַנד און טראָץ זייער זיין רעליגיעז האַלטן זיי אָן אויף אַ געוויסן גראַד, בלויז אין די גרויסע צענטערן, אַ קאָ־לעקטיוו צוזאַמענלעבן אַלס יידן —— און דאָס אויך ניט צופיל פריי און אָפּן פאַר זייערע ניט־יידישע שכנים.

שפּעטער האָבן געמישטע חתונות כמעט ווי איינגעשלונגען דעם גרעסטן רוב פון דעם רייך געוואָרענעם יידישן קיבוץ פון מאַראָקאַנער יידן אין בראַזיל. דער ספרדישער יידישער קיבוץ, וואָס געפינט זיך היינט צו טאָג אין לאַנד, פאַרמאָגט בלויז אַ זייער קליינעם טייל פון די אַמאָ־ליקע אַריבער געקומענע מאַראָקאַנער און אַלזשירער יידן, וועלכע האָבן איינגעוואַנדערט אין לאַנד ווען ס׳איז שוין ניט געווען קיין שום מורא זיך אויסצוגעבן אַלס יידן.

די ספרדישע יידן זיינען פאַקטיש געווען די איינציקע יידן אין בראַזיל ביז אַרום סוף 19טן י״ה, ווען עס האָבן אָנגעהויבן קומען קיין בראַזיל יידן פון מזרח־אייראָפּע. טראָץ דעם וואָס די ספרדישע יידן זיינען געווען רעלי־

גיעז און האָבן אויף אַ געווויסן שטייגער זיך אויסגעלעבט ווי ייִדן אין זייערע שולן, איבערהויפּט אין די יום־טובים, האָבן זיי זיך אין דער עפנטלעכקייט ניט געוויזן אַלס ייִדן, סיי יעדער איינער פּערזענלעך, סיי אַלס עדה. היות זיי האָבן זיך מייסטן פאַרנומען מיט האַנדלען אין די דערפער און קלענערע שטעט (מאַסקאַטע), וואָס דערביי זיינען מייסטן געווען באַשעפטיקט סיריער און אַראַבער, ווען די בראַזיליאַנער פלעגן רופן מיטן אַלגעמיינעם נאָמען טורקאָס (טערקן), איז אויך צו זיי צוגעקלעפּט געוואָרן דער נאָמען „טורקאָס", און דערפאַר האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק אויך ביי די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן, אַז אַלע ספרדישע ייִדן קומען פון טערקיי.

מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן אין בראַזיל זיינען געווען צום ערשטן די „חברה־לייט" (אַלפאָנסן, פּרויען־הענדלער און זייערע קרבנות — די ווייסע שקלאַפן). אַ היפּש ביסל נעמט זיך דערפון די דאַמאָלסטיקע נעגאַטיווע — אויב ניט פיינטלעכע — באַציִונג פון די ספרדישע ייִדן צו זייערע מזרח־אייראָפּעיִשע ברידער. שפּעטער, אַרום 1908—1910, האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן צווישן די אימיגראַנטן ערלעכע האָרעפּאַשנע ייִדן פון בעסאַראַביע און די באַציִונג פון די ספרדישע ייִדן צו די אַשכנזים האָט זיך פאַרבעסערט.

אייגנטלעך איז פאַר די פאַרשיידענע מינים „חברה־לייט" בראַזיל געווען בלויז אַ מקום מקלט אין אַן עת צרה און ניט קיין פּלאַץ, וווּ זיי האָבן געלעבט, ווייל בראַזיל איז דאַן געווען זייער צוריקגעשטאַנען אין פאַרגלייך מיט אַרגענטינע, וווּ זיי האָבן געהאַט זייער צענטער. עס פלעגט אָפט געשען אַזוי, אַז די פּאָליציי אין אַרגענטינע פלעגט צוליב וועלכע עס איז סיבות אונטערנעמען אַ געיעג אויף די „חברה־לייט", אָדער די פּאָליציי האָט זיך דערוווּסט פון אַ טראַנספּאָרט ווייסע שקלאַפן, וועלכע דאַרפן קומען, פלעגן דאַן די „חברה־לייט", צוליב זיכערקייט־טעמים, אויף אַ שטיקל צייט זיך אויפהאַלטן אין בראַזיל ביז עס פלעגט ווערן שטילער אין אַרגענטינע און זיי האָבן געקענט דאָרט וויטער פירן זייערע „מסחרים".

צוליב אָט די סיבות האָט זיך מיט דער צייט אויך אין בראַזיל אָפּגעזעצט אַ געוויסע טייל פון „חברה־לייט"־געזינדל און זייערע קרבנות — די ווייסע שקלאַפן, און אַרום זיי האָבן זיך שוין אָנגעקליבן זייערע אייגענע מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט פאַר זיי ווי: בריוו־שרייבערס, שניידערס,

רעסטאָראַטאָרן א״אַנד. אַט דעם סאָרט יידן האָבן די ערשטע מזרח־איראָ־פּעיִשע יידן, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט אין לאַנד אַרום די יאָרן 1908—1910, געטראָפן אין די שטעט בעת זייער אָנקומען אין לאַנד.

אין קעגנזאַץ צו די ספרדישע יידן, וועלכע האָבן אויסגעמיטן צו ווייזן זיך אויסערלעך אַלס יידן, האָבן די „חברה־לייט" אומעטום זיך געוואָרפן אין די אויגן אין דער עפנטלעכקייט מיט זייער „יידישקייט" און דאָס אויפֿנעמען זייערע „אָרעמע ברידער", די ניי־איינגעוואַנדערטע, איז געווען אַ טייל פון זייער „טעטיקייט" אַלס יידן.

די ניי־איינגעוואַנדערטע, פּשוטע, האָרעפּאַשנע בעסאַראַבער יידן, וועלכע זיינען אויסגעוואַקסן אין קליינע שטעטלעך און דערפער, האָבן זיך פון אָנהייב ניט אָריענטירט ווער די דאָזיקע ברייטהאַרציקע יידן און יידענעס זיינען, פונוואַנען זיי ציִען זייער חיונה, וואָס דערלויבט זיי צו לעבן אַזאַ רחבותדיק, פאַרשווענדעריש לעבן, — עס האָט אָבער ניט גענומען קיין סך צייט און די נייע אימיגראַנטער האָבן דערשמעקט ווער זייערע „וווילטעטער" זיינען און האָבן זיך פון זיי אָפּגעטרייסלט.

אויסער פאַר די שוין דערמאָנטע „חברה־לייט", איז בראַזיל דאַן געווען אַ מקום מקלט אויך פאַר אַן אַנדערן עלעמענט, וועלכער איז אַהין אַנטלאָפן פון שכנותדיקן אַרגענטינע און אורוגוויי. דאָס זיינען געווען דורכגעפאַלענע געשעפטסלייט, חתנים אָדער מענער, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון זייערע כלות און פאַמיליעס און אַנדערע טיפּן, וואָס זיינען דאָרט באַגאַנגען געוויסע פאַרברעכנס און האָבן זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון אַ שטראָף. אַט די אַלע האָבן זיך זייער גוט צוגעפּאַסט צום טמאים־געזינדל, וועלכע האָבן קיינעם ניט געפרעגט אויף קיין יחוס און קיינער האָט ביי זיי ניט געמוזט זיין קיין צו ערלעכער מענטש.

די ערלעכע, האָרעפּאַשנע יידישע וואַנדערער, וועלכע האָבן איינגעוואַנדערט קיין בראַזיל ביזן ערשטן וועלט־קריג, האָבן זיך באמת צו בויען זייער געזעלשאַפטלעך לעבן אויף זייער אייגנאַרטיק יידישן שטייגער. זיי האָבן געשאַפן ביבליאָטעקן, שולן, חברות פאַר קעגנזייטיקער הילף, האָבן זיך מיט אַלע כוחות אָפּגעזונדערט פון טמאים־געזינדל און געלעבט שטיל און באַשיידן אַ פאַרהאָרעוועט לעבן פון „קליִענטעלטשיקעס" (הענדלער),

דאַקעגן די טמאים און זייערע קרבנות, די ווייסע שקלאַפן, האָבן ביי יעדער געלעגנהייט דורכגעפירט מיט פּאָמפּע פּאַראַדן אין יידישע יום־טובים, ביי לוויות, געטאַנצט אין די גאַסן מיט אַ ספר־תורה אונטער אַ חופה ביים חנוכת הבית פון זייערס אַ שול און בכלל געמיט זיך צו גילטן פאַר דער ניט־יידי־שער וועלט אַלס די יידישע קאָלעקטיוויטעט.

אַט אַזוי האָט אויסגעזען דער יידישער ישוב אין בראַזיל צו יענער צייט. די יידן זיינען דאַן מייסטן געווען קאָנצענטרירט אין די צוויי גרעסערע שטעט — ריאָ דע זשאַנעיראָ און סאַן פּאַולאָ — און צוליב דער שלעכטער קאָמוניקאַציע, זיינען כמעט ניט געווען קיין פאַרבינדונגען צווישן יידן פון איין שטאָט מיט דער צווייטער.

פּאָרטאָ אַלעגרע, די הויפּטשטאָט פון ריאָ גראַנדע דאָ סול, איז אין דער הינזיכט געווען כמעט אַן אויסנאַם. דער דאָרטיקער יידישער ישוב איז פון אָנהייב אָן באַשטאַנען אין גרעסטן רוב פון האָרעפּאַשנע עלעמענטן, וועלכע האָבן שווער געאַרבעט מיטן פּעקל סחורה אין גאַס, און די טמאים, אויב זיי זענען דאָרט אַפילו געקומען, האָבן זיך דאָרט ניט באַזעצט און מען האָט זיי בכלל ניט באַמערקט.

*

כדי צו קענען אַלזייטיק באַנעמען וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר דאָס פערטל יאָרהונדערט יידישע פּרעסע אין בראַזיל, מוז מען זיך גענוי באַקענען מיטן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן הינטערגרונט פון יידישן ישוב, אויף וועמענס קאָנטע די פינף און צוואַנציק יאָר יידישע פּרעסע האָט זיך געוועבט, ווייל די געשיכטע פון יידישן פּרעסע־וועזן אין בראַזיל איז, מער ווי ערגעץ אַנדערש, ענג פאַרבונדן מיט דער פאָרמירונג פון יידישן ישוב אין לאַנד בכלל.

די ערשטע טריט פון יידישן געדרוקטן וואָרט פאַלן זיך צוזאַמען מיט דער פאַרגרעסערונג פון יידישן ישוב אין אַלגעמיין, ווייל מיט דער פאַר־גרעסערונג פון יידישן ישוב צו יענער צייט, הייבט זיך אויך אָן די אייגנט־לעכע דיפערענצירונג פון די פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע

גרופּירונגען אין ישוב, און פון יענער צייט אָן דאַרף מען געשיכטלעך אָנ־הייבן רעכענען די פּאַקטישע עקזיסטענץ פון אַן אָרגאַניזירטן יידישן ישוב אין לאַנד, כאָטש עס זיינען געווען יידן אין בראַזיל — ווי מיר האָבן פריִער אָנגעוויזן — פון דער ערשטער צייט פון דער אַנטדעקונג ביז דער צייט, וועגן וועלכער מיר ריידן איצט, האָבן זיי אָבער כמעט ווי ניט עקזיסטירט אַלס אָרגאַניזירטער קיבוץ און וועגן זייער עקזיסטענץ זיינען ניט פאַראַן קיין גענויע פּרטים.

אין יענער צייט, — קריגסט־צייט, 1915, — זיינען ניט געקומען קיין בראַזיל אימיגראַנטן פון אויסלאַנד, און די מייסטע יידן, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ יידישע צייטשריפט אין פּאָרטאָ אַלעגרע, זיינען שוין דאָרט געווען פון פריִער. עס איז אָבער געשען אַזוי, אַז דער עלטערער יידישער ישוב אין אַרגענטינע און טיילוויז אויך אורוגוויי, האָט שטענדיק אויסגע־טיילט פון זיך אַ צאָל וואַנדערער, וואָס האָבן צוליב וועלכער עס איז סיבה זיך געריסן פון דאָרטן און זיך געצויגן מיט דער יבשה צו צפון. דער וואַנ־דער־וועג פון די דאָזיקע עמיגרירער האָט זיך געצויגן דורכן שטאַט ריאָ גראַנדע דאָ סול, דער נאָענטסטער שטאַט אין בראַזיל אויף דער גרענעץ מיט אַרגענטינע און אורוגוויי און פּאָרטאָ אַלעגרע, די הויפּטשטאָט פון שטאַט.

צווישן די אַריבערגעקומענע קיין פּאָרטאָ אַלעגרע זיינען דעמאָלט געווען אייניקע, וואָס האָבן אין אַרגענטינע מיטגעמאַכט דעם קאַמף פון די דאָרטיקע פּועלי־ציון אונטער דער אָנפירונג פון לעאָן כאַזאַנאָוויטש ע״ה, קעגן די „חברה־לייט״ און שפּעטער קעגן דער איק״א. אָט די גזעזעל־שאַפטלעכע טוער האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט שטימונגען פון רעוואָלט קעגן די מעשׂים פון דער איק״א און אַ ווילן זיך אויסצולעבן קולטורעל און געזעלשאַפטלעך. זייערע געדאַנקען און שטימונגען האָבן אין פּ. אַ. אָנגע־טראָפן אויף אַ זייער פרוכטבאַרן באָדן, ווייל דער גרעסטער רוב פון די יידן אין פּ.אַ. איז באַשטאַנען פון געוועזענע קאָלאָניסטן פון די איק״א־קאָלאָניעס אין פיליפּסאָן און אַנדערע פלעצער אין דער פּראָווינץ פון ריאָ גראַנדע דאָ סול, וווּ די איק״א האָט דאַן געהאַלטן אין שאַפן יידישע קאָלאָניעס אין די בראַזיליאַנער אור־וועלדער, און צו דעם צוועק האָט זי געהאַט אַריבערגע־בראַכט יידישע משפּחות פון ליטע.

צוליב דעם וואָס די באַציִונג פון די איק״א־באַאַמטע צו די קאָלאָניסטן איז געווען זייער אַ שלעכטע און אויך צוליב דעם, וואָס דער רוב פון די נייע קאָלאָניסטן איז באַשטאַנען פון קליינשטעטלדיקע יידן אין ליטע און זיינען ניט געווען צוגעגרייט זיך צוצופּאַסן צום פּרימיטיוון לעבן פון קאָלאָ־ניסטן אין די בראַזיליאַנער אור־וועלדער, האָבן די יידן אין פּ.אַ. ביסלעכווייז אָנגעהויבן צוקריגן נייע אימיגראַנטן פון צווישן די קאָלאָניסטן־משפּחות. צום ערשטן זיינען געקומען די יונגע און גלייך ווי זיי האָבן זיך איינגע־אָרדנט ווי עס איז און אָנגעהויבן פאַרקויפן עפּעס אין די גאַסן און פאַר־דינען אויף פּרנסה, האָבן זיי אַריבערגעבראַכט די גאַנצע משפּחה און אַזוי אַרום זיינען ביסלעכווייז צוגעקומען נאָך תושבים אין יידישן פּ. אַ. — גע־וועזענע קאָלאָניסטן. אָט די געוועזענע קאָלאָניסטן, וואָס זיינען בלויז מיט עטלעכע יאָר צוריק אַריבערגעקומען פון ליטע, האָבן פאַרמאָגט אַן אינטע־רעס פאַר קולטור־געזעלשאַפטלעכן אויסלעבן זיך, פאַר באַזאָרגן זייערע רעליגיעזע הצטרכותן און זיינען בכלל געווען אַ פּאַסיקער עלעמענט ביים העלפן איינאָרדענען און אַרויסגעבן אַ יידישע צייטשריפט.

צו יענער צייט זיינען די יידישע „קליִענטעלטשיקעס״ (גאַסן־הענדלער אויף אויסצואָלן אין ראַטעס) אין פּ. אַ. באַשטאַנען בלויז פון מיזרח־איי־ראָפּעיִשע יידן. די ספרדישע יידן, וועלכע זיינען צו יענער צייט שוין געווען תושבים אין שטאָט העכער 50 יאָר, זיינען שוין לאַנג געהאַט געוואָרן אויס גאַסן־הענדלער, זיינען געווען רייך און האָבן פאַרמאָגט גרויסע געשעפטן. די דאָזיקע ספרדישע יידן האָבן זייער וואָרעם אויפגענומען זייערע מיזרח־אייראָפּעיִשע ברידער, און ווייל קיין צדקה האָט דאָך אייגנטלעך קיינער פון אָט די פרישע הענדלער ניט געבעטן, נאָר געזוכט צו קריגן סחורה אויף קרעדיט, האָבן די רייכע ספרדיש־יידישע סוחרים, וואָס זיינען אַליין רייך געוואָרן פון קליִענטעלע־מיסחר, זיי געגעבן קרעדיט און אַזוי אַרום דער־מעגלעכט זיי זיך איינצובירגערן אין שטאָט. די נייע יידישע הענדלער ווי־דער, באַשיידענע יידישע האָרעפּאַשניקעס מיט אַ ווילן אַרויפצואַרבעטן זיך, זיינען טאַקע געווען ביי זיי גוטע קונים און פלעגן זיי גערן רעקאָמענדירן צו באַקאַנטע פאַמיליעס פון צווישן די מלוכה־פונקציאָנאַרן און האַנדלס־אָנגעשטעלטע.

נעווען די פראקלאמירונג פון דעם גענעראל־סטרייק דורך דער אומגעווארפענער רעגירונג. די מאנארכיסטישע חילות, נאכ'ן ערך, נישט גרויס אין צאהל, האבען זיך אזוי סיט א באל געפונען אנטקעגען מיליאנען, צום טייל גוט בעוואפענטע ארבייטער, וואס א גרויסער טייל פון זיי האט זיך שוין נישט בעגוגענט מיט דער צוריקשטעלונג פון דער עקסיסטירענדער ארדענונג, נאר האבען געוואלט א רעפובליקע פון סאוויעטען אויפ'ן רוסישען שטייגער.

דער קאמפף צווישען די אנהעננער פון די דאזיגע דריי רעגירונגס־פארטען, איז אין פערשידענע שטעדט געווען א בלוטיגער, אבער האט זיך גיך געענדיגט מיט דעם נצחון פון דער הערשענדער פארטיי, און דער פרעזידענט מיט זיינע מיניסטארען האבען זיך גיך געקענט צוריקקעהרען אין בערלין, נאך דעם ווי דער „דיקטאטאר" קאפ האט זיך „ענטזאגט" פון זיין שטעלע' און־געמאכט די פליטה.

נאר אין דער געגענד פון דעם טייך ריהר, לעבען דעם ריין, — א געגענד וואס האט א סך קוילען גרובען, האט די רעגירונג נישט געקענט אזוי גיך בייקומען די ציפונטעוועטע ארבייטער. זי האט אהין צו דעם צוועק געמוזט שיקען א גאנצע ארמעע. אבער אויף דעם האט זי געמוזט האבען אן ערלויבעניש לען צוריק אוועק פון ריהר, בעזעצען פראנקפורט און אנדערע דייטשע שטעדט.

דעם דאזיגען תנאי האט די דייטשע רעגירונג נישט געוואלט אבגעהיטען, און דערנהענדיג, א פנים, אז ענגלאנד און איטאליע ווייגען אויף איהם אויך נישט מסכים, האט זי אריינגעשיקט אין דער פערבאטענער געגענד אן ארמעע פון איבער הונדערט טויזענד מאן, כדי צוריקצושטעלען דארטען די ארדענונג, וואס עס האט זיך איהר איינגעמעפען. דאס איז געווען געגען איינעם פון די וויכטיגסטע פונקטען פון ווערסיילער פרידענס־אבמאך, אויף וועלכען פראנקרייך האט געענטפערט מיט דעם וואס זי האט גלייך געלאזט בעזעצען דורך איהר ארמעע פראנקפורט, דארמשטאדט און אנדערע דריי שטעדט, נישט רעכענענדיג זיך מיט דער מיינונג פון איהרע פערבינדעטע.

מיט דעם דאזיגען ערנסטען שריט פון דער פראנצויזישער רעגירונג איז א היין בעלגיע, קיינער פון פריינקרייכס פערבינדעטע נישט געווען צופרידען. איבערהויפט איז געזען גרויס די אונציפרידענהייט מצד דער ענגלישער רעגירונג, וואס האלט זיך שוין פון לאנג אן ביי דער מיינונג, אז דער ווערסיילער פרידענס־אבמאך דארף נישט אנגעווענדט ווערען אין זיין גאנצער שטרענגקייט, ווי פראנקרייך וואלט וועלען די גיכע צוריקציהונג פון די פראנצויזישע סאלדאטען פון פראנקפורט מצד דער פראנצויזישער רעגירונג.

צו אן ערנסטער שפאלטונג צווישען די פערבינדעטע האט עס נאך ביז יעצט נישט געקענט קומען, מחמת זיי זיינען שוין אזוי אויך גענוג אבגעשוואכט געווארען דורך דעם אבפאל פון אמעריקע, וואס איהר סענאט האט פערווארפען דעם ווערסיילער פרידענס־אבמאך. דעם שלום מיט דייטשלאנד מאכט אמעריקע דורך אן איינפאכער רעזאלוציע פון איהר פארלאמענט, וואס שאפט צונלייך אב אלע געזעצען, וואס זיינען געמאכט געווארען צוליב דער מלחמה.

לויט לעצטע ידיעות האט דער דייטשער מיניסטער־פרעזידענט ערקלערט פאר דער גרינדונגס־פערזאמלונג, אז די רעאקציאנערע געפאהר איז נאך נישט אריבער.

## נחמן און פייגע מאלטשיק

זיינען מוריע זייערע גוטע פריינד, אז דעם 14 אפריל איז געווען די פערלאבונג פון זייער זוהן שמואל מיט פריילין לאה באריל.

## ביבל. „מענדעלי מוכר ספרים"

דעם 25 אפריל וועט אין סאלאן פון דער „אוכיאן" זיין א ביילע לטובת דער דערמאהנטער ביבליאטהעק.

צוויי רעדנער פון בוענאס איירעס וועלען האלטען רעדעס.

# די יודישע צוקונפט

(O FUTURO ISRAELITA)


גערט ארויס איין מאל אין מאנאט

פארטא אלעגרע 15 אפריל 1920 N. 4 ערשטער יאהרגאנג


## צווישען מלחמה און שלום

דער פרוב צוריקצושטעלען אין דייטשלאנד די מאנארכיע, וואס מיר האבען שוין וועגען איהם מודיע געווען אין קורצען אין פארינגען נומער, האט געהאט א מיאוסען דורכפאל. נישט נאר די געמעסיגטע סאציאליסטען, וואס זיינען די רעגירונגס-פארטיי, זיינען געווען אנטקעגען דעם אונזיניגען יונקערשען פלאן, נאר אפילו די בירגערליכע פארטייען, וואס פערשטעהען די אונמעגליכקייט פון זיין פערווירקליכונג אין א צייט, אין וועלכער דייטשלאנד איז אין גאנצען אפהענגיג אן די פערבינדעטע, אדער האלטען די יעצטיגע סאציאליסטישע רעגירונג פאר דער קלענערער צרה.

וואס עס האט פעהלען צו דער ניכער מפלה פון די שווארצע רעוואלוציאנערען איז

פון די פערבינדעטע. מחמת די דאזיגע געגענד ליגט אין דער „נייטראלער צאנע", דאס הייסט אין דעם שטיק לאנד, וואס ציהט זיך אויף א ברייט פון 50 קילאמעטער, אין דער לייגנ פון דעם טייך רהיין, וואס איז דער גרעניצען צווישען דער דייטשער רעפובליקע און די טעריטאריעס, וואס די פערבינדעטע האבען ביי איהר דערוויילע פערנומען. לויט דעם ווערסיילער אבמאך טהאר דייטשלאנד אין יענעם שטיק לאנד נישט האלטען קיין סאלדאטען סיידען אין א געוויסער, נישט גרויסער צאהל. זי האט דעריבער ביי פראנקרייך, וואס האט רא געהאט צו זאגען די ערשטע דעה, געבעטען די נויטיגע ערלויבעניש אויף צו שיקען מעהר סאלדאטען, אבער נישט געקענט בעקומען סיידען מיט'ן תנאי, אז די פראנצויזישע ארמעע זאל

לען. זי האט דעריבער ארייגגעשיקט דער פראנצויזישער רעגירונג אן ענערגישע נאטע, פארוואורפענדיג איהר וואס זי האט אזא זאך געטהאן אהן דער צושטימונג פון איהרע פערבינדעטע. די פראנצויזישע רעגירונג האט זיך פערענטפערט, צוזאגענדיג צו זיין אויף ווייטער גוט און פרום.

מיט דעם האט זיך געענדיגט דער ענגליש-פראנצויזישער סכסוך, וואס עס האט זיך ביי איהם קלאר ארויסגעוויזען די מיינונגס-פערשיידענהייט, וואס עקסיסטירט צווישען די ביידע רעגירונגען בנוגע צו דער פראקטישער אנווענדונג פון ווערסיילער פרידענס-אבמאך. די נארהענטע אורזאך פון דעם דאזיגען סכסוך וועט אויך ניך אויפהערען מיט דעם וואס דייטשלאנד וועט איהרע סאלדאטען צונעהמען פון ... וואס עס וועט האבען פאר א פועל יוצא

דער „קליענטעלע״־מיסחר האָט די טבע וואָס איידער־וואָס־ווען, איידער מען מאַכט נאָך דעם געניועם סך־הכל פון די פאַרדינסטן, צעשפּילט זיך שוין ביים קליענטעלטשיק די אילוזיע פון רייכקייט, אַזוי אַז נאָכן אָפּ־אַרבעטן אַליין אַ פּאָר מאָנאַטן אין גאַס מיטן פּעקל, ד.ה. אַליין אַרומגיין און קלאַפּן אין די טירן, פאַרלייגנדיק פאַרשידענע סחורות און שוין האָבנ־דיק זיך אין דער צייט איינגעשאַפט אַ געוויסע צאָל קליענטן, פון וועלכע ער מאָנט איין חודשלעך אַ געהעריקע סומע, רעכנט זיך שוין דער דאָזיקער פאַר אַ שטיקל גביר, שטעלט ער דאַן אָן „קלאַפּערס״, וואָס פאַרקויפן פאַר אים סחורות, און ער גייט נאָר נאָכקאָנטראָלירן צי די סחורה איז פאַרקויפט געוואָרן אין גוטע הענט און באַשעפטיקט זיך כמעט בלויז מיטן איינמאָנען די חודשלעכע אָדער וועכנטלעכע ראַטעס. אַזאַ איינער האָט שוין צייט צו זיצן איניקע שעה אין טאָג אין קאַפע הויז, וווּ ער באַשטעלט זיך אָפט צו טרעפן מיט קונדן צו פירן זיי אין געשעפטן און וויזן סחורות; די לעצטע טעג פון חודש ווידער, ווען די צאָלונגען צו אַרבעטער און אָנגעשטעלטע זיינען שוין אומעטום געמאַכט געוואָרן און די קונדן האָבן שוין מער ניט קיין געלט, האָבן זיי בכלל ניט וואָס צו טאָן און זיצן סתם אין קאַפע הויז אין דער פרייער צייט. אַזוי־ערנאָך איז ביסלעכוויז אויסגעוואַקסן אַ גרופּע „קליענטעלטשיקעס״ וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן קהלן, געטראַכט וועגן אָר־גאַניזירן אַ יידישע חברה, דורכפירן אונטערנעמונגען און צו דעם אַלעמען האָט מיטגעווירקט דער פאַקט, וואָס יעדעס מאָל ווען עס זיינען אָנגעקומען פרישע וואַנדערער, וועלכע האָבן זיך ווי דער שטייגער געווענדעט נאָך הילף, פלעגט מען אַרומגיין זאַמלען געלט אויף איינצואָרדנען זיי אַ דירה צום וווינען און אַ פּלאַץ ווו צו אַרבעטן, אָדער גאָר אויף צו קויפן זיי אַ באַן־בילעט אויף צו פאָרן ווייטער. אַזוי איז ביסלעכוויז אויסגעוואַקסן די נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ הילפס־אינסטיטוציע אין יידישן ישוב.

צום ערשטן איז אַנטשטאַנען אַ פאַריין, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט העלפן נויטבאַדערפטיקע, איינגעאָרדנט אַ שול צום דאַווענען, געקויפט אַ שטיק פּלאַץ אויף אַ בית־עלמין און בכלל געפירט די טעטיקייט פון אַ יידישער קהילה. דער פאַריין האָט זיך גערופן „אוניאָן איזראַעליטאַ״ (יידי־שע פאַראייניקונג), ער האָט אָבער ניט צופרידנגעשטעלט אַלעמען מיט זיינע

יצחק ז. רייזמאַן

# אַ פערטל יאָרהונדערט יידישע פּרעסע אין בראַזיל

(1940—1915)

טעטיקייטן, אָדער מיטן אופן פון אָנפירן זיינע טעטיקייטן און עס אַנטשטייט שפּעטער אַ צווייטער פאַריין, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די זעלבע טעטיקייטן א. נ. „סענטראָ איזראַעליטאַ" (יידישער צענטער).

עס איז נאַטירלעך, אַז ניט אַלע האָבן זיך געוואָלט קהלן מיט דער הילפס אַרבעט, מיט אַ שול צום דאַווענען אָדער גאָר מיט אַ בית־עלמין. עס זיינען געווען צווישן די רייכערע קליענטעלטשיקעס אינטעליגענטע יונגעלייט, וועלכע האָבן געזוכט אויסצולעבן זיך קולטורעל אין אַ מאָדערנער יידישער געזעלשאַפט, צווישן זיי זיינען געווען פיל פון די געוועזענע קאָלאָניסטן, די אַזוי גערופענע ליטוואַקעס, וועלכע האָבן זיך מיט דער צייט איינגעאָרדנט אין שטאָט, — פלעגן זיי זיך צוזאַמענעמען פון צייט צו צייט איינאָרדנען אַ יובילעאום פון אַ יידישן שרייבער, דורכפירן אַן אַזכרה אָדער יאָרצייט פון אַ יידישן שרייבער, אָדער גאָר סתם דורכפירן אַ ליטעראַרישן אָוונט מיט אַ פראָגראַם פון פאָרלעזונגען, דעקלאַמאַציעס, רעפעראַט און געזאַנג פון יידישע לידער. מייסטן פלעגן אַזעלכע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען זיך פאַרענדיקן מיט טענץ און ווייל עס זיינען געווען יונגע מיידלעך און בחורים אין די יידישע משפחות, פלעגן אַפילו די פרומערע יידן פאַרקוקן אויפן „חטא", ווייל ביי אַלע משפחות איז די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין אַ געוויסן זין געווען צוגעשפּיצט צום זייער דעליקאַטן פראָבלעם פון דער מורא פאַר געמישטע חתונות, וואָס זיינען אין פאַראיינצלטע פאַלן שוין פאָרגעקומען צו יענער צייט.

פון אָט דער קולטורעל־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט איז אויסגעוואַקסן מיט דער צייט די „קולטור ליגע" מיט אַ רייכער ביבליאָטעק און אַ שיינעם לייען־זאַל. ד. ק. ל. האָט זיך געפונען אין דער געביידע פון „יידישן צענטער", וועלכער האָט געגאָלטן פאַר דער פאָרגעשריטענער אינסטיטוציע פון יידישן ישוב אין קעגנזאַץ צו דער אַלטער „אוניאָן איזראַעליטאַ".

# ערשטע יידישע צייטשריפט דערשיינט אין פארטא אלעגרע

עס איז דאָס יאָר 1915, די מלחמה איז אין פולן ברען, יעדער האָט פריינט און פאַמיליע אין איראָפּע, פונוואַנען עס קומען אָן טרויעריקע ידיעות; טייל האָבן דאָרט זייערע פרויען און קינדער, וועלכע זיי האָבן נִיט געטראַכט אַפילו אַריבערצוברענגען, ווייל זיי האָבן געלעבט מיט דער האָפענונג צו מאַכן געלט און צוריקפאָרן אין זייערע היים־שטעטלעך. דער גרעסטער רוב פון אָט די דאָזיקע האָבן בכלל מבטל געמאַכט און אויס־געלאַכט דאָס לאַנד און ווייל זייער גאַנצע אינטעליגענץ איז געווען ווי פון אַ קליין־שטעטלדיקן יידן אין אַמאָליקן בעסאַראַביע אָדער פוילן, האָבן זיי זיך ניט באַמיט צו לערנען די לאַנד־שפּראַך — פּאָרטוגעזיש — און זיי זיינען פּאַקטיש געווען מער געבונדן מיט זייער היים־שטעטל, וווהין זיי האָבן געשטרעבט צוריקקומען מיט געלט, איידער מיטן לאַנד און דער סביבה, ווו זיי האָבן געלעבט. אונטער אַזעלכע אומשטענדן האָבן זיי אַפילו ניט

געטראַכט וועגן אויסלערנען זיך געגוג פּאָרטוגעזיש אויף צו לייענען אַ צייטונג, — זענען זיי געזעסן אַרום די געציילטע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן פאַרגעלייענט פון דער פּאָרטוגעזישער אָדער דייטשער צייטונג די נייעסן פון די פראָנטן און אין די פרייע שעהן איז מען געזעסן אין די קאַפע הייזער און דיסקוטירט די מלחמה סטראַטעגיע פון די דאַמאָלסטיקע אַלייִרטע און צענטראַלע מלוכות.

אין קעגנזאַץ צו די צוויי גרעסערע נאַציאָנאַלע גרופּן — איטאַליענער און דייטשן, — וועלכע האָבן געוווינט אין דער פּראָווינץ ריאָ גראַנדע, זיינען די יידן ניט געווען פאַררעכנט ביי די בראַזיליאַנער פאַר קיין נאַציאָנאַלע גרופּע, זיי איז בכלל געווען פרעמד דער מין „זשודעאָ" אָדער „איזראַעליטאָ" (ייד) און די יידן זיינען ביי זיי געווען „אַלעמאַנס" (דייטשן) אָדער „רוסאָס" (רוסן). די בראַזיליאַנער עפנטלעכע מיינונג איז געווען צעטיילט אין זייערע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס צווישן די צוויי קעמפנדיקע צדדים און צווישן די יידן האָבן זיך די שטימונגען געוואַקלט צווישן דעם דאַמאָלסטיקן קול־טורעלן דייטשלאַנד און עסטרייך פון די צענטראַלע מלוכות און דעם צאַרישן רוסלאַנד פון די אַלייִרטע. באַזונדערס זיינען געווען אין אַ קלעם דאָס ביסל יידישע אינטעליגענטן, וועלכע זיינען געקומען אין באַרירונג מיט דער בראַזיליאַנער געזעלשאַפט, איבערהויפּט אין די מאַסאָנען לאָ־זשעס, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט אָנגיין ניט אַלס „אַלעמאַנס" און ניט אַלס „רוסאָס".

וואַרשיינלעך איז אָט די לאַגע געווען די הויפּט סיבה, וואָס האָט גע־פירט צום געדאַנק פון אַרויסגעבן אַ יידישע צייטונג. פון איין זייט האָבן די יידן וואָס האָבן ניט געלייענט קיין פּאָרטוגעזיש, געוואָלט דורך דער יידי־שער צייטונג שטיין אין פאַרבינדונג מיט דער אַלטער היים און פון דער צווייטער זייט האָבן די אינטעליגענטערע געוואָלט ווייזן זייערע ניט יידישע פריינד, אַז די יידן פאַלן ניט אַראָפּ אַנטקעגן די אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּן און אַז זיי זיינען בכלל ניט קיין „אַלעמאַנס" און אויך ניט קיין „רוסאָס".

# אינזשיניער יוסף הלוי

צווישן די וואַנדערער אין פּאָרטאָ אַלעגרע האָט זיך דאַן באַוויזן אַ געוויסער אינזשיניער יוסף הלוי, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבן אַז ער איז אַ שרייבער, האָבן די אינטעליגענטן, וועלכע האָבן געפּלאַנט אַרויסצו־געבן אַ יידישע צייטונג, אים צוגעצויגן ער זאָל העלפן איינאָרדנען אַלץ וואָס איז נייטיק אַז אַזאַ צייטונג זאָל אָנהייבן דערשיינען.

צו יענער צייט האָט אין גאַנץ בראַזיל ניט עקזיסטירט קיין יידישע דרוקעריי, עס איז ניט געווען ווו צו קריגן יידישע שריפט און קיינער פון די יידישע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן געחלומט וועגן אַרויסגעבן אַ יידי־שע צייטונג, האָבן ניט געהאַט די מינדסטעטע אַנונג וועגן דעם ווי מען טרעט צו צו אַזאַ אונטערנעמונג.

צוליב דעם וואָס דער געדאַנק אַרויסצוגעבן אַן אייגענע יידישע צײַ־טונג איז שוין לאַנג געווען רייף אין דער יידישער קאָלאָניע און צוליב

דעם וואָס הלוי איז פונקט געקומען אין צייט און אַלע האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט יראת הכבוד, איז ניט אָנגעקומען שווער צו זאַמלען די נויטי־קע סומע געלט פאַר וועלכער מען האָט אַריבערגעבראַכט פון בוענאָס איי־רעס יידישע שריפט און דאָס קעסטל שריפט צוזאַמען מיט דער רעדאַקציע האָט מען איינגעאָרדנט אין לאָקאַל פון דער „קולטור ליגע" אין דער גע־ביידע פון „אידישן צענטער" אויף דער גאַס הענריקע דיאַס.

ווער דער דאָזיקער אינזשיניער יוסף הלוי איז, פונוואַנען ער שטאַמט און אַנדערע איינצלהייטן וועגן זיין לעבן — איז נישט געלונגען צונויפצו־זאַמלען, פשוט דערפאַר וואָס קיינער האָט זיך ניט פאַראינטערעסירט פון אים זיך עס צו דערוויסן און בכלל האָט ער זיך געהאַלטן אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ פון אַלע אַרומיקע אין יידישן קיבוץ, אַזוי אַז קיינער האָט ניט געוווּסט וועגן אים מער ווי זיין נאָמען. אויך זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער אין דער צייטונג האָבן וועגן אים גאָרניט געוווּסט צו דערציילן, ווייל אויסער דער עצם אַרבעט, האָט ער זיך פאַקטיש ניט צונויפגעלעבט מיט קיינעם.

דער שרייבערישער יחוס פון הלוי איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט געהאַט געשריבן אין דער העברעישער „הצפירה" אין וואַרשע, קאָרעס־פאָנדענצן פון אַרגענטינע. די דאָזיקע קאָרעספאָנדענצן האָבן עס אים גע־דינט אַלס אַטעסטאַט ביי די אינטעליגענטן אין פּ. אַ., ווען זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט אים ער זאָל אַרויסגעבן און רעדאַקטירן זייער אויסגע־טרוימטע יידישע צייטונג.

הלוי האָט אָן ספק געהערט צו די אַמאָליקע משכילים, לויטן ברייטן באַגריף פון וואָרט. ער האָט אָבער ניט אַרויסגעוויזן קיין ביטול באַציאונג צו יידיש, ווי די מייסטע משכילים פלעגן זיך נוהג זיין, ער פלעגט גראָד פאַרטיידיקן יידיש קעגן העברעיש און האָט אויך געשריבן אַ פיינעם יידיש, לויט די באַגריפן פון יענער צייט. בכלל איז ער געווען אַן אידעאַליסט, האָט זיך איבערגעגעבן צו זיין אַרבעט ווי צו אַן עבודת הקודש, האָט געזוכט אויפצוקלערן און לערנען דעם לייענער, ניט אַכטנדיק דערביי צופיל אויפן שכר. דער פרט האָט הפנים אויך מיטגעהאָלפן די צייטונג זאָל דערשיינען און געדייען אַ שטיקל צייט.

כאַראַקטעריסטיקעס וועגן זיין פערזענלעכקייט זיינען אין פּ. אַ. פון

אונדזער צייט כמעט ניט געווען בנמצא. די געציילטע פון זיינע מיטאַרבעטער, וואָס האָבן וועגן אים געוווסט עפּעס צו דערציילן האָבן זיך סותר געווען אין זייערע אָפּשאַצונגען. אייניקע האָבן אים געקאָנט אַלס נעווראָסטעניקער, מיט וועמען עס איז כמעט אוממעגלעך געווען צו אַרבעטן צוזאַמען. לויט די שילדערונגען, זאָל ער האָבן געהאַט אין פ. אַ. משוגעת־אָנפאַלן און זאָל האָבן פאַרענדיקט אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק קראַנקע. אַנדערע ווידער דערציילן וועגן אים ווי וועגן אַ שטילן און באַשיידענעם מענטש, אַ מין מאָדערנעם בטלן, וואָס האָט זיך נישט געמישט מיט קיינעם און האָט ניט געוואָלט לײדן ווען פרעמדע האָבן זיך געמישט אין זיינע ענינים.

אַ כאַראַקטעריסטיק פון יוסף הלוי גיט דער אַלטער בראַזיליאַנער תושב און זשורנאַליסט, ברוך שולמאַן, אין זיינע זכרונות א. ב. „מיין באַגעגעניש מיטן רעדאַקטאָר פון דער ערשטער יידישער צייטשריפט אין בראַזיל" („דער נייער מאָמענט", סאַן פּאַולאָ, 17טער נאָוועמבער 1950).

אין דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטיק דערציילט ש. ווי ער האָט נאָך אויפן שיף, פאַרנדיק קיין בראַזיל, געטראָפן אין אַן אַלטן נומער „הצפירה" אַ קאָרעספּאָנדענץ פון בראַזיל „געשריבן אין אַ לעבעדיקן טאָן און אין אַ פיינעם העברעיש" און דער נאָמען פון שרייבער איז געווען: יוסף הלוי.

צום באַדויערן גיט ש. גאָרניט צו צו דעם וואָס מיר האָבן שוין געזאָגט אַלס אַ כאַראַקטעריסטיק פון הלוי. פאַרקערט, עס זיינען אויסגעלאָזט די סאַמע וויכטיקסטע דאַטן, וועלכע וואָלטן ניט געדאַרפט פעלן אין אַזעלכע זכרונות. עס ווערט ניט דערמאָנט וועגן וואָס עס איז געווען די קאָרעספּאָנדענץ פון בראַזיל; עס ווערט ניט אָנגעגעבן די דאַטע פון „אַלטן נומער „הצפירה", ווו ש. האָט געלייענט די קאָרעספּאָנדענץ פאַרנדיק אויפן שיף „אין לאַנד פון חלומות און האָפענונגען", ווי ש. שילדערט בראַזיל; ש., וועלכער איז געווען אַ מיטאַרבעטער סיי פון „די מענשהייט", סיי פון „די יידישע צוקונפט", דערמאָנט ניט מיט קיין וואָרט די אַנדערע מיטאַרבעטער און בנוגע הלוין גופא באַגרענעצט ער זיך מיטן דערציילן וועגן אים ווי ער איז געווען ביי אים צו גאַסט אין קוריטיבאַ, האָט אים פאַרגעלייגט אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג אין ריאָ דע זשאַנײראָ, הלוי אַלס רעדאַקטאָר און שולמאַן אַלס אַדמיניסטראַטאָר.

כאָטש די אויבנדערמאָנטע שילדערונג גיט ניט צו קיין ספּעציעל וויכטיקע פּרטים צום עצם ענין יידישע צייטונגען און זייער רעדאַקטאָר הלוי, גיבן מיר די דאָזיקע פאַרצייכענונגען אַלס פּערזענלעכן דאָקומענט פון אַן אַלטן יידישן תושב אין בראַזיל און איינעם פון די ערשטע מיטאַר־בעטער פון די דאָזיקע צייטשריפטן.

נאָך דעם ווי מיר האָבן אויסגענוצט אַלע מעגלעכע קוועלן און האָבן ניט געקאָנט באַקומען קיין כאַראַקטעריסטיק וועגן הלוי, דעם ערשטן רע־דאַקטאָר פון די ערשטע צוויי צייטשריפטן אין בראַזיל, האָבן מיר זיך גע־ווענדט צו דער לייטונג פון יִיווֹ״אָ אין בוענאָס איירעס און צו קאָלעגע פּיניע כּץ, מחבר פון „יידישע זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע״ און „יידישע לי־טעראַטור אין אַרגענטינע״. די וויטערדיקע כאַראַקטעריסטיקעס האָבן מיר טאַקע צו פאַרדאַנקען מיכל הכהן סיני, דער פּיאָנער פון יידישן געדרוקטן וואָרט אין אַרגענטינע, וועלכער איז געווען אַזוי פריינדלעך צו געבן זיין כאַראַקטעריסטיק וועגן הלוי דורך דער פאַרמיטלונג פון יִיווֹ״אָ און פריינד פּיניע כּץ, וועלכער האָט אָפּגעשריבן פאַר אונדזער אַרבעט די וויכטיקסטע דאַטן וועגן הלוי פון זיין ווערק „יידישע ליטעראַטור אין אַרגענטינע״, בוענאָס איירעס, 1946 (ז״ז 33—37).

„יוסף הלוי איז געקומען קיין אַרגענטינע אַ יאָר אָדער צוויי פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, געוווינט אין ראָזאַריאָ, זיך דערנערט פון געבן לעקציעס און רעפּעראַטן. אין איינעם פון זיינע גייסטרייכע רעפעראַטן וועגן דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער פאַרויסגעזאָגט אַלע געשעענישן אַזוי ווי זיי האָבן זיך טאַקע שפּעטער אַנטוויקלט. די דאָזיקע לעקציע זיינע איז געדרוקט געוואָרן אין דער ערשטער יידישער טעגלעכער צייטונג אין אַרגענטינע „דער טאָג״.

„ווען „די פּרעסע״ אין אַרגענטינע האָט זיך געגרינדעט (1918) איז יוסף הלוי געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן. געשריבן וועגן פּאָליטישע ענינים. געקאָנט פּערפעקט אַ סך אייראָפּעישע שפּראַכן, געווען אַן ערשט־קלאַסיקער העברייער און מיטגעאַרבעט אין דער „הצפירה״. ער פלעגט קאָרעספּאָנדירן מיט נחום סאָקאָלאָוו, וועלכער פלעגט אים טיטולירן: ידיד יקר. האָנאָראַר פון דער „הצפירה״ (3 קאָפּיקעס פאַר אַ שורה, וואָס

איז געצאָלט געוואָרן אים ווי אַן אויסנאַם — אַזוי האָט אים סאָקאָלאָוו גע־שריבן) פלעגט ער לאָזן שיקן פאַר זיין אָרעמער שוועסטער אין ריגע — אַליין פלעגט ער אָפט צוהונגערן. געווען אַן אייגנאַרטיקער טיפ — אַ גייס־טיקער אַריסטאָקראַט און פשוט אין באַנעמען זיך. געהאַט אַ טיטול פון אינזשיניער און קיינמאָל דערפון ניט דערמאָנט. פלעגט געבן לעקציעס אין העברעיש און פראַנצויזיש. פון דער נאַטור געווען אַ טיפ פון אַ באָהעם: פלעגט בוכשטעבלעך צופוס גיין קיין בראַזיל און צוריק און קיינער פלעגט נישט וויסן ווען ער לאָזט זיך אַהין און ווען ער קומט. זיין פסעוו־דאָנים איז געווען: „אַ ייד אָן אַ באָרד" הגם ער האָט געטראָגן אַ באָרד".

אָט וואָס מיכל הכהן סיני דערציילט וועגן יוסף הלוי:

„מער ווי אַלע האָט נהנה געווען פון די געצאָלטע שורות (דאָ רעדט זיך פון דעם וואָכנבלאַט „אונדזער וואָרט", וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין בוענאָס אײַרעס אין 1913) וואָס האָט זיך אונטערגעשריבן: אַ ייד אָן אַ באָרד. ער האָט אין די אַרטיקלען פאַרטיידיקט יידיש קעגן די פרע־טענזיעס פון העברעיִש; וועלטלעכקייט קעגן די פרעטענזיעס פון די פרוּ־מע; סאָציאַליזם קעגן ציוניזם און אַלץ מיט שאַרפער, דער עיקר מיט רייפער, שרייבערישער טעכניק.

„ווער איז דער נייער שרייבער? אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער „ייד אָן אַ באָרד" טראָגט גראָד אַ באָרד, אַ רונד אַרומגעשוירן שוואַרץ בערדל שטייפע האָר, עטוואָס רשעותדיק פאַרקרומט, אַרום אַ קינדיש פנים מיט קורצזיכטיקע אויגן, מיט וועלכע ער האָט געלייענט און געשריבן אָן ברילן, איבערגעבויגן איבערן פאַפיר ביז צום טיש, אָדער צוגעטראָגן דאָס גע־דרוקטע וואָרט פאַר די אויגן".

„דער סטיל איז דער מענטש, זאָגט מען, און דער דאָזיקער שרייבער מיט דעם רשעותדיקן קרומען און שטעכיק שטייפן בערדל, וואָס פלעגט כמעט שטענדיק פאַרענדיקן זיינעם אַן אַרטיקל מיט אַ שאַרפן פראַגע־צייכן, ווי ער וואָלט צוגעשטעלט דעם לייענער אַ חלף צום האַלדז, איז געווען קינדיש נאַיִוו און קינדיש קאַפּריזנע און האָט נישט מוחל געווען אַפילו אויף איין אות, וואָס דער רעדאַקטאָר האָט געפונען פאַר נייטיק צו ענדערן. אויך בעת ער האָט גערעדט מיט עמעצן איבער קליינִיקייטן, איבער דער

מינדסטער זאַך, איז געלעגן אַזאַ שאַרפּער שטוינען, אַ „בתמיה" אויף זיין שוואַרץ באַברעמטן קינדישן פּנים און זיינע קורצזיכטיקע כמעט בלינדע אויגן".

„פונוואַנען האָט ער זיך פּלוצים גענומען, אָט דער זשורנאַליסטישער גזלן? ערשט מיט אַ וואָך פריער האָט ער זיך געהאַט באַוויזן אין דער ציוניסטישער „יידישער האָפענונג" מיט אַן אַרטיקל איבער אַ העברעישן ענין, אונטערגעשריבן מיט דעם פּסעוודאָנים „אַ. וואָלאָזינער". דעם פּסעוו־דאָנים האָט מען געקאָנט טייטשן ווי אַ מין אויטאָ־רעקאָמענדאַציע פון אַ „מוסמך" פון דער באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבה. ציוניסטן האָבן געזאָגט, אַז בעיקר איז ער אַ העברעישער שרייבער, אַז יאָרנלאַנג איז ער געווען אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט פון „הצפירה", איז געווען איר קאָרעס־פּאָנדענט ביים דרייפוס־פּראָצעס און שרייבט און רעדט שיר ניט אַזוי פיל שפּראַכן ווי סאָקאָלאָוו אַליין. פון בוענאָס איירעס האָט ער קאָרעספּאָנדירט אין אַ נאָרד־אַמעריקאַנער יידישער צייטונג, אין „מאָרגן זשורנאַל" אָדער אין „טאַגעבלאַט" און אין אַ פראַנצויזישער צייטונג אין פּאַריז, אין ביידע אונטער פּסעוודאָנימען".

„אַז מען האָט אים געפרעגט אויף זיין ריכטיקן נאָמען, האָט ער ווידער אָנגעגעבן אַ פּסעוודאָנים: יוסף הלוי. מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב פון אים אַרויסבאַקומען זיין ריכטיגן נאָמען. ער האָט מיך געוואַלדיק פאַראינטריגירט מיט זיין מיסטעריעזן — ריכטיקער, דאַכט זיך, איז צו זאָגן: פּסעוודאָנימען — לעבן. איך פלעג אָפט אַריינקומען צו אים, אין אַ כמעט ליידיקן צימער אין עק שטאָט, וווּ ער האָט געפירט זיין פּרוש־לעבן. איך זאָג נישט בחוריש לעבן, ווייל דאָס האָט גאָר אַן אַנדער טייטש, און פּרוש מיינט דאָ אויך ניט גלאַט פּרישות און נזירות, נאָר האַלטנדיק פאַר די אויגן דעם פאַרצייטיקן לערנער־גייער, וואָס פלעגט זיך אָפּשטעלן אין אַ שטעטל, ווו קיינער האָט אים ניט געקענט, און זיך אַוועקזעצן לערנען, שלאָפן אין בית המדרש אויף דער באַנק און זיך דערנערן מיט אַ טרוקענעם סעכער מיט וואַסער, ווי עס שילדערט אים י. י. זינגער אין זיין יאָשע קאַלב. יוסף הלוי פלעגט זיך דערנערן מיט אַ ביסל רייז מיט מילך, וואָס ער פלעגט זיך אַליין קאָכן אויף אַ פּרימוס אויף דער הוילער ערד".

„אין אַ קעסטל, וווּ עס איז געלעגן זיין פּאַרל וועש, האָט ער געהאַלטן זיינע כּתבים: דראַמען. ער האָט געזוכט צו פאַרהאַנדלען ביי די בוענאָס איירעסער אַקטיאָרן, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל געהערט, אַז פאַר אַ פּיעסע דאַרף מען באַצאָלן, בפרט עפּעס אַ „וואַגאַבונד", און דער „וואַגאַבונד" האָט געשטוינט אויף דער חוצפּה. געהאַט האָט ער ביי זיך אין קעסטל אויך אַ געדרוקטן עקזעמפּלאַר פון זיינער אַן איבערזעצונג פון מאַפּוס „אהבת ציון" אין יידיש, געמאַכט אויף באַשטעלונג, ווי ער האָט געזאָגט, נאָך אין אָנהייב פון זיין שרייבערישער קאַריערע, און אַלס איבערזעצער איז דאָרט אָנגעגעבן י. ל., די איניציאַלן פון זיין אמתן נאָמען, האָט ער מיר אויפגעהויבן אַן עק פון זיין מיסטעריע, — יוסף לעווינסאָן — נאָר דער נאָמען, האָט ער געזאָגט, עקזיסטירט ניט מער, ווי ער אַליין עקזיסטירט ניט מער פאַר זיין משפּחה.."

„אָנהייב 1918, נאָך אַ צייט פון עטלעכע יאָר פאַרשווינדן, האָט ער זיך ווידער באַוויזן, און אויף אַ קורץ שטיקל צייט, אין בוענאָס איירעס. עס האָט דעמאָלט אָנגעהויבן דערשיינען „די פּרעסע" און מען האָט אים אויפגענומען אַלס מיטאַרבעטער, צו שרייבן צוויי מאָל אין וואָך איבער דער אויסערן־פּאָליטיק. ער האָט אָבער שנעל געמוזט פאַרלאָזן זיין אַרבעט, ווייל זיינע אַרטיקלען זיינען געווען ניט אינעם קורס פון דער צייטונג. זיין אינספּיראַציע אויף דעם געביט איז געווען דער „קוריע פראַנסעז" (אַ פראַנצויזישע צייטונג אין בוענאָס איירעס), וווּ ער פלעגט דרוקן פון צייט צו צייט אַן אַרטיקל, און דאָרט פלעגט מען איבערדרוקן די באַקאַנטע מעשיות וועגן לענינס אַפּמאַך מיט די דייטשן זיך איבערצוגעבן רוסלאַנד וכדומה. אין „די פּרעסע" פלעגט ער זיינע אַרטיקלען אונטערשרייבן מיט אַן X, און די לייענער, אומצופרידענע מיט זיין פּאָליטישן קורס, האָבן אים גערופן: מאַדאַם איקס".

„ער איז ווידער פאַרשוווּנדן פון בוענאָס איירעס, און אָנהייב 1920 האָט זיך באַקומען אין „די פּרעסע" דער ערשטער נומער פון זיינער אַ וועכנטלעכער אויסגאַבע, פון פיר זייטלעך אין פערטל פאָרמאַט, אונטערן טיטל „די מענשהייט", דערשינען אין פּאָרטאַ אַלעגרע. דאָס בלעטל האָט אַנטפּלעקט אַ גאָר אַנדערן פּאָליטישן פּנים פון דעם יוסף הלוי. אַרויסגע־

וויזן האָט זיך, אַז דער העברעישער שריפטשטעלער, אמתער מייסטער פון יידישער פּראָזע, אַ ייד אָן אַ באָרד א.א.וו., איז גאָר אַן אַנאַרכיסט. אין אַ בריוול צו מיר, האָט ער געשריבן, אַז ער האַלט אין פאַרענדיקן אַ גרויס ווערק, וואָס זאָגט פאָרויס אַ צווייטע און אַ דריטע וועלט־מלחמה".

„אינעם זעלביקן יאָר, 1920, איז ער געשטאָרבן. און זיין טויט איז געווען אַזאַ ווי זיין לעבן, דער טויט פון אַ פּרוש, וואָס פאַלט ביי זיין שטענדער אין בית המדרש און מתעסקים קלייבן זיך צונויף אים טאָן זיין רעכט. נאָר געשען איז עס אין די מאָדנע ווילדע באַדינגונגען פון אונדזערע נייע לענדער.

„אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אין דער „פּרעסע" צו וויסן געגעבן פון אַ בוענאָס איירעסער משוגעים־הויז, אַז דאָרט געפינט זיך אַ מענטש, וואָס גיט ניט אָן זיין נאָמען, נאָר ער זאָגט, אַז מען קען אים אין דער יידישער צייטונג „די פּרעסע" און ער איז געריררט פון זינען אויס פאַרצווייפלונג, ווייל ער האָט פאַרלוירן זיינעם אַ מאַנוסקריפּט פון אַ גרויס ווערק, אויפן וועג צופוס פון בראַזיל. אין דעם צושטאַנד האָט אים פאָליציי אויפגעקליבן אין מיטן וועג לעבן דעם שטעטל מערסעדעס, עטלעכע שעה גאַנג פון בוענאָס איירעס".

„ווען חברים פון „די פּרעסע" און אַנדערע, צווישן זיי אַ באַקאַנטער ציוניסט און חובב פון העברעיש, יוסף רייך, זיינען געקומען אין משוגעים־הויז, האָבן זיי אים געטראָפן שוין אין אָן אָרון צום מקבר זיין אויפן אַלגעמיינעם שטאָטישן בית עולם טשאַקאַריטאַ, אויף אַ ספּעציעלער שתדלנות, אין וועלכער עס האָט אַ גרויסן חלק געהאַט דער דערמאָנטער יוסף רייך, איז שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג געלונגען איבערצופירן פונעם דערמאָנטן בית עולם זיין נאָך בלוטנדיקן גוף אויפן יידישן בית עולם אין ליניערס, הינטער בוענאָס איירעס.

„אויף זיין קבר שטייט אַ גלאַטער שטיין מיט די געציילטע ווערטער:
פּ. נ. יוסף הלוי".

מיר גלויבן, אַז מיר האָבן דאָ געגעבן אויספירלעך אַ כאַראַקטעריסטיק פון הלוי און אַזוי־ערנאָך געשטעלט אַ מצבה דעם גרינדער און ערשטן רעדאַקטאָר פון די יידישע צייטונגען אין בראַזיל אין זייער בראשית.

איצט קענען מיר זיך פאַרנעמען מיטן פאָרשטעלן פאַרן לייענער די צוויי צייטונגען, וואָס זיינען דערשינען אין 1915 און 1920 אין פּאָרטאָ אַלעגרע אונטער דער רעדאַקציע פון יוסף הלוי ע״ה, וועלכע האָבן גע־לייגט דעם יסוד פאַר דער יידישער פּרעסע אין בראַזיל.

פאָרטא אלעגרע, 9־טער דעצעמבער 1915. 1־טער יאהרגאנג, נו׳ 2.

# די מענשהייט

## (A' Humanidade)

### א וואכענבלאט

---

די ערשטע יידישע צייטונג אין בראַזיל, האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין פּאָרטאָ אַלעגרע, דעם 1טן דעצעמבער 1915. די צייטונג איז געווען פון פּערטל־צייטונג פאָרמאַט, איז באַשטאַנען פון 4 זייטן און איז געווען אויס־גערעכנט צו דערשיינען יעדע וואָך. אין קאָפּ פיגורירט אַלס רעדאַקטאָר יוסף הלוי און אַלס אַרויסגעבער: „יודישע צייטונגס־געזעלשאַפט״; דער אַדרעס פאַר געלט איז: ב. לעווגאַי אויף באָם פים 88, און דער אַדרעס פאַר בריוו — ס. קויפמאַן אויף גאַס צוועלפטער אָקטאָבער. אַלס אַגענטן ווערן אָנגעגעבן: אין סאַנטאַ מאַריאַ — ש. רייכער און אין פיליפּסאָן — ח. פּי־לישטינער.

דעם ערשטן נומער האָט הלוי אויסגעפילט כמעט אַליין מיט אַרטיקלען און נאָטיצן אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען, ווי: איש הלוי, בן ישראל א. אַנד. אין די ווייטערדיקע נומערן זיינען אויך געווען געדרוקט קאָרעס־פּאָנדענצן פון פאַרשיידענע שטעט: נאַטאַן בעקער (ריאָ דע זשאַניירא),

מאַרקאָס פראַנקענטהאַל („קוואַטראָ אירמאַנאָס״), מלך רייכער — אויך אונ־טערן פסעוודאָנים למך — (סאַנטאַ מאַריאַ), טוביה קראַסנאָקוצקי־קראַסנע (פּאָרטאָ אַלעגרע), ברוך שולמאַן (קוריטיבאַ) א. אַנד.

אין דער טעכנישער אַרבעט פון דער צייטונג האָבן געהאָלפן:

לעוואַי, בערנאַרדאָ גאָלדנבערג און יאַנקל בעקער, דער לעצטער אַלס באַצאָלטער זעצער, זעצנדיק מיט דער האַנט די צייטונג צוזאַמען מיט הלוי און שפּעטער געטראָגן די אויסגעזעצטע זייטלעך אין אַ ניט־יידישער דרוק־קעריי צום דרוקן.

„די מענשהייט״ איז דערשינען 6 מאָל און דאָס אין פאַרלויף פון מער ווי 6 וואָכן, ווייל פאַקטיש איז די צייטונג ניט דערשינען רעגולער יעדע וואָך, ווי מ׳קען זיך טועה זיין צוליבן אונטערקעפּל וואָכנבלאַט. אין נומער 6 איז געווען אַ מעלדונג, אַז פון היינט און ווייטער וועט די צייטונג דערשיינען יעדע צוויי וואָכן, הפּנים צוליב אוממעגלעכקייט אויסצוזעצן די צייטונג אין פאַרלויף פון אַ וואָך. דער פאַקט איז, אַז קיין ווייטערדיקער נומער איז בכלל נישט דערשינען מער און מיטן נומער 6 איז „די מענשהייט״ אָפּגע־שטעלט געוואָרן. לויט דער מיינונג פון אייניקע מיטאַרבעטער האָט די צייטונג אויפגעהערט דערשיינען צולים דעם וואָס הלוי איז געווען אַ קעג־נער פון די צענטראַלע מלוכות און אַ גרויסער אָנהענגער פון די אַלייִרטע. זיינע אַרטיקלען קעגן די צענטראַלע מלוכות האָבן אויפגעבראַכט די לייע־נערס, וועלכע זיינען געווען כמעט אַלע פאַר די צענטראַלע מלוכות און דאָס האָט דערפירט צו אַ מחלוקה אין דער דאַמאָלסטיקער יידישער קאָלאָניע אין פּ. אַ.

הלוי איז ניט געווען שטאַרק געניגט אויסצוקומען מיט מענטשן בכלל, און מעשה משכיל האָט ער הפּנים ניט געהאַלטן צופיל פון דער אינטע־ליגענץ פון זיינע קעגנער, וועלכע האָבן אויף אים געוואָלט אַרויפצווינגען זייער מיינונג (לטובת די צענטראַלע מלוכות). עס איז זייער מעגלעך, אַז הלוי האָט זיך אָפּגערוקט פון דער צייטונג, כדי שפּעטער זי איבערנעמען מיט זיינע אָנהענגער און אַרויסגעבן אַ נייע צייטונג לויט זיין גייסט און אָן דער אַריינמישונג פון זייטיקע, אָבער דערווייל איז דאָס קעסטל שריפט געבליבן שטיין אין לאָקאַל פון דער „קולטור ליגע״ אָן שום נוץ.

# די יודישע צוקונפט

(O FUTURO ISRAELITA)

גערהט ארוים איין מאל אין מאנאט

פארטא אלעגרע 15 אפריל 1920 | N. 4 | ערשטער יאהרגאנג

ערשט אין 1920 באַוויזט זיך הלוי ווידער אין פּאָרטאָ אַלעגרע און דעם 15טן יאַנואַר 1920 דערשיינט דער ערשטער נומער פון אַ זשורנאַל אונטערן אויבנדערמאָנטן נאָמען, וועלכער איז אויסגערעכנט צו דערשיינען יעדן חודש. דער פּאָרמאַט איז אַ ביסל קלענער ווי פון „די מענטשהייט", עס איז אין קאָפּ ניט אָנגעגעבן קיין שום נעמען און אויב מ'ניר זיינען זיך סומך אויפן עדות זאָגן פון קאָלעגע פּיניע כץ, איז דער טאָן פון „די יידישע צוקונפט" געווען פּראָ־אַנאַרכיסטיש און דאָס פּירט אַרויף אויפן געדאַנק, אַז די גרופּע אַנאַרכיסטן, וועלכע זיינען שטענדיק געווען אין פּ. אַ., האָבן עס דערמעגלעכט הלוי זאָל צוריקקומען און אַרויסגעבן אַ צייטונג מיט זייער מיטהילף און השפּעה.

אין ייווא אין ניו־יאָרק האָבן מיר געקראָגן אַ פֿאָטאָ־קאָפּיע פון נומער 4 פון „די יודישע צוקונפט", אַזוי אַז די צייטשריפט האָט געדויערט לכל

הפּחות פיר חדשים, ווייל אַ ביסל שפּעטער פאַרשווינדט ער אויף שטענדיק פון פּ. אַ. און מיטן פאַרשווינדן פון הלוי איז די „יודישע צוקונפט” אונטער־געגאַנגען.

די פאַרצייכנטע דאַטן און כאַראַקטעריסטיקעס האָבן מיר צו פאַר־דאַנקען די פריינד: בערנאַרדאָ גאָלדנבערג, דאַמאָלסט אַ סטודענט פון אַ האַנדל־שול; שמואל שפּיגל, אַקטיוור פּועלי ציון טוער אין פּאָרטאָ אַלעגרע, אַקטיוו זיך באַטייליקט אין קאַמף קעגן די פּרויענהענדלער און דער ייק״א אין אַרגענטינע, אַנגעפירט דורך לעאָן כאַזאַנאָוויטש ע״ה, פונוואַנען ער האָט טאַקע געמוזט אַוועק צוליב זיין אַקטיוו זיין אין די „פּועלי ציון”. עס האָבן אונדז איבערגעגעבן געוויסע דאַטן און איינדרוקן פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין בראַזיל אַ ריי אַלטע תושבים אין פּ. אַ., ווו דער מחבר האָט געוווינט אין די יאָרן 1925—1929, אַזוי אַז וועגן זייער אויטענטיש־קייט איז ביים מחבר ניט פאַראַנען קיין צווייפל, כאָטש קיין דאָקומענטן אויף זיינע באַהויפּטונגען קען דער מחבר, צום באַדויערן, ניט אָנווייזן, ווייל זיי זיינען בכלל ניט בנמצא.

2טער יארגאנג

O Semanario Israelita

Redacção e Administração: Rua V. Itauna 120 Sob.

אין 1923, דעם 15טן נאָוועמבער — יאָרטאָג פון פּראָקלאַמירן די רעפּובליק אין בראַזיל — דערשיינט אין ריאָ דע זשאַניירא דער ערשטער נומער פון אַ יידישע וואָכנצייטונג. די גרינדער זיינען געווען: שלמה (סאָ־לאָמאָן) געלמאַן, מרדכי קויפמאַן, יעקב שענקמאַן, יעקב לעטיטשעווסקי, אהרן קויפמאַן און אַדאָלפאָ קישינאָווסקי.

עס איז געשען אַזוי, אַז צו יענער צייט, נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, האָבן די איינוואַנדערער, וועלכע האָבן געשטראָמט קיין בראַזיל, מייסטן צו משפחות, וואָס האָבן זיי אַרויסגעפּאָדערט, זיך אָנגעהויבן באַזעצן אין שטעט, ווי ריאָ און סאַן פּאַולאָ לויט זייערע פאַכן. אַזוי האָבן צב״ש שניידער אַרבעטער געצויגן קיין סאַן פּאַולאָ, ווו עס איז געווען אַ נאָכפראַגע אויף שניידער אין דער באַקליידן אינדוסטריע, דאַקעגן זיינען אַנדערע איינ־וואַנדערער, צווישן וועלכע עס איז געווען אַ באַדייטנדיקע צאָל אינטעלי־

געגנטן, אָן פּאַכן, אָדער מיט ניט קיין גאַנגבאַרע פאַכן, פאַרבליבן אין ריאָ דע זשאַניירא, ווו דער דאַמאָלסטיקער יידישער ישוב איז כמעט אויס־שליסלעך באַשטאַנען פון „קליענטעלטשיקעס" און יעדער האָט לייכט גע־קאָנט קריגן אַרבעט.

די גרינדער פון „דאָס אידישע וואָכענבלאַט" זיינען אַלע געוועזן פון די אַלטע תושבים, וואָס האָבן געלעבט אין לאַנד פון פריער און זיינען, ווער מער, ווער ווייניקער, געוועזן דערפאָלגרייך אין זייערע מיסחרים און זיינען פּאַקטיש געוועזן די גרונטשטיין־לייגער פון די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן עקזיסטירט אין יידישן ישוב צו דער צייט פון אָנהייב פון אַן אימיגראַציע שטראָם נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה. פון צווישן דעם קליינעם הייפעלע כלל־ און קולטור־טוער צו יענער צייט, האָבן זיך אויסגעטיילט די פאַר־שיידענע גרופּן, וועלכע האָבן געשאַפן די רייכע ביבליאָטעק א. ב. שלום עליכם; זיי האָבן געגרינדעט דעם „אידישן הילפס־ און אימיגראַנטן־שוץ־פאַריין"; האָבן געבויט שולן און מנינים צום דאַוונען, האָבן מיט אַלע זייערע כוחות אָפּגעגרענעצט זיך פון די „טמאים" און אויסגעמיטן יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר געהאַט וועלכע עס איז שייכות צו דעם פרויענהענדלער געזינדל און זייער גרויסע האָפענונג איז שטענדיק געוועזן, אַז עס וועט קומען אַ גרעסערע אימיגראַציע פון יידן אין לאַנד און מיט דער פאַרגרעסערונג פון יידישן ישוב וועלן אַלע אינסטיטוציעס, וועלכע זיי האָבן געשאַפן, זיך פונאַנדערבליען און עס וועט זיך איינפונדעווען אַ געזונטער און קולטורעלער יידישער קיבוץ אין לאַנד.

די ערשטע יאָרן, ווען די צאָל יידן איז געווען זייער ווינציק און ווען די „טמאים" האָבן געוואָלט גילטן אַלס די יידישע קאָלעקטיוויטעט, איז אין יעדער מנין, שול אָדער סתם חברה, וואָס איז אַנטשטאַנען, דער לאָזונג גע־ווען: „לא תביא אתנן זונה בית ה'" און אין טייל חברות איז דער פסוק זאָגאַר געווען אויפגעשריבן אויף דער וואַנט. דאָס באַווייזט אָן ספק דעם איינהייטלעכן געדאַנק, וואָס האָט אין די ערשטע צייטן באַהערשט אַלעמען און דאָס איז געווען, אַז עס איז אומבאַדינגט דער חוב פון יעדן צו העלפן לייגן דעם פונדאַמענט פאַר אַ ריינער יידישער געזעלשאַפט אין בראַזיל.

די גרינדער פון דער ערשטער רעגולערער יידישער וואָכנשריפט אין בראַזיל האָבן געזען אין דער אַנטשטייאונג פון דער צייטונג די פּאַרווירקלעכונג פון אַ לאַנגיאָריקן טרוים, וואָס זיי האָבן געטרוימט אין משך פון יאָרן, ווען זיי זענען געווען אַ קליין הייפעלע יידן אין נייעם לאַנד; עס איז געווען ביי זיי די סאַטיספאַקציע פון האָבן אויפגעהיט דעם קערן פאַר אַן ערלעכער יידישער געזעלשאַפט, וואָס דאַרף ווערן דער פונדאַמענט פון אַ שיינעם יידישן קיבוץ אין בראַזיל; עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן צום שבח פון די גרינדער פון דער ערשטער יידישער וואָכנשריפט אין בראַזיל, אַז זיי האָבן זיך באַצויגן צו זייער מיסיע ווי צו אַ מלאכת הקודש, וואָס דאַרף שטיין אויף אַ געהעריקער הויך און דערפאַר האָבן זיי איינגעלאַדן אַלס רעדאַקטאָרן פון דער וואָכנשריפט די ה״ה יעקב נאַכבין, וועלכער האָט דאַ געוווינט אין פּערנאַמבוקאָ, און איז געווען באַקאַנט אַלס פאַרשער פון דער געשיכטע פון די אנוסים אין בראַזיל (שפּעטער פאַרעפנטלעכט „דער לעצטער פון די גרויסע זאַקוטאָס״, פּאַריז 1929) און יאָסל כץ (ברודער פון פּיניע כץ, רעדאַקטאָר פון „די פּרעסע״, בוענאָס איירעס), וועלכער האָט דאַן געאַרבעט אין דער ציוניסטישער פעדעראַציע אַלס אָנגעשטעלטער סעקרעטאַר.

אויף ווי וויט די גרינדער האָבן זיך באַצויגן מיט יראת הכבוד צו דער אָנפירונג פון דער וואָכנשריפט איז צו זען דערפון וואָס קיינער פון זיי האָט זיך ניט געריסן צו פיגורירן אַלס דירעקטאָר אָדער אַרויסגעבער און אַפילו אַדאָלפאָ קישינאָווסקי, וועלכער האָט שוין דאַן געשריבן דערציילונגען פון יידישן לעבן אין בראַזיל (געווען דער ערשטער יידישער שרייבער אין בראַזיל, שפּעטער פאַרעפנטלעכט אַ באַנד דערציילונגען פון יידישן לעבן א. ב. נייע היימען״, בילאָפּאָליס־ריאָ דע זשאַנייראָ, 1932), און איז אָן ספק געווען דער באַרופנסטער צווישן די גרינדער צו זיין דער וואָרטזאָגער אין דער וואָכנשריפט, האָט עס ניט געפּרוווט ווערן און דאָס אַלעס איז געווען דערפאַר וואָס די באַציאונג צו דער אונטערנעמונג איז געווען דורכגעוועבט מיט אַ געפיל פון אחריות און יראת הכבוד, ווי צו אַ דבר קדושה און ווי צו דעם ווינקלשטיין פון גרויסן, ערלעכן יידישן קיבוץ אין בראַזיל.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטימונגען אין דער יידישער געזעלשאַפט צו יענער צייט, וואָס יאָסל כץ, וועלכער האָט ניט געמאַכט קיין סוד פון זיין קעגנערשאַפט צום בירגערלעכן ציוניזם, האָט דאָך געקאָנט אָנהאַלטן דעם פּאָסטן פון סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע און שפּעטער אויך אַלס איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער וואָכנשריפט. אמת, די וואָכנשריפט האָט פאַרייניקט אַלעמען און צווישן די גרינדער זיינען געווען אויך ניט־ציוניסטן, דאָך איז אָבער דער ציוניזם געווען די איינציקע אָרגאַניזירטע נאַציאָנאַלע אידייע אין יידישן ישוב און די טאָלעראַנטע באַציאונג צו ה׳ כץ איז געווען דער רעזולטאַט פון אַ לאָיאַלער באַציאונג צו די מיינונגען פון אַ קעגנער בכלל, וואָס איז דאַן געווען ווי אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכע זאַך צווישן די יידישע עסקנים אין ישוב. די באַציאונג געדויערט אָבער ניט לאַנג און כץ פאַרלאָזט די רעדאַקציע און זיין פּאָסטן און פאָרט צוריק קיין בוענאָס איירעס.

יעקב נאַכבין איז אייגנטלעך אויך ניט געווען קיין ציוניסט, נאָר זיין ניט הויזן מיט די גרינדער און אָנפירער פון דער צייטונג איז געווען מער אַ רעזולטאַט פון פּריוואַטע רייבונגען און מיט אַ צייט שפּעטער פאַרלאָזט אויך ער די רעדאַקציע.

די גרינדער פון דער ערשטער יידישער וואָכנשריפט אין בראַזיל הייבן אָן ביסלעכווייז ווערן מיד פון צוטראָגן אייגן געלט און פון שאַפן געלט צו דעקן דעם דעפיציט פון „דאָס אידישע וואָכענבלאַט" און איינציקווייז רוקן זיך אַלע אָפּ פון דער אָנפירונג פון דער צייטונג, ביי וועלכער עס בלייבט דאַן בלויז אהרן קויפמאַן.

ק. האָט געשטאַמט פון אָדעס, איז פון פאַך געווען אַ זייגערמאַכער און האָט געקאָנט פאַררעכנט ווערן אַלס אינטעליגענטער אַרבעטער, ער האָט אָבער גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט יידישער זשורנאַליסטיק און מיט יידיש בכלל, ווייל זיין אומגאַנגס שפּראַך איז אינדערהיים געווען רוסיש און אויך דאָ האָט מען ביי אים אין הויז גערעדט רוסיש, נאָר עס האָט זיך דאַן פונקט געטראָפן אַז עס איז אָנגעקומען פון אַרגענטינע שבתי קאַראַקאָ־שאַנסקי, אַ בעסאַראַבער בחור, וועלער האָט ניט מצליח געווען אַלס לערער אין שכנותדיקן אַרגענטינע און איז געקומען צו זיינס אַ ברודער אין ריאָ

דע זשאַנײראָ, האָט אים ק. צוגענומען אַלס „האַנט״ אין רעדאַקציע און מיט זײַן הילף אַרויסגעגעבן די צײַטונג.

פֿון אָנהייב, בעת מען איז צוגעטראָטן צו דער גרינדונג פֿון דער צײַטונג, האָט מען די רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע אײַנגעאָרדנט אין אַ פֿאָדערשטער סאַלע אויפֿן ערשטן שטאָק פֿון אַ פֿאַמיליען הויז אויף גאַס: ווייסקאַנדע דע איטאַונאַ, 120. דאָרט האָט מען צוגעגרייט דעם מאַטעריאַל פֿאַר דער צײַטונג און געדרוקט איז די צײַטונג געוואָרן אין דער דרוקערײַ פֿון בן ציון שרייבער און חיים קענדלער, צוויי ארץ ישראל יידן, וואָס האָבן געהאַט זייער דרוקערײַ אויף גאַס: סאַנט אַננאַ, 40, — ביידע, סײַ די רעדאַקציע, סײַ די דרוקערײַ, האָבן זיך געפֿונען אין האַרץ פֿון דער יידישער געגנט צו יענער צײַט, די אַזוי גערופֿענע פּראַסאַ אַנזע.

שפּעטער ווען ק. איז אַליין געבליבן בײַ דער אָנפֿירונג פֿון „דאָס אידי־שע וואָכנבלאַט״, האָט ער געמאַכט שותפות מיט די אייגנטימער פֿון דער דרוקערײַ, די שוין דערמאָנטע, שרייבער און קענדלער, און די רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע האָט זיך איבערגעצויגן אין דער פֿאָדערשטער טייל פֿון דער דרוקערײַ אויפֿן דערמאָנטן אַדרעס. אויפֿן קאָפּ פֿון וואָכנבלאַט פֿיגורירן דאָן: שרייבער, קענדלער און קויפֿמאַן אַלס אייגנטימער־אַרויסגעבער און אַלס דירעקטאָר — אהרן קויפֿמאַן. לויט ווי אונדז איז באַקאַנט איז דער פּלאַן פֿון שותפות געווען צו פֿאַרגרעסערן דאָס געשעפֿט דורך אויספֿירן אין דער דרוקערײַ אויך באַשטעלונגען פֿון קאָמערציעלע דרוק אַרבעטן און אײַנאָרדנען אַ ביכער אָפּטיילונג, ד. ה. אַריבערברענגען יידישע און העב־רעישע ביכער צום פֿאַרקויפֿן, נאָר פֿון דער פֿאַרגרעסערונג פֿון געשעפֿט האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט, ווײַל די דרוקערײַ האָט קוים געקאָנט אויספֿאַר־טיקן די צײַטונג אין פֿאַרלויף פֿון דער וואָך און ק., וועלכער האָט געדאַרפֿט אָנפֿירן מיט דער געשעפֿטלעכער זײַט, איז געווען שטענדיק פֿאַרנומען בײַם שאַפֿן אַנאָנסן, פֿאָרן אין די שטעט אײַנמאָנען דעם אַבאָנאַמענטס אָפּצאָל און בכלל אָנהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט די פֿירער פֿון די פֿאַרשיידענע חברות, פֿון וועלכע מען האָט אויך געקראָגן אַנאָנסן בעת פֿאַרשיידענע אונטערנעמונ־גען זייערע, דער עיקר אָבער אויך אויף אָנצוהאַלטן דעם געזעלשאַפֿטלעכן קאָנטאַקט און דורך דעם האָבן די אַנאָנסן פֿון די פֿאַרשיידענע געשעפֿטן,

ווענס באַלעבאַטים עס זיינען געווען פּרעזידענטן און דירעקטאָרן אין די דאָזיקע חברות, אָדער סאָסיעדאַדעס, ווי מען פלעגט די חברות רופן אין פּאָרטוגעזיש; אויך פון האַנדל מיט ביכער און ספרים איז גאָרניט געוואָרן. די אייגנטימער האָבן אַ שטיקל צייט געפירט אַ מיסחר מיט ביכער און ספרים, זיי האָבן עס אָבער שפּעטער אָפּגעלאָזט, וואַרשיינלעך צוליבן שוין דערמאָנטן טעם, וואָס די צייטונג האָט פאַרשלונגען די גאַנצע צייט און אויפמערקזאַמקייט פון די אַרויסגעבער און וואַרשיינלעך האָט די צייטונג אַליין געגעבן גענוג פּרנסה און די זייטיקע געשעפטן זיינען פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן.

שבתיל קאַראַקושאַנסקי, וועמען מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט און וועגן וועמען עס וועט אונדז נאָך אויסקומען צו שרייבן אין שייכות מיט זיינע טעטיקייטן אַלס רעדאַקטאָר פון דער „אידישע פאָלקסצייטונג", האָט פאַקטיש אויסגעפירט די גאַנצע אַרבעט פון צוזאַמענשטעלן דעם מאַטעריאַל פאַר דער צייטונג, נאָך בעת די רעדאַקציע איז געווען אויפן ערשטן שטאָק פון גאַס וויסקאָנדע דע איטאַונאַ. עס איז געשען אַזוי אַז בעת יעקב נאַכבין איז אַוועק פון דער רעדאַקציע האָט ק. זיך שוין געדרייט אַרום דער צייטונג, געטאָן פאַרשיידענע אַרבעטן אין רעדאַקציע שטיל און ניט געהאַט קיין פּרעטענזיעס אויף קיין ספּעציעלן טיטול, איז ווען עס איז געשלאָסן געוואָרן דאָס געשעפט מיט די אייגנטימער פון דער דרוקעריי האָט אים ק. מיטגענומען אַלס טעכנישן לייטער פון דער רעדאַקציע און צוזאַמען מיט זיין אייגענעם נאָמען אַלס רעדאַקטאָר האָט אויך אָנגעהויבן פיגורירן אויפן קאָפּ פון וואָכנבלאַט דער נאָמען פון קאַראַקושאַנסקי אַלס מיט־רעדאַקטאָר.

„דאָס אידישע וואָכנבלאַט" — שפּעטער אויך אַלע אַנדערע צייטונגען אין בראַזיל — פלעגן אויסגעפילט ווערן מיט אַרטיקלען, וועלכע מען פלעגט אויסשניידן פון די אויסלענדיש־יידישע צייטונגען אין פאַרשיידענע וועלטטיילן, וועלכע פלעגן אָנקומען אין רעדאַקציע. אַממערסטן פלעגט מען אויסשניידן און איבערדרוקן אַרטיקלען פון ניו יאָרקער „פאָרווערטס", וועלכער פלעגט אָנקומען פריער פון אַנדערע צייטונגען. אויף די איבערגעדרוקטע אַרטיקלען פלעגט מען אָנגעבן דעם נאָמען פון שרייבער, אָבער קיינמאָל ניט פונוואַנען מען האָט דאָס אַרטיקל אויסגעשניטן און אַזויערנאָך האָט מען

געוואָלט מאַכן דעם איינדרוק, אַז דער שרייבער — מייסטן פון זיי גוט באַ־קאַנטע דעם ייִדישן לייענער — שיקן זייערע אַרטיקלען אויף דעם היגן וואָכנבלאַט. אויסער די איבערגעדרוקטע אַרטיקלען פלעגט זיין אַ לייט אַר־טיקל אויף דער אינעווייניקסטער זייט, מייסטן וועגן אַ לאָקאַלן ענין; עס איז געווען אַן אָפּטיילונג פאַר געזעלשאַפטלעכע נאָטיצן, וווּ עס זיינען געווען גע־דרוקט קאָמוניקאַטן פון די פאַרשיידענע חברות און באַריכטן פון דער רע־דאַקציע פון פאַרלויף פון פאַרזאַמלונגען און אונטערנעמונגען פון די זעלבע חברות. קאָרעספּאָנדענצן פון די קאָרעספּאָנדענטן אין אַנדערע שטעט איבערן לאַנד און אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פלעגט זיין א. ב. „באַזוכט אונזער רעדאַק־ציע". עס פלעגט אַזוי געשען, אַז אַ ייִד פון אַן אַנדער שטאָט פלעגט קומען קיין ריאָ דע זשאַניירא געשעפטלעך, פלעגט ער אָפּשטאָטן אַ וויזיט אין רע־דאַקציע, וווּ ער פלעגט איבערלאָזן די געזאַמלטע געלטער פאַר פאַרשיידענע אינסטיטוציעס, וועלכע מען האָט דאָרט געזאַמלט און אים מיטגעגעבן אָפּצו־געבן, ער האָט אויך באַצאָלט פאַר זיין אַבאָנאַמענט פון דער צייטונג, אָפט אויך פון אייניקע באַקאַנטע, וועלכע קומען ניט אין דער הויפּט שטאָט. אַזאַ נאָטיץ איז אָפט געווען מיטן בילד פון באַזוכער און איז מיט דער צייט גע־וואָרן די אַמביציע פון יעדן כלל טוער אין די ייִדישע ישובים אויף אַזאַ אופן צו ווערן „געדרוקט" אין בלאַט; די ערשטע זייט פון וואָכנבלאַט איז געווען פאַרנומען מיט „טעלעגראַמעס", וואָס זיינען ווידער אַמאָל געווען אויסשניטן פון די פאַרשיידענע ייִדישע צייטונגען אין דער וועלט, אויף וועלכע עס האָט ניט פיגורירט קיין דאַטע, נאָר בלויז די שטאָט וווּ די באַטרעפנדע פאַסירונג איז פאָרגעקומען. פון זיי זיינען טייל ידיעות, וואָס די רעדאַקציע האָט גע־האַלטן פאַר וויכטיק, געווען געדרוקט מיט פעטער שריפט און אָפט אויך מיט אַ קאָפּ אויף דער גאַנצער ברייט פון דער ערשטער זייט אין גרויסער האָלץ שריפט; דער וויכטיקסטער מאַטעריאַל איז אָבער שטענדיק געווען דער באַצאָלטער אַנאָנס און ניט איינמאָל איז אין דער לעצטער מינוט אַרויס־געוואָרפן געוואָרן וועלכע עס איז „טעלעגראַמע" און עס איז אַריין אַן אַנאָנס אויף דער ערשטער זייט, שוין אָפּגערעדט פון אַן אַנאָנס וועגן אַ געזעלשאַפט־לעכער אונטערנעמונג, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר עפּעס מער ווי בלויז אַן אַנאָנס — שיעור ניט פאַר ליטעראַטור.

אַ ספּעציעל קאַפּיטל איז דאָס געבן אַ נאָטיץ אין וואָכנבלאַט אַ ניי־געקו־מענעם, וועלכער האָט געהאַט וועלכע עס איז שייכות צום יידישן געדרוקטן וואָרט און צו דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין לאַנד פונוואַנען ער איז געקומען, אָדער ער איז געקומען צו פריינד, וועלכע זיינען געווען „אָנגעזען" אין דער היגער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און פירנדיק אים „ווייזן די שטאָט" האָט מען שוין פאַר איינוועגס אים אַריינגעפירט אין דער רעדאַקציע פון „בלאַט" און פאַרגעשטעלט פאַרן רעדאַקטאָר. דער אינהאַלט פון דער נאָטיץ וועגן ניי־געקומענעם איז געווען אָפּהענגיק פון דער פּאָזיציע וואָס עס האָט פאַרנומען אין דער געזעלשאַפט זיין פריינד, צו וועמען ער איז גע־קומען. אָפט זיינען צווישן די ניי־געקומענע טאַקע געווען אינטעליגענטע יונגעלייט, וועלכע זיינען געווען טעטיק אין געוויסע געזעלשאַפטלעכע אינ־סטיטוציעס, אָדער פּאַרטייען אין דער אַלטער היים, טייל פון זיי האָבן זיך אויך געהאַלטן פאַר שטיקלעך שרייבער, האָט דער רעדאַקטאָר ביי זיי געבעטן איינדרוקן וועגן יידישן לעבן אין לאַנד פונוואַנען זיי קומען, וואָס דער ניי־געקומענער פלעגט פאַרשטענדלעך נישט אָפּזאָגן, און די נאָטיץ וועגן אַזעלכן פלעגט זיך פאַרענדיקן דערמיט וואָס מען האָט אָנגעזאָגט די לייע־נער, אַז דער גאַסט בלייבט אַלס „שטענדיקער מיטאַרבעטער פון אונזער צייטונג". טייל פון אָט די ניי־געקומענע זיינען געווען יונגעלייט מיט געוויסן שרייבערישן טאַלאַנט און האָבן פון צייט צו צייט טאַקע געדרוקט לידער, דערציילונגען און אַרטיקלען.

„דאָס אידישע וואָכנבלאַט" איז געזעצט געוואָרן מיט דער האַנט, איז געווען פון געוויינלעכן מאַגאַזין פאָרמאַט אין 8 און אַמאָל אויך אין 12 זייטן. געדרוקט פלעגט די צייטונג ווערן אין אַן איינפאַכער צילינדער מאַשין, וואָס האָט געקאָנט דרוקן בלויז 4 זייטן מיטאַמאָל, פלעגט מען אָפּדרוקן פריער די אינעווייניקסטע זייטן, אַרויסנעמען דעם זאַץ, צעוואַרפן און אויפזעצן די אַנדערע זייטן. ביי דער אַרבעט פון זעצן די צייטונג זיינען — אויסער די איינגנטימער, שרייבער און קענדלער — געווען באַשעפטיקט נאָך אייניקע יונגעלייט און לערניינגלעך, וועלכע האָבן זיך טאַקע דאָרט אויסגעלערנט דאָס פאַך. די זעלבע אַרבעטער פלעגן קלעפּן אַדרעסן, פאַרפּאַקן די צייטונג און אָפּטראָגן אויף פּאָסט, אויך אַרויסלייגן צום פאַרקויף ביים שוך־פּוצער

אין עק גאַס פון דער פּראַסאַ אָנזע, לעבן די קאַפע הייזער, ווו עס פלעגן זיך פאַרזאַמלען אין די פאַרנאַכטן די ניט לאַנג אַריבערגעקומענע און זונטיק אויך די תושבים, וואָס האָבן געווינט אין ווייטערע געגנטן פון שטאָט און זיינען געקומען הערן אַ ביסל נייעס, אָדער זוכן אַ „גרינעם" צו גיין ביי אים אַר־בעטן אַלס „קלאַפּער" און דערביי שוין איינגעקויפט ספּעציעל יידישע שפּייזן, וועלכע מען האָט נאָר געקאָנט באַקומען אויף דער פּראַסע — די יידישע געגנט אין ריאָ.

ביים שוך־פּוצער, ביים קאַפע־הויז אויף דער עק גאַס סאַנט אַננאַ מיט דער פּראַסע, פלעגן זיין אויסגעהאָנגען צום פאַרקויפן יידישע צייטונגען פון אויסלאַנד — וואַרשע, ניו יאָרק — צוזאַמען מיטן וואָכנבלאַט און די סאַמבאַ ביכעלעך, לידער פאַר קאַרנאַוואַל. אויסער די גרינע, וועלכע זיינען געווען די אָפּנעמער פון אויסלענדיש יידישע צייטונגען, פלעגט אויך אַ קליענטעלטשיק, אַ תושב, נאָכן אָפּפאַרטיקן זיך מיט זיינע מסחרים, זיך איינקויפן אַן אויס־לענדיש יידישע צייטונג; פאַר די סאַמבאַ ביכעלעך ווידער זיינען געווען ספּעציעלע קונים — די פּראָסטיטוטקעס פון דער „זאָנע", וועלכע האָט זיך געפונען אין שכנות מיט דער יידישער פּראַסע. דאָס וואָכנבלאַט האָט מען ניט צופיל געקויפט ביים שוך־פּוצער, ווייל די תושבים פלעגן עס קריגן צו־געשיקט דורך פּאָסט אַהיים און די גרינע האָבן ניט געוואָלט נעמען דאָס „בלאַטע", ווי זיי פלעגן עס רופן מיט ביטול, אין האַנט אַריין. דער שוך־פּוצער פלעגט דעריבער ניט נוהג זיין קיין צופיל כבוד דאָס וואָכנבלאַט, זיינען דער־פאַר געווען ספּעציעלע פאַרקויפער, פון וועלכע איינער איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער טיפּ — דער לאָדזשער, ווייל ער איז געקומען פון לאָדזש און פיל לאָדזשער האָבן אים טאַקע געקאָנט פון דאָרט.

דער לאָדזשער האָט אין לאָדזש פאַרקויפט בילעטן ביים יידישן טעאַ־טער, האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַ שטיק טעאַטער רעקוויזיט, איז געווען פאַן־בראַט מיט די אַקטיאָרן, וועלכע פלעגן אַראָפּקומען קיין ריאָ אויף גאַסט־ראָלן, האָט פאַרקויפט טעאַטער בילעטן, יידישע צייטונגען, לאָטעריע צעטע־לעך און איז בכלל געווען אַ גייענדיקע אינפאָרמאַציע ביוראָ וועגן אַלץ וואָס טוט זיך אויף דער פּראַסע, אָדער אין יידישן לעבן בכלל. האָט איינער גע־

דאַרפט עפּעס פאַרקויפן, קויפן, אָדער זיך דערוויסן וועגן עפּעס אויף דער פּראַסע, האָט ער עס אַמבעסטן געקאָנט טאָן דורכן לאַדזשער.

אין אָנהייב קאָנצענטרירט אַרום זיך דאָס אידישע וואָכנבלאַט פּאַקטיש כמעט אַלע, וועלכע האַלטן זיך באַרופן צו האַלטן אַ פּען אין האַנט צו יענער צייט אין בראַזיל. שוין אין יובל־נומער, וואָס איז דערשינען צום ערשטן יאָר עקזיסטענץ (14טער נאָוועמבער, 1924) זיינען אין ספּעציעלן טאָפּל־נומער (52־53) פאַראַן אַ גרויסע צאָל מיטאַרבעטער־קאָרעספּאָנדענטן פון כמעט אַלע יידישע ישובים איבערן לאַנד. עס וועט ניט זיין איבערטריבן ווען מיר וועלן באַהויפּטן, אַז דאָס איז ערשטע מאָל ווען עס איז פאַרזאַמלט כמעט די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ אין בראַזיל צו יענער צייט אונטער איין דאַך.

אונטערן אַלגעמיינעם קאָפּ: דאָס אידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין בראַזיל און אין קלאַמערן: אַ געשיכטלעכער איבערבליק פון פאַרשידענע שטעט און שטעדטלאַך זיינען געדרוקט קאָרעספּאָנדענצן פון: א. קישינאָווסקי — ניקטערוי; א. ראַשאַנסקי — פּערנאַמבוקאָ; יצחק רייכער — קרוז אַלטאַ; ב. קאַלאַמניץ — מאַסעיאָ; טוביה פּאַלאַטניק — נאַטאַל; א. בראַון — קאַשאָעירא; ברוך שולמאַן — קוריטיבאַ־פּאַראַנאַ. יוליאָ שיא, סעקרעטאַר פון „איד. יוגענט פאַראיין" אין קוריטיבאַ, האָט אַ באַריכט פון דער טעטיקייט פון פאַריין; יעקב בעלער, וועלכער איז דאַמאָלסט געווען לערער אין סאַנטאַ מאַריאַ, דרוקט דריי בילדלעך א. ג. פון מיין סעריע היימוועה; חיים טישלער דרוקט צוויי הומאָרעסקעס א. נ. פּאַמפּאַדור און אין קלאַמערן: וועגן האַסען און ליבען, און די ליבע צו דער פרוי, אָנגעבנדיק צום סוף: אידיש: — ח. טישלער. לויט ווי מ'קען פאַרשטיין פון אויסגעשטעלטן קאָפּ און אונטערשריפט, זאָל עס הייסן, אַז דער מחבר איז פּאַמפּאַדור, די הומאָרעסקעס זאָלן הייסן: וועגן האַסען און ליבען און די ליבע צו דער פרוי און איבערגעזעצט אין יידיש זיינען זיי דורך ח. טישלער. אינדעראמתן איז דאָ פאָרגעקומען אַ פּלאַגיאַט: דער לעבעדיגער (ח. גוטמאַן) אין זיין בוך הומאָרעסקעס („ליטעראַרישער פאַרלאַג", ניו יאָרק, 1918), האָט אויף ז"ז 125—126 אַ הומאָרעסקע א. נ. פּאַמפּאַדור וועגן האַסען און ליבען, פונוואַנען ט. האָט פּשוט איבערגעשריבן די הומאָרעסקע מיט איניקע גרייזן אין

טעקסט, אינמיטן געמאַכט אַ קאָפּ: די ליבע צו דער פרוי, וואָס איז אין טעקסט ניטאָ און צום סוף צוגעגעבן זיין נאָמען ווי אַן איבערזעצער פון וועלכער עס איז אַנדערער שפּראַך, בעת עס איז באַוווּסט, אַז דער לעבעדי־קער שרייבט יידיש. אויף וויפל אונדז איז באַקאַנט איז דאָס דער איינציקער פאַל פון פּלאַגיאַט אין דער יידישער פּרעסע אין בראַזיל. ט. איז געווען טעטיק אין דער לינקער באַוועגונג, נאָר אונדז איז ניט באַקאַנט ער זאָל מאַכן אַ צווייטן פאַרזוך זיך צו דרוקן.

וועגן פּאָפּולערער מעדיצין א. ג. „די אַמעביאַנישע דעזינטעריע" שרייבט דער יידישער מעדיקער ד"ר סאַמועל באוזער; וועגן ציוניזם אין בראַזיל שרייבט עדוואַרדאָ האַראַוויץ; איבער דער אונטערשריפט פון ציוי־ניסטישן צענטער אין ריאָ איז געדרוקט אַ באַריכט פון זיין טעטיקייט א. ג. „דער ציוניסטישער צענטער אין ריאָ"; אַ באַריכט פון טעטיקייט איז אויך פאַרעפנטלעכט פון דער „העברעאיש־בראַזיליאַנער שולע „מגן־דוד"; אונטערן קעפּל: „אידישער יוגענט קלוב" דרוקט אַ לענגערן באַריכט נתן הוליאַק; פון סאַן פּאַולאָ שרייבט אַרטור (נפתלי) וויינער וועגן „די ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע אין ס. פּאַולאָ".

אויסער די פריער דערמאָנטע, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין טאָפּל־נומער א. וו., זיינען נאָך געווען פאַררעכנט אַלס מיטאַרבעטער: מרדכי (מאַרקוס) פראַנקענטאַל, יצחק טייטלרויט, שבתי טייטלרויט, לעאָן ראָזנבערג, שמעון ווייסמאַן און מנשה פוקס. די בילדער פון די דאָזיקע מיטאַרבעטער געפינען זיך אין יובל־נומער א. וו. ווען מען נעמט נאָך אָן, אַז אייניקע מיטאַרבעטער האָבן ניט צוגעשיקט אין צייט זייערע בילדער, לויט ווי עס מעלדעט אַ ספּעציעלע נאָטיץ אין יובל־נומער, קען מען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז די צאָל פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך צו יענער צייט גרופּירט אַרום דער איינציקער יידישער וואָכנשריפט, איז געווען גרעסער ווי די צאָל נעמען, וואָס מיר ברענגען דאָ.

צו דער רשימה נעמען דאַרף מען נאָך צוגעבן די נעמען פון: י. פראַנ־צוזסקי, וועלכער פלעגט קאָרעספּאָנדירן פון פּאָרטאָ אַלעגרע; נתן (נאָטאַן) בעקער, וועלכער האָט שפּעטער געשריבן זייער פיינע פעליעטאָנען אויף אַקטועלע געזעלשאַפטלעכע טעמעס און נפתלי יפה, וועלכער איז געווען אַד־

מיניסטראַטאָר פון א.וו. און אייניקע חדשים (אָקטאָבער 1924 — פעברואַר 1925) דער פאַקטישער רעדאַקטאָר.

צווישן די אַלע נעמען זיינען אמת פאַראַנען אַ געוויסע צאָל, וועלכע זיינען אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן פאַררעכנט געוואָרן אַלס מיטאַרבעטער, בעת אינדעראמתן האָבן זיי געהאַט זייער אַ קנאַפּע שייכות צום יידישן זשורנאַליזם און אַביסל שפּעטער האָט מען זיי אין ערגעץ ניט באַמערקט; עס זיינען אויך פאַראַנען אייניקע, וועלכע האָבן זיך אָפּגערוקט פון יידישן צייטונגס־וועזן און זיינען געוואָרן דערפאָלגרייכע געשעפטסלייט, אָדער פּראָפעסיאָנאַלן; אַ געוויסע צאָל איז אָבער דאָך געבליבן, וואָס האַלט עד היום די פען אין האַנט און לאָזט זיך הערן פון צייט צו צייט. די דאָזיקע, צוזאַמען מיט די שפּעטער געקומענע, זיינען עד היום דער קערן פון יידישן זשורנאַליזם אין בראַזיל און זיי שטייען פאָר קיין פאַל ניט אויף קיין נידע־ריקער שטופע ווי זייערע קאָלעגן אין די אַנדערע יידישע ישובים אויפן קאָנטינענט.

דאָס אידישע וואָכנבלאַט איז דערשינען אַלס וואָכנשריפט אין משך פון כמעט פיר יאָר (נאָוועמבער 1923 — יאַנואַר 1927). דער לעצטער נומער איז דערשינען דעם 28סטן יאַנואַר 1927 (לויף נומער 168) און האָט אָנגעהויבן דערשיינען צוויי מאָל אין וואָך (דינסטיק און פרייטיק) אונטערן ווייטערדיקן לויף־נומער און אונטערן נייעם נאָמען: בראַזיליאַנער אידישע פּרעסע.

אין משך פון די פיר יאָר עקזיסטענץ פון א.וו. האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס געענדערט דער אידעישער צוזאַמענשטעל פון יידישן ישוב אין בראַזיל. עס זיינען געקומען אימיגראַנטן, וועלכע זיינען געווען טעטיק אין פּאַרטייען און זיינען דערצויגן געוואָרן אויף דער רייכער פּרעסע אין די לענדער, פונוואַנען זיי זיינען געקומען — עס זיינען פון צווישן די ניי־געקומענע צוגעקומען אַקטיווע טוער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און אין דער קאָמוניסטישער און מיטן פונאַנדערוווקס פון דער לעצטער האָבן זיי — צוזאַמען מיט ליבעראַלע יידישיסטן — זיך פאַרמאָסטן איבער־נעמען די יידישע אינסטיטוציעס, וואָס עס האָבן געגרינדעט און אָנגע־

פירט די ציונים. די ערשטע אינסטיטוציע איבערגענומען צו ווערן איז געווען די שלום עליכם ביבליאָטעק.

עס האָבן זיך פאַקטיש געפונען צוויי קעגנגעזעצטע באַוועגונגען — ציוניזם און קאָמוניזם — וועלכע האָבן געזוכט צו זיין די אָנפירער פון דאַמאָלסטיקן יידישן ישוב אין בראַזיל און דאָס א. וו. איז אויסגעקומען צו לאַווירן צווישן די צוויי קעגנגעזעצטע און זיך באַקעמפנדיקע ריכטונגען.

ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, האָט זיך אַרום א. וו. קאָנצענטרירט די יידישע אינטעליגענץ אין דאַמאָלסטיקן יידישן ישוב אין בראַזיל. דער גרעסטער רוב פון די דאַמאָלסטיקע מיטאַרבעטער זיינען אָבער ניט געווען פראָפעסיאָנעל געשולט אַלס זשורנאַליסטן און האָבן אַפילו ניט געהאַט קיין אַמביציעס אַזעלכע צו ווערן מיט דער צייט, זייער באַציאונג צום מיטאַרבעטן אין א. וו. איז גיכער געווען ווי צו אַ געזעלשאַפטלעכער פונקציע, איידער צו אַ פראָפעסיע פאַר וועלכער מען דאַרף זיך אויסבילדן.

צו יענער צייט קומען אָן קיין בראַזיל מנשה האַלפערן און אהרן בערגמאַן, וועלכע ברענגען מיט זיך מיט סטאַזש פון פראָפעסיאָנעלע זשורנאַליסטן אין אייראָפּע. זיי דרוקן אין א. וו. אַרטיקלען אויף יידישע און אינטערנאַציאָנאַלע טעמעס, פעליעטאָנען, דערציילונגען און לידער. צוזאַמען מיט די קאָרעספּאָנדענצן פון איבערן לאַנד, געזעלשאַפטלעכע נאָטיצן און נייעס, בלייבט ניט מער קיין פּלאַץ אויף איבערצודרוקן אַרטיקלען פון אַנדערע צייטונגען און דאָס א. וו. הייבט אָן באַקומען אַן אויסזען פון אַ לאָקאַלער פּאָפּולערער צייטונג.

# „דאָס נייע וואָרט"
# און די גרינדונג פון פועלי־ציון

צו יענער צייט זענען שוין געווען גענוג בולט די דיפערענצירונגען, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין יידישן ישוב אין משך פון די ערשטע יאָרן פון אימיגראַציע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס גרינדן די „פועלי ציון" פאַרטיי, דאָס דערשיינען פון דער חודש־שריפט „דאָס נייע וואָרט", ווי די פאַרצווייגטע טעטיקייט פון ציוניזם און קאָמוניזם, וועגן וועלכער מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, איז פאַקטיש געווען אַ פועל יוצא פון דער דאָזיקער דיפערענצירונג און אויסטיילונג פון ריכטונגען און אידעאָלאָגיעס אין יידישן ישוב אין בראַזיל, וואָס עס האָט זיך אויך געמוזט אָפּשפּיגלען אין דער פּרעסע, ווי מיר וועלן זיך באַמיען מיט דער גאַנצער מאָס אָביעקטיוויטעט, וואָס מיר פאַרמאָגן, צו שילדערן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע, ווייל עס איז אָן שום ספק פאַראַנען אַ דירעקטע שייכות צווישןביידע — די יידישע פּרעסע, אירע

וואָרט פירער און שרייבער און דער יידישער געזעלשאַפט און אירע כלל־און קולטור־טוער.

פאַר אַלעמען איז נויטיק קלאָר צו מאַכן, אַז די אייגנטלעכע דיפערענ־צירונג און אידייען־שייכות אין די פאַרשיידענע גרופּן פון יידישן ישוב אין בראַזיל זיינען פאַר קיין פאַל ניט געווען בלויז דער דירעקטער רעזולטאַט פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די אַנגעהעריקע צו די פאַרשיידענע גרופּן, — די ליניע פון אידעישער דיפערענצירונג האָט גיכער געפירט דורך אידעישער באַקערונג צו איינער אָדער אַן אַנדערער גרופּע און פאַר קיין פאַל ניט ווייל זיין עקאָנאָמישע פּאָזיציע, געהערנדיק צום קלאַס פון אַן אַרבעטער אָדער אַרבעטסגעבער (אין דעם פאַל „קליענטעלטשיק״), האָט אים דערצו געצווונגען.

עס איז אַזוי אויסגעקומען, אַז די אַזוי גערופענע אַרבעטער, זיינען מייסטן אין גאָר אַ קורצער צייט נאָך זייער אָנקומען אין לאַנד געוואָרן אַליין באַלעבאַטים פון קליינע וואַרשטאַטלעך און מיט דער צייט רייך גע־וואָרן; „קלאַפּערס״ האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן פאַר זיך און געטיילט די אַלגעמיינע אילוזיע פון רייכקייט; אַלטע תושבים ווידער, וואָס האָבן זיך אַזוי צו זאָגן באַקערט צום ציוניזם, קאָמוניזם אָדער אַנדערע גרופּירונג, האָבן עס אין געוויסע פאַלן געטאָן צוליב זייער ווילן באַקומען אַ געוויסע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציע, ווי אַ פּרעזידענט אין איינע פון די חברות, ווו די דאָזיקע גרופּע האָט געהאַט אַ מערהייט און געפירט די פּאָליטיק; עס זיינען אויך געווען אַנדערע — איבערהויפּט צווישן די פאַרדעכטיקע אין האָבן פאַרבינדונגען מיט די טמאים — וואָס האָבן זיך אָנגעגעבן אַלס קאָמוניסטישע סימפּאַטיקער, ווייל דאָרט האָט מען ניט צופיל נאָכגעקוקט זייער פאַרגאַנגענהייט, ווי מען האָט עס געטאָן אין די בירגערלעכע גרופּי־רונגען; גאָר אַנדערע — און אַזעלכע זיינען געווען אין אַ היפּשער צאָל — זיינען געוואָרן סימפּאַטיקער פון קאָמוניזם, ווייל דאָס האָט באַפרייט פון ביישטייערן צו די ציוניסטישע און נאַציאָנאַלע פאָנדן און צו די גרעסערע צאָל חברות און אַנדערע לאָקאַלע געלט־זאַמלונגען, מיט וועלכע די בירגער־לעכע און ציוניסטישע גרופּירונגען האָבן פאַרוואַלטעט אין ישוב און זיי האָבן פון זייערע אָנהענגער געמוזט באַקומען די געהעריקע פאָנדן.

אינדעראמתן זיינען די מייסטע אַריבערגעקומענע איינוואַנדערער שוין אין דער אַלטער היים געווען מיטגלידער אין פאַרשיידענע גרופּירונגען און האָבן דאָ געזוכט ווייטער אויסצולעבן זיך אין דער סביבה פון זייערע אידייען־חברים, נאָר פיל פון זיי זיינען אַריבער אין אַזוי גערופענעם לינקן לאַגער אויך צוליב דעם וואָס די בירגערלעכע גרופּע האָט יעדן, וואָס איז ניט געווען איינשטימיק מיט זייערע מעטאָדן און האַנדלונגען, פאַרשריען אַלס קאָמוניסט און קעגנער און אַזוי־ערנאָך געשטויסן ניט ווינציק אויפריכטיקע און אויסגעפּרוּווטע געזעלשאַפטלעכע טוער מיטצוגיין אין געוויסע פאַלן מיט דעם קעגנערישן צד. אַזעלכע פאַלן זיינען געווען — כדי צו דערמאָנען בלויז געציילטע — די אַקציע פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע אין קרים (שפּעטער אויך אין בירא בידזשאַן), די זאַמלונגען פאַר דער ציש״אָ אין פּוילן און די וואַלן אין דער שלום עליכם ביבליאָטעק אין ריאָ דע זשאַניירא.

געזען פון אַ געוויסער פּערספּעקטיוו, איבערהויפּט ווען מיטן פאַרלויף פון די יאָרן האָבן זיך די געמיטער אַ ביסל באַרואיקט, קען מען זאָגן, אַז צוזאַמען דערמיט וואָס די אַזוי־גערופענע בירגערלעכע עלעמענטן האָבן בכלל ניט געקאָנט און ניט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז מען קען זיין אַ נאַציאָנאַלער ייד און אַן ערלעכער געזעלשאַפטלעכער טוער און דאָך ניט מסכים זיין מיט זייערע פאַרעלטערטע מעטאָדן פון פאַרוואַלטן מיט געזעלשאַפטלעכע ענינים, האָט אויך געווירקט דאָס וואָס עס איז צווישן די אַלטע כלל טוער געווען איינגעוואָרצלט די דאָזיקע סיסטעם פון דער צייט ווען זיי האָבן געהאַט צו קעמפן קעגן דער אַריינדרינגונג פון אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו די טמאים אין דער ערלעכער יידישער געזעלשאַפט. דער אונטערשיד איז נאָר דער, וואָס דאַן זיינען באמת אַלע וועגן און מיטלען געווען כשר, ווייל אין תוך איז עס געווען אַן אומגלייכער קאַמף, פון אַ הייפעלע קעגן אַ גרויסער און עקאָנאָמיש שטאַרקער גרופּע, און איצט האָט זיך געהאַנדלט אין איבערצייגונגען און דאָס רעכט פריי צו קריטיקירן און זאָגן אַ מיינונג וועגן דעם אופן פון דער אָנפירונג מיט דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין ישוב און דערצו זיינען אָפטמאָל די ניי־איינגעוואַנדערטע געווען מער באַרופן ווי די אַלטע מיט זייערע פאַרעל־

טערטע מעטאָדן פון גבאות. ווי עס זאָל אָבער ניט זיין האָבן זיי זייער געשיקט געניצט זייער „מעטאָד“ פון פאַרשרייען אַ קעגנער אַלס קאָמוניסט.

דעם דאָזיקן קוק האָט די דאַמאָלסטיקע ציוניסטישע פעדעראַציע געהאַט אויך אויף דער געשאַפענער „פועלי ציון“ (רעכטע) פאַרטיי, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין פאָרטאָ אַלעגרע. אויב זיי האָבן דער פאַרטיי ניט געקאָנט איינגאַנצן פאַרשרייען פאַר קיין קאָמוניסטן, האָבן זיי צוגעקלעפּט דער געשאַפענער פאַרטיי אַ בלעטל פון „לינקע“, וועלכע זיינען ביי זיי שיעור ניט קיין קאָמוניסטן.

די „פועלי ציון“ פאַרטיי האָט זיך אָפיציעל געגרינדעט אין אָנהייב 1927 און אין ערשטן מאַי פון דעם יאָר איז צום ערשטן מאָל אין בראַזיל דערשינען אַ יידישער אויפרוף צום ערשטן מאַי און דער יום טוב איז געפייערט געוואָרן צוזאַמען מיט דער איטאַליענישער גרופּע סאָציאַליסטן אין דער זעלבער שטאָט א. נ. „זשאַקאָמאָ מאַטעאָטי“. פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ געשעעניש האָט די דאָרטיקע ציוניסטן בולט באַוויזן, אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט לינקע עלעמענטן.

די דיפערענצירונג פון דער יידישער געזעלשאַפט אין פּ. א. איז פאַר־געקומען אַרום דער פראַגע פון יידיש אין דער דאָרטיקער שול א. נ. „בית ספר עממי“. די שול איז אין משך פון יאָרן אָנגעפירט געוואָרן דורך די ציונים מיט טוביה קראַסנע און פראַנצוסקי אָן דער שפּיץ און עס איז דאָרט בלויז געלערנט געוואָרן העברעיש, בעת דער גרעסטער רוב עלטערן האָט געפאָדערט מען זאָל לערנען אויך יידיש. די ציונים, צוזאַמען מיטן לערער פיינגעלערנט, האָבן גאָר ניט געוואָלט הערן דערפון און גע־האַלטן אַזאַ פאַרלאַנג פאַר אַ חילול הקודש.

פון יענער צייט קורסירט אַרום אין פּ.א. אַ רעדע פון לערער פיינגע־לערנט אויף אַן עלטערן פאַרזאַמלונג וועגן דער פראַגע פון יידיש. מיר ציטירן די רעדע פון דעם וואָס אייניקע עלטערן האָבן אונדז בשעתו אי־בערגעגעבן אויף אַ פרייען שטייגער:

„טאַטעס און מאַמעס, איר ווילט דאָך זיכער אַז איירע קינדער זאָלן אויסוואַקסן דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשיניערן און געלערנטע

מענטשן, איז ווי זשע וואַגט איר צו פאָדערן מען זאָל לערנען מיט זיי זשאַרגאָן?"

די דאָזיקע רעדע האָט פאַקטיש געהאָלפן דער אַזוי גערופענער אָפּאָזיציע, וועלכע האָט געקעמפט פאַר יידיש אין שול און וועלכע איז אָנגעפירט געוואָרן פון שמואל שפיגל, אהרן נעסטראַווסקי, יצחק און בערל לערנער, ברידער קאַראַנגאַטש, שעסטאַצקי און מיט זיי דער גרעסטער רוב עלטערן פון קינדער, פשוטע פאָלק מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט זייערע קינדער זאָלן קענען שרייבן אַ יידיש בריוול און לייענען אַ יידישע צייטונג. די ציונים פאַרלירן דעם קאַמף, דער לערער פ. פאַרלאָזט די שול, עס ווערט געוויילט אַ נייע פאַרוואַלטונג, ווו די מערהייט האָט די יידישע ריכטונג און עס ווערט איינגעלאַדן אַלס לערער אין דער שול דער שרייבער פון די שורות מיטן אויסדריקלעכן תנאי, אַז אין שול וועט אויך געלערנט ווערן יידיש צוגלייך מיט העברעיש.

די אידיליע פון אַ יידיש־העברעישער שול אין פ. אַ. געדויערט אָבער ניט לאַנג און אין סוף פון לערניאָר באַנייען די ציונים דעם קאַמף קעגן יידיש אין דער שול שוין ניט אונטער די אָפענע אַטאַקעס קעגן יידיש, דאָס וואָלט שוין ניט געווירקט, ווייל דאָס איינציקע יאָר לערנען יידיש אין אַ געענוגנדיקער מאָס האָט איבערגעצייגן אַלע עלטערן פאַר יידיש, נאָר איצט איז דער קאַמף געווען קעגן דעם פאַרפירן די שול אויף לינקע וועגן. עס האָבן פאַרשטענדלעך ניט געפעלט קיין פערזענלעכע קריגערייען און אָנפאַלן פון פערזענלעכן כאַראַקטער, אין וועלכער די ציונים האָבן אויסגענוצט די אויטאָריטעט פון איק"א פאַרשטייער ד"ר ישעיהו ראַפּאַלאָוויטש, וועלכער האָט זיך אַליין געקרוינט פאַרן רב הכולל פון די יידן אין בראַזיל און געבנדיק די שולן געוויסע סובסידיעס פון די איק"א־פאָנדן, האָט ער איינגעראַמטן געוואָלט איינפירן אין די שולן דעם לימוד פון יידישער רעליגיע, ניט האָבנדיק דאַקעגן מען זאָל אין שול אַפילו לערנען דעם דאָזיקן לימוד אין פּאָרטוגעזיש. צום שבח פון די ציונים דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז זיי זיינען געווען קעגן דעם איינפירן פון רעליגיע לימוד אין שול און דאָס איז געווען פאַרשטענדלעך סיי צוליב זייער וועלטלעכקייט, סיי צוליב דעם וואָס אויך אין די בראַזיליאַנער רעגירונגס־שולן איז דער לימוד פון רע־

ליגיע ניט איינגעפירט געוואָרן. און בכלל האָט זיך דער שטאַט ריאָ גראַנדע דאָ סול אויסגעצייכנט מיט זיין ליבעראַלער קאָנסטיטוציע, וועלכע האָט שטרענג אָפּגעטיילט די קירכע פון שטאַט.

צום נייעם לערניאַר עפנט זיך נאָך די שול אין זעלבן בנין און אַזוי ווי אין משך פון יאָר האָט זיך די שול פאַרגרעסערט און עס איז געוואָרן נויטיק איינצולאַדן נאָך אַ לערער, איז די ציונים, דורך זייערע פאַרבינ־דונגען אין שכנותדיקן אַרגענטינע, געלונגען אַראָפּצוברענגען אַן אויס־געשפּראָכענעם העברעיסט און טראָץ דעם וואָס אָפּיציעל האָט נאָך געגאָלטן די פשרה פון גלייכבאַרעכטיקונג פוןביידע שפּראַכן אין שול, זיינען באַלד אין די ערשטע חדשים אויסגעבראָכן מיספאַרשטענדענישן אין אופן פון פירן די לימודים אין שול און עס קומט פאַר אַ שפּאַלטונג, בעת וועלכער די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אונטער דער אָנפירונג פון די שוין דערמאָנטע און סטימולירט פון די פועלי ציון חברים, גרינדן אַן אייגענע שול א. נ. בער באָראָכאָוו.

אינטערעסאַנט איז דערביי, אַז אַ דאַנק דער ווירקונג פון פּראָגרעסיווע עלעמענטן, וועלכע האָבן געהערט צו די מאַסאָנען און דורך דעם געהאַט פאַרבינדונגען אין די רעגירונגס קרייזן און איבערהויפּט אַ דאַנק דער הילף פון ציוניסטישן עסקן חיים בודיאַנסקי, וועלכער איז געווען זייער אַן ערלעכער און פּראָגרעסיווער מענטש, האָט די רעגירונג געגעבן דער באָראָכאָוו שול מעבל, שול מכשירים און אַ געוויסע סובסידיע, וועלכע גייט פאַרן לימוד פון פּאָרטוגעזיש אין די פּריוואַטע, ניט מלוכהשע, שולן. די שול איז געווען אַ גאַנצע פאָלקס שול, האָט אין פּאָרטוגעזיש געלערנט דעם קורס פון די מלוכהשע פאָלקס שולן און פאַר יידישע לימודים איז די אונטעררריכטס שפּראַך געווען יידיש און העברעיש איז געווען איינגעפירט אַלס לימוד פון צווייטן לערניאָר. די שול איז געווען זייער באַליבט ביי די עלטערן און קינדער און די בילדונגס אויטאָריטעטן פון דער רעגירונג האָבן פון איר זייער געהאַלטן, אַזוי האָט זיך דער סעקרעטאַר פאַר בילדונג באַטייליקט מערערע מאָל אין שול ימים טובים און אָנטיילגענומען אין די עקזאַמענס פון די פּאָרטוגעזישע לימודים.


נומער 1 **Dos Naie wort** פרייז 1 מיל.

דאָס נייע וואָרט

חודש זשורנאַל פאר ליטעראטור און געזעלשאפטלעכע פראגן

רעדאקטאָר: י. רייזמאַן אדמינסטראטאָר: ש. עפיגל

רעדאקציע און אדמינסטראציע Redacção e administração : Rua Garibaldi 1248

אַבאָנעמענט פרייז: צוועלף מיל. א יאָר

ערשטער יאָרגאַנג. פאָרטאָ אלעגרע, מאי 1927 נומער 1

„דאָס נייע וואָרט" דערשיינט פּאַקטיש אַ דאַנק דער אָנשטרענגונג פון די פּועלי ציון חברים און די סימפּאַטיקער, עס איז אָבער נישט קיין אויסגעשפּראָכענע פּאַרטיי־צייטונג און אין קאָפּ ווערט „דאָס נייע וואָרט" באַצייכנט אַלס "חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פראַגן".

דער ערשטער נומער פון דער חודש שריפט דערשיינט אין מאַי 1927 אין אַן אייגענער זעצעריי און געדרוקט אין אַ ניט יידישער דרוקעריי, ווייל קיין יידישער דרוקער איז דאַן אין פּ. אַ. ניט געווען, די שריפט פאַר דער זעצעריי פון דער צייטונג ווערט ווידער געבראַכט פון אַרגענטינע, ווייל פון דער אַמאָליקער שריפט פון דער ערשטער צייטונג אין פּ. אַ. איז קיין זכר ניט געבליבן.

„דאָס נייע וואָרט" דערשיינט אין 16 זייטן מאַגאַזין פאָרמאַט מיט אַ

קאַלירטער הילע און אַ געהעריק בילד אויף דער הילע יעדעס מאָל. עס דערשיינען 6 נומערן, פון וועלכע דער לעצטער איז דערשינען אין דעצעמבער דעם זעלבן יאָר, אַזוי אַז צוליב די שוועריקייטן פון זעצן מיט דער האַנט און טראָגן צום דרוקן די זייטלעך איז די שריפט בלויז אָפיציעל געווען אַ חודש שריפט, בעת פאַקטיש זיינען די זעקס נומערן דערשינען אין משך פון 8 חדשים.

רעדאַקטאָר פון „דאָס נייע וואָרט" איז געווען דער שרייבער פון די שורות און אַדמיניסטראַטאָר איז געווען דער שוין דערמאָנטער שמואל שפיגל. די זעצעריי האָט פונקציאָנירט אין דערזעלבער געביידע פון דער באַראַכאָוו שול, אויף גאַריבאַלדי גאַס און שפּעטער אויף פערנאַנדעס וויעירא.

דער פועלי ציון פאַרטיי, מיט וועלכער עס האָט פון פאַרטאָ אַלעגרע אויס אָנגעפירט אַ צענטראַל ביוראָ, וואָס איז באַשטאַנען פון שמואל שפיגל, בנימין ליבראַט און דער שרייבער פון די שורות, איז געלונגען אויפצוזאַמלען די פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין ציוניזם איבערן לאַנד און מיט דער אויסגעברייטערטער אַקטיוויטעט איז אַנטשטאַנען אַ נויטווענדיקייט אַראָפּצוברענגען נאָך אַ חבר, וואָס זאָל זיין אי אַ לערער אין שול, אי מיטהעלפן דער רעדאַקציע פון דער צייטונג און מיט דער פאַרצווייגטער פאַרטיי טעטיקייט בכלל. דאָס צ. ב. האָט זיך דעריבער געווענדעט צום ביוראָ פון וועלט פאַרבאַנד פון „פועלי ציון" (פאַראייניקט מיט צ. ס.), מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט צו יענער צייט בערל לאָקער אין בערלין, מען זאָל זען שיקן אַזאַ פּאַסיקן חבר קיין בראַזיל. די פאָרגעלייגטע קאַנדידאַטן זיינען געווען: ד"ר יצחק שאַפּיראָ פון ניו יאָרק און אהרן בערגמאַן, וועלכער איז דאַן געווען דער סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי אין פוילן. צוליב דעם וואָס ד"ר שאַפּיראָ האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין צו גרויסן חשק צו קומען קיין בראַזיל און צוליב דעם וואָס די רעקאָמענדאַציעס פון דער פוילישער פאַרטיי מכוח בערגמאַנען זיינען געווען זייער צופרידנשטעלנדיק האָט דאָס צ. ב. באַשלאָסן איינלאַדן ב. לײדער, האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן אַז די רעקאָמענדאַציע בריוו האָט ב. געשריבן אַליין אַלס סעקרעטאַר פון „פועלי ציון" און אַן דעם בפירושן וויסן פון דער פאַרטיי לייטונג, ווייל ער

האָט דאַן געמוזט פאַרלאָזן פוילן צוליב פאַרשיידענע פערזענלעכע קאָמ־פליקאַציעס.

דאָס צ. ב. פון פועלי ציון אין פּ. אַ. האָט ביי פאַרשיידענע געלעגנ־הייטן געפאָדערט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין ריאָ, אַז די אָנפירונג מיט די ציוניסטישע פאָנדן „קרן היסוד" און „קרן קימת" זאָלן אַרויסגענומען ווערן פון דער האַנט פון איין פאַרטיי, די אַלגעמיינע ציונים, און עס זאָל געשאַפן ווערן אַ קאָמיטעט פאַר די פאָנדן, וואָס זאָל באַשטיין פון אַלע פאַרטייען אין ציוניזם און אַזוי ווי פאַקטיש האָט די ציוג. פעד. עקזיסטירט אויפן חשבון פון די פאָנדן זאַמלונגען, האָט עס די אַלגעמיינע ציונים ניט געשמעקט און זיי האָבן געזען אין דער פאָדערונג שיעור ניט אַ רעוואָלוציאָנערן שריט און באַטראַכט די פועלי ציון אין פּ. אַ. פאַר לינקע. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז ווען אינזשינער עטינגער איז דאַן געווען אין בראַזיל אין שליחות פון „קרן היסוד" האָט ער אויסגעמיטן פּ. אַ.

ווען בערגמאַן איז אַרום סוף 1927 אָנגעקומען קיין ריאָ דע זשאַנייראָ אויפן וועג קיין פּ. אַ. האָבן אים די דאָרטיקע ציונים פאַרהאַלטן אין ריאָ און אָנגעשטעלט אויפן גוט באַצאָלטן פאָסטן פון סעקרעטאַר פון „יידישן אימיגראַנטן־שוץ און הילפס־פאַריין", אין וועלכן זיי זענען געווען די הויפּט אָנפירער.

ב. אָרגאַניזירט דאַן אין ריאָ אַ צענטראַל קאָמיטעט פון דער פאַרטיי און לאַדט איין דעם שרייבער פון די שורות קיין ריאָ אַלס לערער אין דער ניי געשאַפענער שול אויף מעיער און אין דער דערגאַנצונגס שול, וואָס די פוע"צ האָבן דאַן געשאַפן אין לאָקאַל פון יוגנט־קלוב אויף דער פראַסאַ אָנזע, ווו אין דער פאַרוואַלטונג איז געווען אַ מערהייט פועלי ציון.

די ציונים אין ריאָ גייט דאַן שטאַרק אין דעם צו שאַפן אַ פאַרייניקטן פראָנט פון גאַנצן יידישן ישוב אונטער דער אָנפירונג פון זייער „פעדע־ראַציע", וואָס האָט אויך געהאַט אַלס וויטגייענדיקן ציל דאָס שאַפן פון אַ יידישער קהילה מיטן איק"א פאַרשטייער ד"ר ראַפאַלאָוויטש אַלס רב הכולל און אין דער הינזיכט האָט זיי ב. פיל נוצן געבראַכט.

Imprensa Israelita-Brasileira

# בראַזיליאַנער אידישע פּרעסע

ווי שוין פריער דערמאָנט הייבט די „בראַזיליאַנער אידישע פּרעסע״ אָן דערשיינען אָנהייב פעברואַר 1927 אונטערן לויף נומער 169 און אין דער רעדאַקציאָנעלער נאָטיץ אין ערשטן נומער ווערט געזאָגט, אַז דער נאָמען פון דער צייטונג ווערט געענדערט צוליב דעם וואָס די צייטונג וועט איצט דערשיינען צוויי מאָל אין וואָך (דינסטיק און פרייטיק) דערפאַר קען זי מער ניט טראָגן דעם נאָמען וואָכנבלאַט.

אין קאָפּ פון דער צייטונג ווערט אָנגעגעבן אַלס מיט־רעדאַקטאָר ש. קאראקושאנסקי, רעדאַקטאָר — אהרן קויפמאַן און אַרויסגעבער־אייגנ־טימער — בן ציון שרייבער, חיים קענדלער און אהרן קויפמאַן. אין צוזאַ־מענשטעל פון דער אָנפירונג מיט דער צייטונג האָט זיך אַזויערנאָך כמעט גאָרנישט געענדערט און אויך איצט האָט זיך די פּאָליטישע אָריענטאַציע פון דער צייטונג געפירט אַזוי, עס זאָל צופרידן שטעלן אַלע ריכטונגען אין יידישן ישוב.

קויפמאַן, וועלכער פלעגט זיך ביז איצט באַנוגענען מיטן אויסשניידן די אַרטיקלען פאַר דעם קומענדיקן נומער און פון צייט צו צייט אויך אַמאָל אָנשרייבן אַ נאָטיץ וועגן אַ פאָרגעקומענער פאַראַנשטאַלטונג פון וועלכער עס איז אָרגאַניזאַציע, האָט איצט אָנגעהויבן אויך שרייבן די לייט־אַרטיקלען פון דער צייטונג, וועלכע פלעגן גיין אָן אַן אונטערשריפט און נאָר ווען ער פלעגט עס ניט באַוויזן צו טאָן פלעגט די לייט אַרטיקלען אָנשרייבן ק. און אונטערשרייבן זיינע איניציאַלן ש. ק.

ק. האָט זיך שטענדיק געמיט צו געבן אין די לייט אַרטיקלען דעם אויסדרוק פון דער אַלגעמיינער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז געשאַפן אַ סיטואַציע, אַז דעם ציוניסטישן שטאַנדפּונקט פלעגט אַרויסזאָגן האָראָוויץ אין זיינע אַרטיקלען און די מיינונג פון „דער גאַס“ פלעגט איבערגעבן קויפמאַן. עס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, אַז די מיינונג פון „דער גאַס“ איז ניט געווען אייגנטלעך קיין אַנטי ציוניסטישע אין אָנגענומענעם זין פון וואָרט, עס איז גיכער געווען די טענדענץ פון דער גרויסער צאָל אומפּאַרטייאישע, אָדער דעמאָקראַטישע עלעמענטן, וועלכע זיינען ניט געווען אין תוך קיין קעגנער פון ציוניזם, האָבן אָבער ניט מסכים געווען מיט אַ טייל האַנדלונגען פון די ציונים אין די פאַרשיידענע אינסטיטוציעס אין ישוב.

ק. פלעגט זיינע מאמרים פאַרלייענען אָפּט פאַר זיינע פריינד פון צווישן די דערמאָנטע אומפּאַרטייאישע כלל־ און קולטור־טוער, פלעגט זיך אויך אָפּט אָן עצה האַלטן מיט זיינע שותּפים אין דער אָנפירונג פון דער צייטונג וועגן אַ שטעלונג, וואָס די צייטונג האָט געדאַרפט נעמען אין אַ געוויסער פראַגע, אויך אין זין פון סטיל און ריכטיקן אויסלייג פלעגט ער זיך באַראַטן מיט קאַראַקושאַנסקי, אָדער אַנדערע מיטאַרבעטער.

אַ ספּעציעל אינטערעסאַנט קאַפּיטל איז די באַציאונג פון פאַרשיידענע יונגעלייט, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פאַר שרייבער און ק. האָט זיי בשום אופן ניט געוואָלט געבן קיין מעגלעכקייט זיך צו דרוקן אין דער צייטונג. דאָ ווילן מיר נאָר פאַרצייכענען אַן איינצלנעם פאַקט, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דאַמאָלסטיקער שטימונג פון שנאה ביי די דערמאָנטע יונגעלייט צו ק.

עס איז דאַמאָלסט געווען אַ געוויינלעכע דערשיינונג, אַז אַ יידישער אינטעליגענט וועלכער האָט ניט געהאַט צו וואָס זיך צו נעמען, איז אַוועק אַרבעטן אַלס איינמאַנער פון בילעטן („קאָבראַדאָר") אויף די טראַמוויען, וואָס האָבן קורסירט אין שטאָט פון דער קאַנאַדישער „לייט ענד פּאָווער קאָמפּ.". אַזעלכער פלעגט גיין אָנגעטאָן אין אַ ספּעציעלן אוניפאָרם מיט אַ נומער אויפן היטל און פלעגט אומגיין צווישן די פּאַסאַזשירן און איינמאָנען דעם אָפּצאָל פאַר דער רייזע, וועלכע ער פלעגט דאַרפן אָפּקלאַפּן אויפן זייגער, וואָס איז געהאָנגען אין צענטער פון טראַמוויי. איינער פון די דאָזיקע יונגעלייט איז געווען אַ געוויסער מענדל העלפּאַנט, וועלכער האָט ספּעציעל ניט געשאַנעוועט ק. און ביי יעדער געלעגנהייט אים אַריינגעזאָגט און אָנגעוויזן אים אויף עם הארצות. טרעפט איינמאָל אַז עס געשעט עפּעס אויף דער פּראַסאַ, אַלע טראַמוויען פאַרהאַלטן זיך און זיין טראַמוויי בלייבט שטיין ניט ווייט פון דער רעדאַקציע, לויפט ער אַריין אין רעדאַקציע, וווּ ק. איז פּונקט געזעסן איבערגעבויגן איבער זיינע כתבים און עפּעס געשריבן, און ווענדעט זיך צו אים: חבר קויפמאַן, זייט אַזוי גוט קומט אַרויס און פאַרריכט מיר דעם זייגער אויף דער „באָנדע" (טראַמוויי). דער עולם וואָס איז גראָד געווען אין רעדאַקציע, האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער און ק., וואָס איז געווען אַ קורצזיכטיקער, האָט זיך צוגערוקט צו אים נענטער, ווי ער זאָל וועלן זען ווער עס איז דער חוצפּהניק, און אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים אַריין.

אויסער די געציילטע, וועלכע ק. האָט ניט געלאָזט איבערטרעטן די שוועל פון דער רעדאַקציע, האָט ער אין אַלגעמיין שטאַרק מקרב געווען יעדן וואָס האָט געהאַט עפּעס צום דרוקן אין ציימונג און בפירוש צוגעצויגן יעדן, וואָס האָט געקאָנט האַלטן אַ פּען אין האַנט, איבערהויפּט האָט ער זייער גערן געדרוקט די פאַרשיידענע כלל- און קולטור-טוער, כאָטש טייל פון זיי האָבן אַזוי שלעכט געשריבן, אַז מען האָט זיי געמוזט אינגאַנצן איבערשרייבן די „אַרטיקלען" כדי זיי זאָלן קענען געדרוקט ווערן. אין דער הינזיכט האָט זיך ק. ספּעציעל אָפּגעגעבן מיט די אַריינגעבראַכטע, אָדער צוגעשיקטע מאמרים, וועלכע ער פלעגט אָפטמאָל אַזוי „אויסבעסערן", אַז דער מחבר פלעגט ניט דערקענען זיין „אַרטיקל" פון וועלכן עס איז אָפּט

ניט געבליבן מער ווי זיין נאָמען. אויף דעם געביט זיינען פאָרגעקומען נישט ווינציק קאָמישע אינצידענטן.

צו יענער צייט פלעגן זיך דרוקן אין דער צייטונג, אויסער די שוין פריער דערמאָנטע קאָרעספּאָנדענטן פון די קלענערע שטעט, עדוואַרדאָ האָראָוויץ — אויף ציוניסטישע און יידיש־נאַציאָנאַלע טעמעס, ווי אויך אויף לאָקאַלע טעמעס אין ליכט פון דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע; ש. קאָראָקושאַנסקי — דערציילונגען און לידער (פאַר לידער פלעגט ער נוצן דעם פסעוודאָנים: בן ישראל); מנשה האַלפּערן — דערציילונגען און לי־דער (לידער אונטערן פסעוודאָנים: נאשאני); אהרן בערגמאַן — אַרטיקלען וועגן אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין גייסט פון סאָציאַליזם און פעליע־טאָנען (פאַר די לעצטע גענוצט די פסעוודאָנימען: בן־נחום, גלין־גלאָן). דאָס זיינען געווען, אַזוי צו זאָגן, די שטענדיקע מיטאַרבעטער, וועלכע זיינען געווען פאַררעכנט פאַר פּראָפעסיאָנאַלן און האָבן אויך געקראָגן אַ געוויסן שכר פאַר זייערע אַרטיקלען, אויסער זיי זיינען געווען אַ גרעסערע צאָל געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע מען פלעגט דרוקן גערן אין צייטונג, ווייל דאָס האָט געהייסן „האַלטן אָפן די שפּאַלטן פון דער צייטונג פאַר יעדן קאָנסטרוקטיוון געדאַנק אין יידישן ישוב", ווי ק. פלעגט זיך אָפט אויסדריקן אין זיינע מאמרים וועגן פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע ענינים.

עס האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז די ציונים האָבן געהאַלטן די צייטונג, אויב ניט פאַר קיין הונדערט פּראָצענטיק ציוניסטישע, איז לכל הפחות פאַר אַ פּראָ־ציוניסטישע, ווייל אויסער קאָראָקושאַנסקי און עדוואַרדאָ האָראָוויץ, וועלכע זיינען געווען טעטיקע ציונים, זיינען אויך בערגמאַן און האַלפּערן געווען ביי זיי אויף קעסט, איינער אַלס סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע און די ציוניסטישע פאָנדן, און דער צווייטער אַלס סעקרעטאַר אין „יידישן אימיגראַנטן־שוץ און הילפס־פאַריין", וואָס האָט דאַן געהאַט אַ ציוניסטישע מערהייט אין דער פאַרוואַלטונג.

די אַרויסגעבער ווידער, מיט אהרן קויפמאַן בראש, האָבן געהאַט אַן אַנדער מיינונג. פון געשעפטס שטאַנדפּונקט האָט זיך זיי טאַקע געוואָלט צו לעבן בשלום מיט אַלע ריכטונגען אין יידישן ישוב, עס איז אָבער געשען אַזוי אַז די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן געמאַכט אין פרווו נאָכן אַנדערן

אַריינצודרינגען אין די עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס, האָבן זיך אָפּט אויך אויסבאַהאַלטן אונטער פאַרשיידענע אומפּאַרטייאישע שטעמפּלען און אויסגענוצט יעדן ערלעכן און אומפּאַרטייאישן כלל־טוער פאַר זייערע צוועקן, דערפאַר האָבן די ציונים — פּאַקטיש ניט אינגאַנצן אָן רעכט — פאַר־דעכטיקט יעדן ערלעכן און אומפּאַרטייאישן טוער אַלס ווערקצייג אין די קאָמוניסטישע הענט און וויל די פירונג פון די ציונים אין די געזעל־שאַפטלעכע אינסטיטוציעס האָט ווירקלעך געהאַט אַ סך פעלערן, האָט זיך געשאַפן אַ מאָדנע לאַגע פון אַ גרופּע, וועלכע האָט אויף כוח געוואָלט אויפ־האַלטן איר העגעמאָניע אין די אינסטיטוציעס, וואָס עס האָט אויף אַ שפּאַר ביסל שאָקירט אַפילו ציוניסטיש געשטימטע כלל־טוער. די קאָמו־ניסטן ווידער האָבן אויף אַ געשיקטן אופן אויסגענוצט די געשאַפענע סיטואַציע און האָבן אין אַ גרויסער מאָס געשטיצט די אַזוי גערופענע ניי־טראַלע שטעלונג פון דער „בראַז. איד. פּרעסע", וועלכע האָט אויף אַזאַ אופן גרופּירט אַרום זיך די ליבעראַלע טייל פון דער יידישער געזעלשאַפט, וועלכע איז באַשטאַנען אינגאַנצן פון דעמאָקראַטישע עלעמענטן און אומ־פּאַרטייאישע, אָבער פאַר קיין פאַל ניט פון קיין קאָמוניסטן און אַפילו ניט פון קיין קעגנער פון ציוניזם און ערשט אויפן לעצטן אָרט האָבן זיך נאָכ־געשלעפּט די קאָמוניסטן, ווען עס האָט, אין דער געשאַפענער סיטואַציע, געלוינט צו זיין מיט די דאָזיקע כלל־טוער און שטיצן די נייטראַלע שטע־לונג פון דער צייטונג קעגן די ציונים.

אַזאַ סיטואַציע האָט ממילא געמוזט מיט דער צייט פירן צו שאַר־פערע חילוקי דעות אויך אויסער די ראַמען פון די לאָקאַלע שטרייט פראַגן, ווו די קאָמוניסטן וועלן ניט זיין איינשטימיק מיט די אומפּאַרטייאישע כלל־טוער און די אומפּאַרטייאישע וועלן ניט קענען גיין מיט די ציונים, ווען אַפילו זיי וועלן זיין קעגן די קאָמוניסטן.

אַזאַ לאַגע שאַפט זיך טאַקע בעת עס באַזוכט בראַזיל אין שליחות פון דער ציש"אָ אין פוילן דער לידער פון די לינקע פּועלי ציון, זרובבל.

קיין אָרגאַניזירטע גרופּע פון לינקע פּוע"צ איז דאַן אין ריאָ דע זשאַ־נייראָ ניט געווען און אויסער דעם האָט די שליחות פון די יידישע שולן אין פוילן געפירט דעם שליח צו דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט, האָבן

אים טאַקע אויפגענומען די זעלבע גרופע ליבעראַלע כלל־ און קולטור־טוער, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום דער בראַז. א״ד. פּרעסע און די צייטונג גופא האָט אים פאַרשטענדלעך געהאָלפן אין דער אַקציע. אָט דאָס האָבן די ציוניסטן אויסגענוצט אַלס אויסרייד און האָבן באַשלאָסן זיך צוריקצוציען פון דער צייטונג און גרינדן אַן אייגענע צייטונג, וואָס זאָל זיין אינגאַנצן ציוניסטיש.

די באַציאונג פון דער דערמאָנטער גרופע ליבעראַלע כלל־טוער און פון דער אָנפירונג פון דער צייטונג איז געווען אַן אויפריכטיקע, ווייל זייער צוגאַנג צו יידיש וועלטלעכער דערציאונג איז געווען דער רוקנביין פון זייער וועלט־אָנשויאונג און פון אָט דער גרופע האָט זיך טאַקע אויסגעשיילט די אָרגאַניזירונג פון דער „שלום עליכם״ שול אין ריאָ און דאָס אַריבערברענגען אַהין אַלס לערער דעם באַוווסטן משלים־שרייבער און לערער לייזער שטיינבאַרג. די צייטונג ווידער האָט טאַקע געהאַט אַ זייער פּאָזיטיווע באַציאונג צו יידיש־וועלטלעכע דערציאונג און האָט בכלל געשטיצט יעדע פּאָזיטיווע אַקציע אויף דער יידישער גאַס, נאָר דערביי זיינען אויך געווען מאָטיוון פון ריין־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, ווייל די דערמאָנטע גרופע האָט פּאַקטיש געשטיצט די צייטונג קעגן די ציוניסטישע מנהיגים און דערפון איז וואָס אַמאָל מערער געוואָרן אָפּהענגיק די האַנדלונג פון די צייטונגס־באַלעבאַטים און זייער באַציאונג און שטעלונג צו געוויסע פראַגן, וואָס זיינען אַרויפגעשווימען אין יידישן ישוב.

די ציוניסטן ווידער האָבן הפנים איינגעזען, אַז זייער השפעה אין דער אָריענטאַציע פון דער צייטונג איז ניט קיין גענוגנדע. זיי האָבן זיך ניט געוואָלט צוהערן צו דער מיינונג פון די אַנדערש דענקנדע און יעדן פאַררעכנט פאַר אַ קעגנער, און אויך דערפאַר וואָס זיי זיינען געווען דער רוב מיטאַרבעטער אין צייטונג און עס איז זיי פשוט ניט אָנגעשטאַנען, אַז די צייטונג זאָל פאַרטרעטן אַ שטאַנדפּונקט וואָס איז ניט אין איינקלאַנג מיט זייער קוק אויף געזעלשאַפטלעכע פראַגן.

די נעגאַטיווע באַציאונג פון די ציוניסטן צו דער אַקציע פאַר ציש״אָ איז אין תוך געווען די שטעלונג פון העברעיסטן בכלל, נאָר זייער אָפיציעלער אויסרייד איז געווען אַז מען דאַרף פריער פאַרזאָרגן די יידישע

דערציאונגס אַנשטאַלטן אין אונדזער ישוב, אין פלוג געקומען אַ ביז גאָר אויסגעהאַלטענער אַרגומענט, נאָר ניט ווייניק האָט צו דער דאָזיקער נעגאַטיווער שטעלונג אויך בייגעטראָגן בערגמאַן, וועלכער האָט געהאַט פּאַרטייאישע חשבונות מיט זרובבל נאָך פון פוילן און זיין אויסרייד איז געווען, אַז די ציש״אָ איז אייגנטלעך אַ פּאַרטייאישע — אָדער צווישן פּאַרטייאישע — שול־נעץ, בעת עס עקזיסטירן אויך שולן פון „שול־קולט", פאַר וועלכע ער וואָלט געאַרבעט ווען מען זאָל פאַר זיי מאַכן אַן אַקציע. ווי עס זאָל אָבער ניט זיין, זיינען די צוויי באַזונדערע צוגאַנגען צו דער פראַגע פון דער באַציאונג צו דער ציש״אָ אַקציע געווען פאַראייניקט אין דער נעגאַטיווער באַציאונג צו דער אַקציע פון ציש״אָ און צו איר שליח, זרובבל.

די ליניע פון קעגנער און שטיצער פון דער אַקציע האָט זיך ניט געטיילט לויט דער פּאַרטיי ליניע, אַזוי זיינען געווען געגנוג ציונים און פּועלי ציון, וועלכע האָבן געשטיצט די אַקציע פון ציש״אָ און די אייגנטימער פון דער צייטונג, וועלכע זיינען אויך געווען פּועלי ציון, האָבן אויסגעדריקט די מיינונג פון אַ גאָר גרויס סערגרופּע סימפּאַטיקער פון דער יידישוועלטלעכער דערציאונג, זיי האָבן געטענהט, אַז יעדע אַקציע פאַר יידישע שולן מוז געשטיצט ווערן און אויב עס זיינען פאַראַנען נאָך טיפּן שולן זאָלן זיי דורכפירן אַקציעס און זיי וועלן אויך זיי שטיצן, והאָ ראיה — האָבן זיי געטענהט — זיי שטיצן אויך די העברעישע גימנאַזיע און די אַנדערע שולן אין ישוב, ווו די ציונים זיינען די אָנפירער און בעלי השפעה.

עס איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז די ציונים האָבן שוין לאַנג געפּלאַנט אַרויסצוגעבן אַן אייגענע צייטונג און דער פאַל מיט דער אַקציע פאַר דער ציש״אָ איז בלויז געווען אַן אויסרייד. זייער אויסרעכענונג איז אומגעפער געווען אַזאַ: אַלע מיטאַרבעטער פון דער צייטונג זיינען ציונים, אויך אין די קלענערע ישובים זיינען די מערסטע שטיצער פון דער צייטונג ציוניסטישע עלעמענטן, פאַר וואָס זשע זאָלן זיי זיין אונטערגעוואָרפן די מיינונג פון א. קויפמאַן, פון וועלכן זיי האָבן, אגב, ניט געהאַט קיין צו געהויבענע מיינונג אַלס רעדאַקטאָר; אין דער זעלבער ריכטונג איז אויך געגאַנגען די אויסרעכענונג אויף דער געשעפטלעכער זייט: די בראַז. איד. פרעסע האָט זיך אַליין אויסגעהאַלטן און געהאַט זייער פיל אַנאָנסן פון יידישע און ניט

יידישע געשעפטן. אויב זיי וועלן מיט זייערע מענטשן אַוועק פון דער צייטונג וועט זיך דאָך די צייטונג זיכער שליסן, דאַן וועלן זיי האָבן אַ ברייט פעלד פאַר טעטיקייט און צוזאַמען מיט דעם וועלן זיי טאַקע אויפבויען אַ גרויסע צייטונג, וואָס וועט זיין אַ שטיץ־פונקט פאַרן ציוניזם אין בראַזיל. אויסער די וואַרשיינלעכע אויסרעכענונגען זיינען צוגעקומען די שטימונגען פון קעגנערשאַפט, וואָס עס האָבן געהערשט צווישן די מיטאַרבעטער צום רעדאַקטאָר ק., וועלכער איז ניט תמיד געווען צו פאָלירט אין זיינע באַציאונגען מיט די מיטאַרבעטער, וועמען ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט געוואָלט אימפּאָנירן מיט זיין באַהאַווּנטקייט פון קענען אָנפירן מיט דער געזעלשאַפטלעכער זייט פון דער צייטונג.

ווי מען זאָל זיך ניט באַציען צו דער האַנדלונג פון די ציונים, וועלכע האָט געצילט טאַקע אומצוברענגען די איינציקע יידישע צייטונג אין בראַזיל צו יענער צייט, קען מען זייער האַנדלונג אין אַ געוויסער מאָס באַרעכטיקן דערמיט וואָס זייער הויפּט ציל איז דאָך געווען אַן אידעישער — דער ציל צו שאַפן אַ ציוניסטישע צייטונג.

פון דער בראַז. איד. פּרעסע זיינען דאַן אַוועק: האַראָוויץ, קאַראַקאָנאָנסקי און האַלפּערן. בערגמאַן, ווידער, איז דערווייל געבליבן אין דער בראַז. איד. פּרעסע, ווו ער האָט דערווייל מיטגעאַרבעט און אונטערגעהאַנדלט וועגן פאַרבלייבן און מיטהעלפן רעדאַגירן די צייטונג. מעגלעך, אַז ער האָט טאַקע געהאַט בדעה צו בלייבן מיט דער בראַז. איד. פּרעסע, נאָר די ציוניסטישע באַלעבאַטים פון דער נייער צייטונג האָבן אים אָנגעבאָטן אַ געוויסע סומע און אַן אַנטשפּרעכנדיקן קאָנטראַקט, ווייל זיי איז געגאַנגען אין דעם עס זאָל קיינער ניט בלייבן אין דער בראַז. איד. פּרעסע און דערמיט זיין זיכער, אַז די צייטונג וועט ניט קענען ווייטער עקזיסטירן, — אַזויערנאָך איז ב. ערשט שפּעטער אַריבער צו זיי און געוואָרן איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דער נייער צייטונג — די אידישע פאָלקסצייטונג.

עס וואָלט אונדז פאַרפירט צו ווייט — און עס איז אפשר אויך ניט איבעריק אינטערעסאַנט צו אַנאַליזירן דאָ וואָס עס האָט באַוויגן ב. אַ שטיקל צייט צו „טאַנצן אויףביידע חתונות” — מיטאַרבעטן אין דער בראַז. איד.

פּרעסע און צוזאָגן צו בלייבן מיט זיי, בעת אין דער זעלבער צייט האָט ער אונטערהאַנדלט מיט די ציוניסטן.

ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, האָבן די ציונים אויסגערעכנט אַז מיטן אַוועקגיין פון זייערע מענטשן פון דער רעדאַקציע, וועט זיך די בראַז. איד. פּרעסע תּיכּף שליסן, נאָר גראָד דאַן האָבן זיך אָפּגעזוכט אַ גרעסערע צאָל ליבעראַל געשטימטע כלל־טוער, וועלכע האָבן געשטיצט די צייטונג און עס האָט זיך געשאַפן אַ צעטיילונג אין ישוב: פון איין זייט האָבן זיך גרופּירט אַלע ליבעראַלע און דעמאָקראַטישע עלעמענטן, פּועלי ציון און קאָמוניסטיש געשטימטע עלעמענטן איינגעשלאָסן, און פון דער צווייטער זייט איז געשטאַנען אַ גרופּע פון יידן גבירים, אונטער דער אָנפירונג פון די בירגערלעכע ציוניסטן, וועלכע האָבן פאַר יעדן פּרייז געוואָלט דיקטירן דעם ישוב זייערע מיינונגען און זיין די געקרוינטע מנהיגים.

עס איז אינטערעסאַנט אונטערצושטרייכן דעם פאָלגענדן פּרט: צווישן די ליבעראַלע עלעמענטן זיינען אויך געווען פיל ציונים און גבירים, נאָר ביי די דאָזיקע איז געווען אַ געוויסע שנאה צו די ציוניסטישע מנהיגים, וועלכע זיינען מייסטן געקומען צוזאַמען מיט זיי אין לאַנד און זיינען פריער רייך געוואָרן. לויט זייערע באַשולדיקונגען האָבן די פריער רייך געוואָרענע געהאַנדלט אויף פאַרשיידענע אומוועגן מיט די פרויענהענדלער און זייערע לייט, פאַרקויפנדיק זיי סחורות אויף „פּרעסטאַסאָן" (אויף אויסצאָלן אין ראַטעס) אין זייערע געשעפטן.

די אַרבעט פון אָט די ליבעראַלע עלעמענטן איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זיי האָבן דער בראַז. איד. פּרעסע געגעבן אַנאָנסן פון זייערע אייגענע געשעפטן, רעקאָמענדירט איר צו זייערע פריינד, פאַבריקאַנטן, ביי וועמען זיי פלעגן קויפן סחורות און פון צייט צו צייט אַרויסהעלפן מיט אַן הלוואה אויף אַ שטיקל צייט. דאָס האָט דערמעגלעכט דער בראַז. איד. פּרעסע איינצושאַפן זיך אַ לינאָטיפּ און אַזוי אַרום פאַרלייכטערט די טעכנישע זייט פון אַרויסגעבן די צייטונג.

אין רעדאַקציע ווידער האָבן די זעלבע עלעמענטן מיטגעהאָלפן עס זאָל זיין מאַטעריאַל צום דרוקן. אַזוי האָט ד"ר פרידמאַן, דאַמאָלסדיקער לערער (שפּעטער דירעקטאָר) פון דער העברעיש בראַזיליאַנער גימנאַזיע, געבראַכט

אין רעדאַקציע כתבים אונטער פאַרשיידענע פסעוודאָנימען; נתן (נאַטאַן) בעקער האָט געשריבן די וועכנטלעכע פעליעטאָנען; חיים ראָזען פלעגט שרייבן פאַבלען; מ. יאַקובאָוויטש (פסעוודאָנים: מאַטעלע) פלעגט שרייבן לידער און דערציילונגען; אהרן מאַץ פלעגט שרייבן אַרטיקלען אויף געזעל־שאַפטלעכע טעמעס און דאָס זעלבן פלעגן טאָן די קאָמוניסטיש געשטימטע כלל־טוער, פון צווישן וועלכע מיר נעמען אַרויס אהרן שענקער און סעדיה קאַזינסקי.

דער שרייבער פון די שורות, אָנקומענדיק סוף 1947 קיין ריאָ דע זשאַנייראָ, איז אַריין אין דער בראַז. איד. פרעסע אַלס רעדאַקטאָר, בעת אין קאָפּ פון דער בראַזיליאַנער אידישע פרעסע האָט בלויז פיגורירט אַלס רעדאַקטאָר אהרן קויפמאַן, וואָס עס איז געווען אָנגענומען אויך אין די גרויסע ניט־יידישע צייטונגען, ווי דער פאַקטישער רעדאַקטאָר האָט קיינמאָל ניט פיגורירט אין קאָפּ פון דער צייטונג און דער אָפיציעלער רעדאַקטאָר איז געווען דער באַלעבאָס פון דער צייטונג, וועלכער האָט אָפטמאָל ניט געקאָנט ריכטיק אָנשרייבן קיין זאַץ. ביי די ניט־יידישע צייטונגען איז עס געווען הויך־פּאָליטיק און גרויסע געשעפטס אייגנטימער, וועלכע האָבן זיך געקויפט אַ צייטונג מיט דעם רעדאַקטאָר און מיטאַרבע־טער צוזאַמען, אין אונדזער פאַל איז עס געווען די אַמביציע פון ק. צו זיין דער אָפיציעלער רעדאַקטאָר, וואָס עס האָט זייער אימפּאָנירט די גבירים, צו וועמען ער איז אָנגעקומען נאָך טובות פאַר דער צייטונג.

אונדזער אַרבעט אין דער צייטונג איז געווען אויסגערעכנט אויף די אָוונט־שעהן נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט אין דער פאָלקס שול אויף מעיער (אַ געגנט אין ריאָ דע זשאַניירא) און אין דער דערגאַנצונגס־שול אין לאָקאַל פון יוגנט־קלוב אויף דער פּראַסע. מיר פלעגן אויסשניידן און צוגרייטן צום דרוק אַרטיקלען פון די אויסלענדיש־יידישע צייטונגען, שרייבן דאָס לייט־אַרטיקל — ווען ק. האָט די אַרבעט נאָך ניט געהאַט געטאָן — אָנשרייבן אַן אַרטיקל אויף אַ פּאָליטיש געזעלשאַפטלעכער טעמע, באַריכטן פון גע־זעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אָדער דאַרפן פאָרקומען, איבערזעצן וויכטיקע נייעס פון יידישן אינטערעס פון די בראַ־זיליאַנער טאָג צייטונגען, צווישן דעם איז אויך געווען פאַררעכנט טעלע־

גראַפישע ידיעות און די הויפּט־אַרבעט איז געווען דאָס „מאַכן" די אַרטיק־לען פון די פאַרשיידענע כלל טוער, וועלכע מען האָט געמוזט דרוקן אין צייטונג צוליב זייער פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט.

אויסער אונדזערע אַרבעטן אויף פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעמעס, וועלכע מיר פלעגן שרייבן אויך אונטער די פסעוודאָנימען: י. זעליקמאַן און י. סאָקאָלאָווסקי, פלעגן מיר דרוקן דערציילונגען פון יידישן לעבן אין בראַזיל און ליטעראַריש קריטישע אָפּהאַנדלונגען אונטערן פולן נאָמען, די לייט אַרטיקלען און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע נאָטיצן פלעגן מיר ניט אונטערשרייבן און עס האָט געהייסן, אַז דאָס איז די אַרבעט פון דער רעדאַק־ציע (אָדער רעדאַקטאָר), וואָס עס איז אויך געווען פּראַקטיש צוליב דעם וואָס ניט איינמאָל האָבן פאַרשיידענע כלל־טוער געהאַט טענות וואָס מען האָט זיי ניט דערמאָנט, אָדער ניט דערמאָנט אויף קיין גענוג בכבודיקן אופן און דאָס „פאַרענטפערן" זיך האָט שטענדיק איבערגענומען אויף זיך ק. אַלס דער רעדאַקטאָר.

אַ ספּעציעל קאַפּיטל איז דאָס „אָפּרעכענען" זיך מיט קעגנער אין דער געזעלשאַפט, וועלכע מען האָט געמוזט איגנאָרירן פאַר יעדן פּרייז.

ווי עס איז לייכט צו פאַרשטיין, האָט די צייטונג (אָפּטמאָל בלויז דער רעדאַקטאָר) געהאַט געוויסע קעגנער אין דער געזעלשאַפט. היות ווי כמעט אַלע מיטאַרבעטער זיינען אויף אַ געוויסן אופן געווען פאַרבונדן מיט דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון די פאַרשיידענע פאַריינען, איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז יעדער האָט געקאָנט האָבן אַ קעגנער. אַזאַ קעגנער איז אַבסאָלוט איגנאָרירט געוואָרן און זיין נאָמען האָט ניט געטאָרט דערמאָנט ווערן אין צייטונג אין שייכות מיט קיין שום אונטערנעמונג, ווען אַפילו דער באַריכט פון דער אונטערנעמונג האָט אינגאַנצן קיין זין ניט געהאַט אָן דעם נאָמען פון דעם באַטייליקטן.

עס פלעגט אויסקומען זייער קאָמיש, ווען איינער פון אונדז מיטאַרבע־טער איז געווען אויף אַ געוויסער אונטערנעמונג אָדער פייערונג און מיר האָבן אָנגעשריבן דעם באַריכט מיט די נעמען פון אַלע באַטייליקטע אין דער דורכגעפירטער פּראָגראַם און אין צייטונג פלעגט דער באַריכט דער־שיינען אָן די נעמען פון די קעגנער, וועמענס נעמען מען האָט געמוזט איג־

נאַרירן, אַזוי אַז עס האָט אויסגעזען ווי דער רעפּאָרטער האָט פּאַרזען דעם פּאַקט, אַז דעם אָוונט און פּראָגראַם האָבן געמוזט דורכפירן לעבעדיקע מענטשן און זייער אָפּט מענטשן מיט טאַלאַנט אויף זייער געביט, אָבער פאַר דעם רעדאַקטאָר האָבן זיינע „קעגנער" פּאַקטיש ניט עקזיסטירט און אַזויערנאָך פלעגן זייערע נעמען קיינמאָל ניט געדרוקט ווערן אין דער צייטונג.

דאָס איז געווען אַ חוק ולא יעבור און דיסקוטירן וועגן דעם האָט ניט געהאָלפן.

פאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז אַן איבעריקער באַווייז אויף דער פּראָווינ־ציעלקייט, וואָס האָט באַהערשט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין אַל־געמיין און האָט ניט געקאָנט אויסמיידן אויך די צייטונג.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט וועגן די „אַרטיקלען" (טייל פלעגן זאָגן: נאַרטיקלען) פון די פאַרשיידענע כלל־טוער, וועלכע מען האָט גע־מוזט „מאַכן" אין רעדאַקציע און אָפט, זייער אָפט, זיינען פון די „אַרטיק־לען" ניט געבליבן אין אָריגינאַל מער ווי דער נאָמען פון „שרייבער". וועגן איינעם אַזעלכן ווילן מיר דאָ איבערגעבן אַ פּאַקט, ווייל דער פּאַקט אילוסטרירט די באַציאונג פון אָט די כלל־טוער „שרייבער" און זייערע פּרע־טענזיעס צו דער רעדאַקציע.

סעדיה לאַזינסקי איז געווען אַ ייד אַ בן תורה פון אַלטן שניט, האָט ער אָבער געוואָלט אָנגיין פאַר אַ מאָדערנעם מענטש און ליב האָבנדיק עקס־צענטרישע אַרויסטריטן אין דער עפנטלעכקייט, האָט ער זיך געהאַלטן פּראָ קאָמוניסטיש און די קאָמוניסטן ווידער האָבן זיך מיט אים געצאַצקעט און אים אַרויסגעשטעלט אומעטום ווו זיי האָבן געדאַרפט אַרויסשטעלן איינעם, וואָס איז בקי אין די קליינע אותיות. זיינע „אַרטיקלען" פלעגט ל. שרייבן אין סטיל פון די אַמאָליקע רבנישע דרשות, דורכגעפלאָכטן מיט פּסוקים פון מאמרי חז"ל, מדרש און אגדות, אָבער אָן אַ שום זין, אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף, אַזוי אַז „מאַכן" זיינס אַן „אַרטיקל" איז געווען ווי גיין אויף אַ שטריק, ווייל ער פלעגט ליאַרעמען, אַז מען מאַכט אים קאַליע זיינע גלענצנדע געדאַנקען און פלעגט שטענדיק פאָדערן מען זאָל אים

חלילה ניט פֿאַרריכטן, ווייל אַז ניט „טרעט מער זיין פוס ניט איבער די שוועל פון דער רעדאַקציע...״

איינמאָל, אַ שבת נאָכמיטאָג, ווען געוויינלעך פלעגן אין רעדאַקציע זיך פֿאַרזאַמלען כלל־טוער און פירן דיסקוסיעס וועגן אַקטועלע געשעע־נישן, איז ער פּלוצים אַריינגעפאַלן אין רעדאַקציע און אָנגעהויבן זידלען דעם רעדאַקטאָר ק. און ק. האָט ווי תמיד געפּינטלט מיט זיינע קורצזיכ־טיקע אויגן און געמיט זיך אים באַרואיקן, דאַן האָט דער שרייבער פון די שורות אויפגעקלערט פאַרן עולם פֿאַרזאַמלטע, אַז אייגנטלעך זיינען זיינע מאמרים ניט דרוקבאַר, ווייל ער שרייבט יידיש מיט עם הארצישע פעלערן, אָן שום סטיל און אָן שום צוזאַמענהאַנג, און פֿאַרשפּראָכן געבן אין קומענ־דיקן נומער פון דער צייטונג אין פֿאַקסימיליע אַ זייטל פון זיינס אַ מאמר און זאָלן די לייענער אַליין אורטיילן. דאָס האָט דעם אַלטן עקסצענטרישן ל. אַזוי אויפגעבראַכט, אַז ער איז אַוועק פול מיט כעס און האָט זייט דאַן אויפגעהערט צו פֿאַרוואַרפן די רעדאַקציע מיט מאמרים.

די בראַזיליאַנער איד. פּרעסע איז שפעטער דערשינען אין גרויסן ציי־טונגס פֿאָרמאַט געוויינלעך אין 8 זייטן און ביי געוויסע געלעגנהייטן אויך אין 10 און 12 זייטן. די ציוניסטישע אידישע פאָלקס צייטונג ווידער איז דערשינען אין אַ קלענערן פֿאָרמאַט, ווייל זייער דרוק מאַשין איז געווען אַ קלענערע, אין 10, 12 און ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן אויך אין 16 און אין 24 זייטן. בכלל האָט זיך איינגעשטעלט די באַציאונג פון דער געזעל־שאַפט צוביידע צייטונגען אויף אַן אופן, אַז בעת אַרום דער בראַז. איד. פּרעסע האָבן זיך גרופּירט די ליבעראַלע עלעמענטן פון יידישן ישוב איבערן לאַנד, איז די אידישע פאָלקסצייטונג אָנגעגאַנגען אַלס אַן אונטערנעמונג, וואָס אַ גרופע יידישע גבירים האָבן צוליב אַ קאַפּריז געשאַפן און ווו אַלץ איז אויסגערעכנט אויף אויסצודריקן די מיינונג פון אָט דער גרופּע.

איין געשעענער פאַקט וועט אילוסטרירן אונדזער מיינונג.

אין 1928, ווען עס זיינען פֿאָרגעקומען די אומרוען אין ארץ ישראל, זיינען די בראַזיליאַנער צייטונגען מאַנטיק אינדערפרי געווען פול מיט די נייעסן פון די געשעענישן אין ארץ ישראל. זיצנדיק אין רעדאַקציע און

קאָמענטירנדיק די געשעענישן, האָבן מיר באַשלאָסן אַרויסגעבן אַן עקסטראַ אויסגאַבע פון דער בראַז. איד. פּרעסע אין 4 זייטן, וווּ מיר זאָלן איבערגעבן די ידיעות וועגן די פאָרגעקומענע געשעענישן פון אַ ידישן שטאַנדפּונקט. אַרום 5 אַזייגער נאָכמיטאָג, ווען דער גרעסטער רוב יידישע „קליענטעלטשיקעס" קומען אויף דער פּראסע איינקויפן, איז דערשינען דער עקסטראַ נומער און איז ממש צעכאַפּט געוואָרן. זעענדיק דעם גרויסן דערפאָלג פון מאָנטיקדיקן נומער און ווייל די ידיעות פון ארץ ישראל זיינען געוואָרן אַלץ אַלאַרמירנדיקער, האָבן מיר באַשלאָסן צופרידן שטעלן דעם דורשט פון יידישן עולם נאָך ידיעות און אויך דינסטיק אַרויסגעבן אַן עקסטראַ נומער. אונדזער חשבון אין רעדאַקציע איז געווען, אַז אַנשטאָט אַרויסצוגעבן די צייטונג ווי געוויינלעך אין 8 זייטן וועלן מיר אַרויסגעבן 3 עקסטראַ נומערן פון 12 זייטן, ד. ה. מיר האָבן אויסגערעכנט אויף צו צעטיילן בלויז איין נומער אין עקסטראַ אויסגאבן, נאָר די געשעענישן אין ארץ ישראל האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַנטוויקלען מיט אַ ריזיקער שנעלקייט, דערצו זיינען נאָך צוגעקומען די ידיעות פון דער געענדערטער „ליניע" פון דער קאָמוניסטישער וועלט צו די געשעענישן אין ארץ ישראל און מיר האָבן געזעען אַז מיר וועלן אויך דעם צווייטן נומער צייטונג מוזן צעטיילן אין עקסטראַ אויסגאַבן, אי צוליבן גרויסן דערפאָלג פון די עקסטראַ אויסגאַבן, אי צוליב דעם וואָס גראָד אונדז איז געגאַנגען אין דעם קלאָר צו מאַכן דער יידישער געזעלשאַפט וועגן די געשעענישן און דעם חוב פון די יידישע מאַסן אין דער גאָרער וועלט צום קעמפנדיקן יידישן ישוב אין ארץ ישראל.

אין לייט אַרטיקל, וואָס מיר האָבן געשריבן אין צווייטן נומער האָבן מיר גערופן דעם יידישן ישוב צו דעמאָנסטרירן פאַר דער עפנטלעכקייט אונדזער סאָלידאַריטעט און גלייכצייטיק זאַמלען געלט פאַרן ישוב אין א"י. די אידישע פאָלקסצייטונג ווידער, וועלכע איז דערשינען מיטוואָך אין געוויינלעכן פאָרמאַט און שטייגער, האָט געפּרוווט צו נישט מאַכן דעם געדאַנק פון אַ דעמאָנסטראַציע, נאָר ווי זיי אויף להכעיס האָבן זיך ספּאָנטאַן פאַרזאַמלט אויף דער פּראסע אַנזע אַרום צוויי טויזנט מענטשן און געפאָדערט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע צו דעמאָנסטרירן און אָט אַזוי איז

דאַמאָלסט פּאַקטיש פאָרגעקומען איינע פון די גרעסטע דעמאָנסטראַציעס אין יידישן ישוב.

אין אונדזער לייט אַרטיקל האָבן מיר אונטערגעשטראָכן, אַז דער יידישער ישוב דאַרף פאָדערן פון דער בראַזיליאַנער רעגירונג זי זאָל אויפפאָדערן ענגלאַנד אָפּצושטעלן די אומרוען, ווייל אויך בראַזיל האָט אין דער פעלקער ליגע געשטימט פאַרן איבערגעבן צו ענגלאַנד דעם מאַנדאַט אויף א״י און אונטער דעם לאָזונג איז טאַקע געפירט געוואָרן די דעמאָנסטראַציע, וועלכע האָט פון צווישן זיך אַליין אויסגעטיילט אייניקע פירזאָגער׳ס, בעת מען האָט געדאַרפט איבערגעבן פאַר די בראַזיליאַנער צייטונגסלייט דעם זין פון דער דעמאָנסטראַציע.

מיטוואָך, ווען די דעמאָנסטראַציע איז פאָרגעקומען האָבן מיר די עקסטראַ אויסגאַבע איינגעאָרדנט אַזוי, אַז די ערשטע זייט האָבן מיר געזעצט און געדרוקט אין דער צייט ווען די דעמאָנסטראַציע האָט זיך געצויגן איבער דער שטאָט און האָבנדיק אונדזערע מענטשן צווישן די דעמאָנסטראַנטן, האָבן מיר איבערגענומען דורכן טעלעפאָן די וויכטיקסטע עפּיזאָדן פון פאַרלויף פון דער דעמאָנסטראַציע, די רעדעס פון די פאָרשטייער פון דער רעגירונג און פּאָליטישע טוער און צום סוף, ווען די דעמאָנסטראַציע איז אויפגעלייזט געוואָרן און דער עולם האָט זיך אומגעקערט אויף דער פּראַסע איז אונדזער עקסטראַ נומער צייטונג שוין געווען אין גאַס צום פאַרקויף און האָט מיט זיין מאָדערנעם אויסזען און דעטאַלירטן באַריכט פון דער דעמאָנסטראַציע געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן רושם אויפן גאַנצן יידישן ישוב איבערן לאַנד.

דאָס קענען אַזוי האַנדלען איז פאַרשטענדלעך דערמעגלעכט געוואָרן אַ דאַנק דעם וואָס די בראַז. איד. פרעסע האָט דאַן געהאַט אַן אייגענעם לינאָטיפּ און די זעצער זיינען געווען די אייגנטימער בן ציון שרייבער און חיים קענדלער, וועלכע האָבן ניט געקוקט אויף קיין ספּעציעלע אַרבעטס שעהן און אָפּטמאָל געאַרבעט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג די צייטונג זאָל דערשיינען אין צייט. עס איז אינטערעסאַנט דאָ צו פאַרצייכענען אַז שרייבער, וועלכער איז געווען אַ מטופל מיט קליינע קינדער, פלעגט אָפט

אָפּזיצן ביי דער זעץ מאַשין 12—14 שעה נאָכאַנאַנד אָן אַ געהעריקן מאָל־צייט, וויסנדיק אַז אויך אינדערהיים האָבן ניט די קינדער גענוג צו עסן.

אין משך פון דער גאַנצער צייט, ווען עס זיינען געווען ביידע צייטונגען זיינען פאָרגעקומען ניט ווייניק אַטאַקעס פון איין צייטונג אויף דער צווייטער און דערביי האָבן אין דער איד. פאָלקסצייטונג געשפּילט די הויפּט־ראָל בערגמאַן און קאַראַקושאַנסקי, דער ערשטער מיט פעליעטאָנען אונטערן פּסעוודאָנים: גלין־גלאָן און דער צווייטער מיט זיינע לייט אַרטיקלען, אונטערגעשריבן מיט זיינע איניציאַלן ש. ק.; אין דער בראַז. איד. פּרעסע פלעגן נעמען אַ וואָרט אין אַזעלכע פאַלן נאַטאַן בעקער מיט אַ פעליעטאָן, חיים ראָזען מיט אַ פאַבל און אהרן קויפמאַן מיט אַ לייט אַרטיקל; האָראָוויץ פלעגט אין דער איד. פאָלקסצייטונג שרייבן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע מאמרים און אויף אַזעלכע אַרטיקלען פלעגט אים אָפט ענטפערן דער מחבר פון די שורות.

עדוואַרדאָ האָראָוויץ איז אין זיין אַרט דענקען געווען אַ רעאַקציאָנער און אַ שונא פון יעדן מאָדערניזם, נאָר זיינע אַרטיקלען פלעגט ער שרייבן אין זייער אַן עלעגאַנטן און העפלעכן טאָן אויסמיידנדיק צו באַליידיקן ווען עס איז און אויפן זעלבן שטייגער האָט אים מערערע מאָל געענטפערט דער שרייבער פון די שורות. אַזאַ אויסטויש פון קעגנזעצטע מיינונגען וועגן יידישער דערציאונג איז אין יענער צייט פאָרגעקומען אין די דאָזיקע פאַר־שיידן אַרויסגעזאָגטע מיינונגען וועגן אַזאַ קאַרדינאַל פּראָבלעם ווי דער־ציאונג און דער אופן פון פאָלעמיזירן פון צוויי קעגנער, אָן דעם מינדסטן אינסינואירן און זידלען איינער דעם צווייטן, ווי עס איז געווען דער שטייגער אין די עפנטלעכע דיסקוסיעס צו יענער צייט, האָט געמאַכט אַ רושם אין דער יידישער געזעלשאַפט. ה. האָט געשריבן אין דער איד. פאָלקסצייטונג אַ סעריע אַרטיקלען אונטערן אַלגעמיינעם טיטל: גערדאַנק און לעבן אין דער ערציהונג פון אידישען קינד און דער שרייבער פון די שורות האָט אים געענטפערט אונטערן טיטל: געדאַנקען אָן לעבן אין דער דערציאונג פון יידישן קינד.

ליידער זיינען אַזעלכע פאַלן געווען זייער זעלטן און כמעט אויסנאַמען,

די אַטאַקעס פון איין צייטונג אויף דער צווייטער האָבן געפירט די שוין דערמאָנטע ק. און ב.

אַלס קוריאָז פון זייערע „פערל" וועלן מיר דאָ פאַרצייכענען דאָס לייט אַרטיקל פון ש. ק. א. ב. קאַקטוס, ווו ער האָט דעם רעדאַקטאָר פון דער בראַז. איד. פרעסע, אהרן קויפמאַן, גערופן קאַקטוס, ד. ה. אַ ווילד גע־וויקס. ק. האָט דאָ געהאַט אַ גלענצנדע געלעגנהייט אָפּצוענטפערן ק. אויפן געניאַלן שטייגער ווי מאַריס ראָזנפעלד האָט אָפּגעענטפערט זיינע באַליי־דיקער מיטן באַרימטן ליד לאַטוטעס, כדי צו קענען ענטפערן אויף דעם שטייגער האָט מען הפנים געדאַרפט זיין אַ דיכטער ווי ראָזנפעלד איז געווען, דאַקעגן ק. האָט צוריק געזידלט און דערביי איז עס געבליבן.

די צווייטע „פערל" איז דער פעליעטאָן א. ב. „פאַזשאַליוסטי וו׳קאַיוטו", וואָס גלין־גלאָן (אהרן בערגמאַן) האָט געדרוקט קעגן די ליבעראַלע עלע־מענטן, וועלכע האָבן זיך דאַמאָלסט גרופירט אַרום דער „שלום עליכם" שולע און זייער לערער, אליעזר שטיינבערג ע"ה.

עס איז געשען אַזוי, אַז ש. האָט צונויפגערופן אַ גרופע שול טוער און פריינד פון יידישן וואָרט כדי איינצואָרדנען זיינס אַ רעפעראַט וועגן דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ און די הכנסה זאָל גיין פאַר דער יידישער שול אין טשערנאָוויץ. ב., באַריכטנדיק וועגן דעם דאָזיקן צוזאַמענקום, האָט ער זיך זייער באַליידיקנדיק אויסגעדריקט וועגן דיכטער ש. און די פאַרזאַ־מלטע. אויף אָט דעם אָפּלאַכן האָט געענטפערט מיט אַ שאַרפן פעליעטאָן אין דער בראַז איד. פרעסע מנשה פוקס (אונטער אַ פסעוודאָנים) און אָנגע־רופן גלין־גלאָן פאַיאַץ, וועלכער האָט בלויז איין אויפגאַבע: אַרויסרופן געלעכטער ביי זיינע צירק באַזוכער און האָט ניט קיין חוש אָפּצוטיילן ערנסטע ענינים פון פאַיאַצעווען. אויף דעם שאַרפן רעאַגירן פון מ. פ. האָט גלין־גלאָן אָפּגעדרוקט זיין פעליעטאָן „פאַזשאַליוסטי וו׳קאַיוטו". אין דעם פעליעטאָן האָט דער שרייבער פאַרגליכן די פאַרזאַמלטע מיטן דיכטער שטיינבערג צו די דאַמען אין דעם אַנעקדאָט וועגן פושקין, פון וועמען פ. האָט זיך געשפּירט געטראָפן און רייטנדיק דאַמאָלסט אויף אַ פערד, האָט ער אויפגעהויבן דעם פערדס עק און זיי איינגעלאַדן אין „קאַיוטע"...

עס האָבן אויך ניט געפעלט קיין פערזענלעכע אַטאַקעס אין איין ציי־

טונג אויף די מיטאַרבעטער פון דער צווייטער צייטונג און דאָס זייער אָפט אָן דער מינדסטער מאָס פון אָנשטעל אָפילו פון וועלכער עס איז זשורנאַ־ליסטישער עטיק.

אַ באַזונדערס שאַרפע אַטאַקע אויף איינעם פון די מיטאַרבעטער פון דער בראַז. איד. פרעסע איז געמאַכט געוואָרן פון ב„ דאָס איז געווען די עקלדיקסטע פערזענלעכע אינסינואַציע אויף אינזשעניער ראובן זיגער. דער שרייבער פון די שורות, אומרייזנדיק איבער דער פראָווינץ ריאָ גראַנדע דאָ סול פאַרן פאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד, האָט אין דער איק״א קאָלאָניע פון באַראָנעסאַ קלאַראַ „אַנטדעקט״ דעם דערמאָנטן זיגער און שפּעטער איז דער זעלבער געקומען קיין ריאָ און אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין רעדאַקציע. אין איינעם פון די נומערן בראַז. איד. פרעסע האָט דער שרייבער פון די שורות אָנגעשריבן וועגן ז. אַ ביאָגראַפישע נאָטיץ, דערציילנדיק וועגן אים אַלס זשורנאַליסט און מענטש. אין אַ נומער שפּעטער איז אין דער איד. פאָלקסצייטונג דערשינען אַ פּאַסקוויל א. נ. „דאָס אידל פון ראָוונע״ (זיגער האָט געשטאַמט פון ראָוונע).

די אַלע אַטאַקעס און קעגן אַטאַקעס האָבן דערפירט אַזוי ווייט, אַז די כלל־טוער און בכלל נאָענט שטייענדיקע אַקטיווע עלעמענטן אין דער געזעלשאַפט פלעגן דאָס ערשטע זוכן אין אַ נייעם נומער פון איינע פון די צייטונגען דעם סאָרט מאַטעריאַל און אַז עס איז ניט געווען דער דאָזיקער מאַטעריאַל האָבן די צייטונגען ווי ניט געהאַט פאַר זיי קיין שום אינטערעס.

טראָץ דעם אַלעמען, טראָץ אָט דעם גרויסן אינטערעס פון לייענער עולם, האָט די בראַז. איד. פרעסע געקעמפט פאַר עקזיסטענץ, געווען איז עס דערפאַר וואָס די הוצאה פון איינאָרדנען אַ לינאָטיפּ האָט פיל באַשווערט די עקזיסטענץ פון דער צייטונג און אויסער דעם האָט זיך די קאָנקורענץ פוןביידע צייטונגען אָפּגערופן אויף ביידן, ווייל אויב דער לייענער עולם, וואָס איז געווען דער זעלבער, האָט אָפילו גענומען ביידע צייטונגען, זיינען אָבער די אַנאָנסן געבער ניט שטענדיק געווען גרייט צו געבן זייערע אַנאָנסן אין ביידע צייטונגען, אַזוי אַז דער מקור פון הכנסה האָט זיך צעטיילט צווישן ביידע צייטונגען און שווער געמאַכט די עקזיסטענץ פון ביידע. די פ. צ. האָט געהאַט אַרום זיך מעצענאַטן אָבער ניט די „בראַז. איד. פרעסע״.

אַזאַ צושטאַנד האָט געפירט דערצו, אַז דער רעדאַקטאָר ק. איז ניט איבערקלייבעריש אין מיטלען אויפצוהאַלטן די צייטונג און אַלץ איז געווען כשר.

צוויי אַזעלכע פאַלן ווילן מיר דאָ פאַרצייכענען, כדי קלאָר צו מאַכן אויף וועלכע וועגן דער רעדאַקטאָר ק. איז אַוועק אין זיין גייעג צו שאַפן קוואַלן פון הכנסה פאַר דער בראַז. איד. פרעסע.

איין פאַל איז געווען מיטן פרעזידענט פון דער העברעיש־בראַזיליאַנער גימנאַזיע אין ריאָ דע זשאַניירא. די ציוניסטן, וועלכע האָבן אַנגעפירט מיט דער גימנאַזיע, האָבן געזוכט גבירים, וועלכע זאָלן העלפן שאַפן מיטלען אויפצוהאַלטן די גימנאַזיע און אויסגעקליבן אַלס פרעזידענט איינעם אַ גביר, אַ מעבל סוחר, כאַימאָוויטש, וועלכער איז געשטאַנען מיט אייניקע מעבל געשעפטן אין דער רייכער געגנט קאַטעטע. זיי האָבן געוווּסט, אַז אויסער רייכקייט איז ער אַן אומוויסנדער מענטש און זייער אויסרעכנונג איז געווען, אַז ער וועט זיך ניט ווילן צו פיל מישן אין אַנדערע ענינים פון דער גימנאַזיע אויסער פינאַנסן, נאָר דאָ האָבן זיי גראָד געמאַכט אַ פאַלשן חשבון. דער גבירישער מעבל־סוחר, וואָס האָט זיך ביז דאַן ניט געמישט אין קיין קהלשע ענינים און שטענדיק בייגעשטייערט מיט אַ ברייטער האַנט פאַר דער זעלבער גימנאַזיע, האָט איצט געהאַט צייט טאָג־טעגלעך צו קומען אין גימנאַזיע, אָפטמאָל אַריינגיין אין די קלאַסן בעת די לימודים, זיצן אין סעקרעטאַריאַט און נאָכקוקן די חשבונות, ווי עס וואָלטווירקלעך געווען זיינס אַן אייגן מעבל געשעפט. געקומען צו אַ קינדער פאָרשטעלונג, אָדער אַן אַנדער שול פייערונג, האָט ער ניט געוואַרט אויף קיין כיבודים און אָן שום שאלות פאַרנומען דעם אויבנאָן און טאַקע געהאַלטן רעדעס, אַז די ציוניסטן האָבן זיך ממש אויפגעגעסן לעבעדיקע. וועגן איינער אַזאַ רעדע אויף אַ שול־פייערונג צום אַרויסלאָז פון גימנאַזיע אין סוף לערניאָר, זיינען אומגעגאַנגען פאַנטאַסטישע קוריאָזן. לויט אייניקע, וואָס זיינען ביי־געווען די שול פייערונג זאָל די „רעדע" אומגעפער האָבן געווען אין אַזאַ פאָרם:

„פעיטערס און מוטערס! אונדזערע פעיטערס זיינען געווען פעיטערס צו אונדז, מוזן מיר זיין פעיטערס צו אונדזערע קינדער" און באַלד נאָכדעם

איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון דער סצענע אין זאַל אַריין און אָנגעהויבן אומגיין צווישן עולם זאַמלען געלט פאַר דער שול.

די ציוניסטן האָבן זיך געשעמט מיט אים, היות ווי ער האָט אָבער פּאַקטיש געשטעלט די גימנאַזיע אויף די פיס עקאָנאָמיש און ווען עס האָט געפעלט געלט האָט ער אויסגעלייגט פון דער אייגענער קעשענע, און היות ווי די אַלע מעשים זיינע זיינען אומגעגאַנגען פון מויל צו אויער, האָבן זיי זיך געמאַכט ניט פאַרשטייענדיק און האָבן געשוויגן. מאַכט זיך איינמאָל, אַז די גימנאַזיע פייערט אַ געוויסע דאַטע און אין דער איד. פאָלקסצייטונג דערשיינען אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען וועגן דער שולע, איר אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג און די אַרטיקלען זיינען פאַרשטענדלעך פאַרזען מיט בילדער פון די אַלע עסקנים, לערער און שילער, נאָר דער פּרעזידענט איז ניטאָ און אין שטאָט טוט זיך חושך. עס פעלן ניט קיין מענטשן, וועלכע האָבן ליב אונטערצופירן און זיי פירן צונויף דעם רעדאַקטאָר ק. מיטן פּרעזידענט פון גימנאַזיע און עס ווערט באַשלאָסן פאַר אַ געוויסער סומע אָפּצודרוקן אין דער בראַז איד. פּרעסע אַ זייט ספּעציעל געווידמעט דעם פּרעזידענט פון דער גימנאַזיע.

עס איז דעם שרייבער פון די שורות אויסגעקומען אויפצונעמען פון מויל פון ה׳ כאַימאָוויטש זיין שילדערן די אויפטועך אין דער גימנאַזיע, זיינע פּלענער א. אַז. וו. עס איז געווען אַ געוויסער זין אין דעם דרוקן אַזאַ זייט מיט דער באַשרייבונג, יעדנפאַלס האָבן מיר זיך עס אַזוי אויסגעטייטשט, ווייל מען דאַרף ניט אויסנוצן אַ מענטשנס נאַיוויטעט און גוטע, ניט איבער־געשפּיצטע ערלעכקייט און מאַכן פון אים חוזק. ווי עס זאָל ניט זיין האָבן מיר אָבער געהאַט אַ גאַנץ פיין שטיקל אַרבעט צו מאַכן פון זיין דערציילן וועגן זיך און וועגן זיינע אויפטוען אין דער גימנאַזיע עפּעס אַ לייטישע באַשרייבונג. צוגעהאָלפן האָט אונדז דערביי דער גרויסער אַלבום פון ביל־דער, וואָס ער האָט אונדז איבערגעגעבן און פון אָט דעם אַלבום האָבן מיר אַרויסגענומען די פאַרשיידנסטע בילדער פון אים, זיינע געשעפטן, זיין פרוי, זייערע קינדער, פון זיינע עלטערן און אַנדערע משפּחה מיטגלידער און האָבנדיק אַזוי פיל בילדער אין פאַרשיידענע פּאָזעס איז אונדז ניט אָנ־געקומען צו שווער צו קענען אויספילן די זייט מיט אַ פּאָר הונדערט שורות,

וועלכע האָבן, ווי עס איז, טיילווייז אויך איבערגעגעבן וועגן זיין פאַרוואַלטן מיט דער גימנאַזיע.

דער צווייטער פאַל איז שוין דערפאַר ניט געווען אַרומגעוועבט מיט אַ געפיל פון יושר פאַרן באַעוולהטן און די מלאכה נקיה האָט דער רע־דאַקטאָר ק., בלית ברירה, געטאָן אַליין. עס האַנדלט זיך וועגן דער „ליטע־ראַרישער" זייט, ווו עס איז געדרוקט געוואָרן אַן אויסצוג פון „ווערק" פון סאַמועל (שלום נח בן המנוח לייב באַקאַליינִיק ז"ל) באַקאַליינִיק א. נ. „העולם השוא והשקר, אָדער די פאַלשע שווינדל־וועלט.

דער דאָזיקער ב. איז אַ ייד פון אַלטן שניט, האָט געקאָנט אַ ביסל לערנען און איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין די ווייטע פּראָווינצן פון מאַטאָ גראָסאָ, ווו דער ישוב איז זייער אַ שיטערער און די איינציקע באַשעפטיקונג איז דאָס האָדעווען בהמות, האָט ער זיך דאָרטן אומגעוואַלגערט צווישן די איינגעבוירענע און געמאַכט אַ גרויס פאַרמעגן און איז געקומען אין דער הויפּט שטאָט אַ ביסל אַ „לעבּ" טאָן אין דער געזעלשאַפט פון יידן און פאַר איינוועגס זיי טאַקע מזכה זיין מיט זיינע „ווערק". פאַר אַ געוויסע סומע האָט דער רעדאַקטאָר ק. געדרוקט אַ טייל פון זיין ווערק אין אַ ספּעציעלע „ליטעראַרישע זייט" אין דער בראַז. איד. פּרעסע און דערנאָך אויך גע־דרוקט אין דער דרוקעריי אַ ספּעציעל העפטל פון 38 זייטן אונטערן דער־מאָנטן נאָמען.

די „ליטעראַרישע זייט" האָט פאַרנומען בײדע זייטן פון מיטלסטן בלאַט, וואָס איז געגאַנגען אין 10 זייטלדיקן נומער און דער רעדאַקטאָר ק. האָט אונדז אין רעדאַקציע געפּרוווט איינשמועסן, אַז בלויז אין געציילטע נומערן אין שטאָט וועט מען אַריינלייגן דאָס מיטלסטע זייטל, בעת איבערן לאַנד וועט מען דאָס דאָזיקע „ליטעראַרישע" בלאַט ניט צעשיקן.

דאָס דאָזיקע זייטל איז געווען אַ מיש מאַש פון ווערטער, פּסוקים און מאמרי חז"ל, וואָס האָבן זיך ניט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, אויפן קאָפּ איז געווען אין גרויסע האָלץ שריפט דער שוין דערמאָנטער טיטול און אין צענטער איז געווען אַ גרויס בילד פון מחבר ווי ער רייט אויף אַ פערד און אונטן איז געווען אונטערגעשריבן: אנכי הרוכב ישראל.

דאָס דאָזיקע „ליטעראַרישע" זייטל, טראָץ דעם וואָס די רעדאַקציע האָט

זיך געהיט דערמיט עס זאָל ניט אַריינפּאַלן אין אומגעווונטשענע הענט, איז דערגאַנגען צום יידישן ישוב אין קוריטיבאַ, ווו עס איז געווען אַ פיינע גרופּע יידישע אינטעליגענץ, איז פון דאָרט אָנגעקומען אַ פּעקעלע אַדרע־סירט צום רעדאַקטאָר ק. און אין דעם „ליטעראַרישן" זייטל איז געווען איינגעוויקלט אַ שטינק־באָמבע, וועלכע האָט ממש פּאַרפּעסטעט די לופט פון רעדאַקציע.

די בראַז. איד. פּרעסע האָט אויפגעהערט דערשיינען סוף נאָוועמבער 1929. דער שרייבער פון די שורות איז נאָך פריער אַוועק פון דער צייטונג. עס איז ניט געווען אָנגענעם צוצוזען דעם סוף פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין בראַזיל. פּאַקטיש איז ניט געווען מער נייטיק קיין מיטאַרבע־טער אין דער רעדאַקציע. מיט יעדן נומער האָט די צייטונג אויסגעזעען אָרעמער, ביז זי האָט אויפגעהערט דערשיינען.

דער איינציקער וואָס איז געבליבן אין רעדאַקציע ביז דער לעצטער נומער איז דערשינען, איז געווען אינזש. ראובן זיגער. אויסער דאָס אויס־שניידן אַרטיקלען, האָט ז. געפּרוווט איינפירן עפּעס נייעס און האָט אָנגעהויבן דרוקן אין המשכים אַ קאָלעקטיוון ראָמאַן, וואָס האָט געזאָלט זיין — לויט די דערקלערונג אין אָנהייב — די קאָלעקטיווע שאַפונג פון די לייענער, ויעמען ער האָט איינגעלאַדן צו שרייבן די וויטערדיקע קאַפּיטלען און אַריינ־שיקן אין רעדאַקציע. אויף וויפל אונדז איז באַקאַנט האָט קיינער אַזעלכע קאַפּיטלען קיינמאָל ניט אַריינגעשיקט, האָט ז. אַליין געשריבן די וויטער־דיקע קאַפּיטלען אונטער פאַרשיידענע נעמען און דער דאָזיקער מאָדנער ראָמאַן האָט זיך איבערגעריסן בעת די צייטונג האָט זיך אָפּגעשטעלט.

די שותפים שרייבער און קענדלער האָבן פאַרשטענדלעך געהאַט תרעומות אויפן דריטן שותף ק., ווּעמען זיי האָבן באַשולדיקט אין דערפירן צום אונטערגאַנג פון דער בראַז. איד. פּרעסע. עס איז ניט אין אונדזער אינטערעס צו באַשולדיקן וועמען עס איז אין דערפירן צום אונטערגאַנג פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין בראַזיל, דאָך האָט זיך געמערקט דער אונטערשייד אין עקאָנאָמישן מצב פון די שותפים נאָכן שליסן די צייטונג, בעת קענדלער און שרייבער זיינען כמעט געבליבן אָן מיטלען, האָט ק.

געפירט מסחרים אויף דער גאָלד־ און צירונג־בערזע, וואָס האָט באַוויזן אויף אַ פאַרהעלטניסמעסיקן ווילזיין.

קענדלער האָט זיך שפעטער דערשלאָגן צו אַן אייגן געשעפט אין בעלאָ האָריזאָנטע און שרייבער האָט זיך אַ צייט געמאַטערט אויף צו מאַכן פרנסה אַלס דרוקער ביז די רעדאַקציע פון „הארץ" אין ישראל האָט אים אַריבער־גענומען צו זיך, וווּ ער האָט געאַרבעט אַלס זעצער איידער ער איז געקו־מען קיין בראַזיל. דער עקאָנאָמישער מצב פון די אַרויסגעבער פון דער בראַז. איד. פרעסע האָט אפשר ניט קיין דירעקטע שייכות צו אונדזער אַר־בעט, עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַרן צושטאַנד פון ישוב און די מעגלעכקייטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער פרעסע. מיר ברענ־גען עס דאָ, ווען אַפילו בלויז אַלס קוריאָז.

# ליטעראַרישע זשורנאַלן

איידער מיר גייען איבער צו דער טעטיקייט פון דער א״ד. פאָלקסצייַ־
טונג, ווילן מיר זיך באַמיען אָפּצוגעבן דאָס געהעריקע פּלאַץ די ליטעראַ־
רישע זשורנאַלן, וואָס זיינען דערשינען אין פאַרשיידענע צייטן אין ריאָ
דע זשאַניירא.

כדי עס זאָל קלאָר ווערן די סיבה פון דער אַנטשטייאונג פון געוויסע
ליטעראַרישע זשורנאַלן, מוז דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די יונגעלייט,
וואָס האָבן זיך אומגעטראָגן מיט כתבים, האָבן ניט געהאַט קיין געהויבענע
מיינונג איבערן רעדאַקטאָר ק. און זיי האָבן ניט דורכגעלאָזט קיין איין
געלעגנהייט צו לאָזן ק. פילן זייער מיינונג וועגן אים און זיין ראָל אַלס
רעדאַקטאָר. ק. האָט פאַרשטענדלעך ניט געוואָלט דולדן אַזאַ מין ביטול
באַציאונג, האָט ער זיי מיט פאַרביטערונג פאַרשוויגן און זייערע נעמען
ניט דערמאָנט, באַריכטנדיק וועגן פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע פאַראַנ־

שטאַלטונגען. עס איז דאָן געווען ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז דער, אויף וועמען דער רעדאַקטאָר האָט געהאַט אַ כעס, זאָל זיין נאָמען ניט טאָרן דערמאָנט ווערן אין דער צייטונג.

אָט די דאָזיקע „פאַרשטויסענע", וואָס האָבן געקוקט אויפן רעדאַקטאָר ק. ווי אויף איינעם, וואָס איז ניט ראוי צו שטיין ביי דער אָנפירונג פון אַ יידישער צייטונג, זיינען עס געווען דער מאַטעריאַל, וואָס האָט מערערע מאָל אונטערגענומען דאָס אַרויסגעבן ליטעראַרישע אויסגאַבעס.

געוויינלעך ווערט געשאַפן אַ ליטעראַרישע אויסגאַבע דורך יונגע שרייבער, וועלכע קומען — אָדער פרעטענדירן צו האָבן געקומען — צום לייענער מיט עפּעס נייעס, אַ נייע שיטה, אָדער ריכטונג, וועלכע דער ליטע־ראַרישער זשורנאַל דריקט אויס. אין דעם פאַל איז די איינציקע סיבה געווען דאָס וועלן זיך זען געדרוקט. דאָס באַציט זיך אי צו די, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר שרייבער, אי צו די כלל־טוער, וועלכע מען האָט, אַזוי צו זאָגן, ניט געלאָזט קומען צום וואָרט אין דער עקזיסטירנדיקער צייטונג.

די צעטיילונג איז געווען אומגעפער אַזאַ: דער וואָס האָט געשריבן דערציילונגען אָדער לידער איז געווען דער אינטעליגענט און אין כמעט אַלע פאַלן זיינען די דאָזיקע געווען אָרעם, געאַרבעט אַלס „קלאַפּערס" און ווינציק פאַרדינט, דערפאַר אָבער זיך אומגעטראָגן מיט אַ געפיל פון אַן אויבערמענטש און אויף אַלץ און אַלעמען געקוקט פון אויבן אַראָפּ; דער כלל־טוער ווידער איז געווען דער רייכער אַרויפגעאַרבעטער קליענ־טעלטשיק, וואָס האָט געהאַט צייט זיך צו קהלן און איז געווען זיכער, אַז ער קען האַלטן די בעסטע רעדע, געבן די בעסטע עצה ווי דורכצופירן די אָדער יענע אַקציע און אַ פשיטא, אַז ער איז דער פּאַסיקסטער קאַנדידאַט אויף פּרעזידענט אין דער ביבליאָטעק, שול אָדער קולטור פאַריין. אין מייסטע פאַלן איז אָט דער דאָזיקער כלל־טוער געווען קוים עפּעס מער ווי אַ גראַמאָטנער און זיין דערפאָלג אין דער מיסחר וועלט, זיין מעגלעכקייט צו קענען אויסגעבן גרויסע סומען און דאָס וואָס אַלע אַרום אים אין דער מיסחר־וועלט, מיט וועמען ער איז געקומען אין באַרירונג, האָבן אים גע־חנפהט, האָט אים געפירט דערצו ער זאָל זיך איינריידן, אַז ער איז עס דער באַרופענער קאַנדידאַט אויף די אַמטן און ווייל תמיד איז דאָך געווען ניט

בלויז איינער, וואָס האָט אַזוי פון זיך געהאַלטן, האָט דער דאָזיקער שטענ־דיק געהאַט קעגנער און ביי יעדער געלעגנהייט ווען ער איז דורכגעפאַלן ביים וועלן דערווײלט ווערן צו וועלכן עס איז בכבודיקן אַמט, האָט ער גע־וואָלט „באַשרייבן" זיינע קעגנער אין צייטונג.

מען מוז מודה זיין, אַז איןביידע פאַלן — סיי בנוגע די שרייבער, סיי בנוגע די כלל־טוער — איז די רעדאַקציע געווען גערעכט מיטן ניט דער־לאָזן זיי צו פאַרעפנטלעכן זייערע „ווערק" אין דער צייטונג, ווייל אין תוך גענומען זיינען דאָס געווען בלויז פאַרזוכן פון מענטשן, וואָס האָבן פּרע־טענדירט צו באַשרייבן (אָדער אויסזינגען) זייערע געפילן פון בענקעניש נאָך דעם אַלעמען, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט אין דער אַלטער היים, אָדער גאָר „אָפּרעכענען" זיך מיט זייערע שונאים, וועלכע זיי האָבן באַשריבן אין זייער שאַפונג אין דער פאָרם און געשטאַלט ווי זיי האָבן אים געזען. בנוגע פאַרעפנטלעכטע דערציילונגען אָדער לידער, איז דאַמאָלסט געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך צו וועלן דערגייך ווען דער שרייבער האָט געמיינט... דער כלל־טוער איז ווידער געווען גאַנץ אָפנהאַרציק אין זיין וועלן „באַשרייבן" זיינע קעגנער. בעת דער דערציילער אָדער פּאָעט האָט אין זיין „ווערק" כאָטש פאַרשלייערט דעם נאָמען פון זיין העלד אָדער העלדן און מען האָט געמוזט טרעפן וועמען ער מיינט, האָט דער כלל־טוער אין זיין „אַרטיקל" אָפטמאָל גאַנץ אָפן גערעדט וועגן זיין קעגנער און זיינע מעשים אַזוי, אַז יענער האָט ניט געלאָזט קיין שום ספק קעגן וועמען עס האַנדלט זיך. פאַרעפנטלעכן אַזעלכע שרייבעכצן וואָלט פאַקטיש געהייסן פונאַנדערפלאַקערן פייערן, וועלכע וואָלטן געפירט צו אומענדלעכע קריגע־רייען און פּראָצעסן א. אַז. וו. צו דעם אַלעמען דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז די דאָזיקע שרייבער האָבן אין די מייסטע פאַלן ניט געקאָנט די קונסט פון שרייבן ריכטיק יידיש, ווער שמועסט שוין פון שרייבן אַזוי, אַז מען זאָל זייער שרייבן קענען דרוקן אָן שום אויסבעסערונגען אין זין פון סטיל און סינטאַקסיס. פון דער צווייטער זייט ווידער האָבן זיי ניט „דערלויבט" מען זאָל עפּעס ענדערן אין זייער שרייבן, אי ווייל זיי האָבן פשוט ניט פאַר־שטאַנען אַז זיי קענען ניט ריכטיק שרייבן, אי ווייל זיי האָבן געקוקט אויפן רעדאַקטאָר מיט ביטול פון אויבן אַראָפּ.

אין די מערסטע פאַלן זיינען די ליטעראַרישע זשורנאַלן געווען אַ שותפות פון אַט די דאָזיקע שרייבער, פּאָעטן און כלל־טוער. צום ערשטן האָט זיי אַלעמען פאַרייניקט די שנאה צו קעגנער, נאָר ווי מען איז געקו־מען צום עצם צונויפשטעלן דאָס מאַטעריאַל פאַר דעם זשורנאַל, האָט זיך ערשט אַרויסגעוויזן, אַז אַפילו די פאַרביסנסטע קריטיקער, וואָס מיטן מויל האָבן זיי אומעטום געשיט פּעך און שוועבל אויף אַלץ און אַלעמען, האָבן אָנגעהויבן קריגן דרך ארץ פאַרן געדרוקטן וואָרט און האָבן געוואָלט עס זאָל אין דרוק אַלץ אַרויסקומען לייטיש און מיט טאַקט, אַזוי איז זיי אויסגעקומען צו צוימען זייערע שותפים, די כלל־טוער, אין זייערע אויס־ברוכן פון כעס און אָנפאַלן אויף קעגנער און היות ווי די כלל־טוער זיינען מייסטן געווען די „מעצענאַטן", וועלכע האָבן געדאַרפט געבן דאָס געלט און היות ווי קיין פּראָפיטן האָבן זיי דאָך ניט געקאָנט דערוואַרטן פון דער אונטערנעמונג, האָט זיך מייסטן נאָכן ערשטן נומער באַלד אָפּגעקילט ביי זיי דער חשק צו דער אונטערנעמונג און דער גורל פון ליטעראַרישן זשור־נאַל איז געווען געחתמעט.

# די נייע וועלט

## O NOVO MUNDO

דער ערשטער זשורנאַל פון אויבנדערמאָנטן טיפּ איז געווען אַ זשורנאַל מיטן נאָמען די נייע וועלט. דער ערשטער נומער פון זשורנאַל איז דערשינען דעם 1טן מערץ 1927, רעדאַקטאָר פון זשורנאַל אי זגעווען אַדאָלפאָ קישינאָווסקי. אין פערטן נומער (דערשינען דעם 25סטן יולי 1927) ווערט געמאָלדן, אַז דער זשורנאַל וועט פון קומענדיקן נומער אָן דערשיינען יעדע צווי וואָכן אַנשטאָט יעדן חודש, עס דערשיינען אָבער בלויז נאָך איינציקע געציילטע נומערן און דער זשורנאַל פאַרמאַכט זיך. עס איז אונדז ליידער ניט געלונגען צו דערגיין גענוי וויפל נומערן עס זיינען נאָך דערשינען פון דאָזיקן זשורנאַל אַלס צוויי מאָל אין חודש־אויסגאַבע.

אין דאָזיקן זשורנאַל האָט קישינאָווסקי געדרוקט איינציקע פון זיינע דערציילונגען, וועלכע ער האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן אין בוך פאָרם אונטערן נאָמען נייע היימען (נילאָפּאָליס — ריאָ דע זשאַנייראָ 1932), האָט

געשריבן די געזעלשאַפּאַלעכע אַרטיקלען און אויך אין די געציילטע אַר־טיקלען אונטער אַנדערע נעמען דערקענט מען זיין האַנט. בכלל איז דער זשורנאַל געשטאַנען אויף אַ געוויסער הויך מיט דער ריינקייט פון שפּראַך און מיט דער באַשיידנקייט פון באַהאַנדלען געוויסע געזעלשאַפטלעכע ענינים, אויסמיידנדיק די היסטעריע, וואָס האָט געהערשט אין דער געזעל־שאַפט צווישן קעגנער פון פאַרשיידענע ריכטונגען און געזעלשאַפטלעכע טוער פון יענער צייט.

# אונזער לעבן

## NOSSA VIDA

אַ צווייטע ליטעראַרישע שריפט פון זעלבן טיפ איז געווען אונזער לעבן. דער ערשטער נומער דערשיינט דעם 23סטן דעצעמבער 1927 און אין קאָפ ווערט דער זשורנאַל באַצייכנט אַלס „אַלגעמיינע, קולטורעלע, געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע וואָכנשריפט". אַלס דירעקטאָר פיגורירט דער נאָמען פון נתן פערמאַן און אַלס רעדאַקטאָר — אַדאָלף קישינאָווסקי.

אונזער לעבן איז געווען אַ פאַרוואַנדלונג פון די נייע וועלט און די ענדערונג פון נאָמען איז בלויז געווען דערפאַר וואָס עס איז צוגעקומען אַלס שותף דער שוין דערמאָנטער נתן פערמאַן.

פ. איז נאָך דאַן געווען אַ בחור, געשטאַנען אין שידוכים, אַליין פאַרמאָגט אַ גרויסע קליענטעלע, געשטאַמט אויך פון אַ רייכער פאַמיליע און היות ווי ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פּאָעט, איז צושטאַנד געקומען די שותפות צווישן אים מיט ק.

אויך אין אונזער לעבן האָט ק. אָנגעהאַלטן דעם באַשיידענעם טאָן פון די נייע וועלט. אין די געציילטע נומערן, וואָס זיינען דערשינען ניט רעגל־מעסיק, האָט פּ. פאַרעפנטלעכט צוויי לידער און ק. אייניקע דערציילונגען.

אויך פון אונדזער לעבן זיינען בלויז דערשינען אייניקע געציילטע נו־מערן. עס איז אונדז ליידער אויך דאָ ניט געלונגען צו דערגיין גענוי וויפל נומערן עס זיינען דערשינען. אויך אין דעם פאַל איז די סיבה פון אויפהערן דערשיינען געווען דער וואָס דער „מעצענאַט" פּ. האָט מער ניט גע־וואָלט צוטראָגן קיין געלט און ווי עס ווייזט אויס האָט זיך אים מער ניט איינגעגעבן צו שרייבן קיין נייע לידער און ער האָט אַזויערנאָך פאַרלוירן דעם אינטערעס צו דער וואָכנשריפט.

צום זעלבן סאָרט זשורנאַלן געהערן אויך די אויבנדערמאָנטע זשור־נאַלן, וואָס זיינען אייגנטלעך איינס און דאָס זעלבע און זיינען בלויז דער־שיינען פריער אונטער איין נאָמען און שפּעטער אונטערן צווייטן.

„קדימה" איז געווען אַ יוגנט אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס האָבן זיך גרופּירט יונגוואַרג, וואָס האָבן מייסטן געאַרבעט צוזאַמען מיט זייערע עלטערן אין זייערע געשעפטן און געהאַט אַ געוויסן חוש פאַר געזעל־שאַפטלעכן אויסלעבן זיך, ווייל זיי זיינען געקומען פון אייראָפּע טיילווייז אַלס דערוואַקסענע און האָבן אין דער אַלטער היים זיך באַטייליקט אין געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, מייסטן קולטורעל־נאַציאָנאַלע, איז דאָ, אין דער נייער היים, האָבנדיק גענוג פרייע צייט און געלט, האָבן זיי געזוכט זיך אויסצולעבן אין קרייז פון יונגעלייט און מיידלעך פון זייער עלטער.

אויסער דאָס דורכפירן פון צייט צו צייט פאַרווײלונגען מיט טענץ, האָבן זיי אויך דורכגעפירט פאַרשיידענע פאָרלעזונגען, טעאַטער פאָרשטעלונגען און אויף צו האַלטן אינפאָרמירט זייערע מיטגלידער וועגן דער טעטיקייט פון זייער אָרגאַניזאַציע האָבן זיי אַרויסגעגעבן אַ ביולעטין מיטן נאָמען פון זייער פאַריין — קדימה. דער ביולעטין פלעגט דערשינען ניט רעגלמע־סיק, געדרוקט אין 4 זייטלעך קליינעם זשורנאַל־פאָרמאַט און צעשיקט ווערן אומזיסט צו די מיטגלידער.

איינער פון די דירעקטאָרן פון דער קדימה אָרגאַניזאַציע — שאַכניק — האָט שפּעטער איבערגענומען דעם ביולעטין און אים פאַרוואַנדלט אין אַן אילוסטרירטן חודש זשורנאַל א. נ. די יוגנט.

שאַכניק האָט צוגעצויגן צום זשורנאַל דעם יונגן צייכענער־אַמאַטאָר כאַכאַמאָוויטש און די דערשינענע נומערן פון די יוגנט זיינען געווען זייער פיינע העפטלעך מיט צייכענונגען און קאַריקאַטורן פון לאָקאַלן קאָלאָריט.

עס איז אונדז ניט געלונגען צו דערגיין וויפל מאָל עס איז דערשינען דער ביולעטין קדימה. פון די יוגנט זיינען דערשינען 6 נומערן און אין קעגנזאַץ צו די אַנדערע זשורנאַלן איז די יוגנט געווען דער איינציקער פאַרזוך צו געבן די יידישע יוגנט אַ יידיש קולטורעלע דערציאונג.

עס איז אינטערעסאַנט דאָ צו פאַרצייכענען, אַז די קדימה אָרגאַניזאַציע, ווי די אַרויסגעגעבענע זשורנאַלן קדימה און די יוגנט, זיינען געווען די איינציקע ערנסטע פאַרזוכן אין בראַזיליאַנער יידישן ישוב צו אָרגאַניזירן די יידישע יוגנט אין אַן אומפּאַרטייאישער אָרגאַניזאַציע אויף אויסצולעבן זיך אין יידיש, קולטורעל און געזעלשאַפטלעך. צום באַדויערן זיינען די שפּעטער געשאַפענע יוגנט אָרגאַניזאַציעס שוין אַלע געווען אין פּאָרטוגע־זיש און בכלל האָט די יוגנט אויפגעהערט באַנוצן יידיש.

די יוגנט איז דערשינען אין געוויינלעכן מאַגאַזין פאָרמאַט אין 16 זייטן, געדרוקט אויף גלאַנץ פּאַפּיר, מיט בילדער, צייכענונגען און קאַרי־קאַטורן פון שוין דערמאַנטן צייכענער־אַמאַטאָר כאַכאַמאָוויטש אין טעקסט און שטענדיק מיט אַ בילד אויפן שער בלאַט.

דער לעצטער נומער איז דערשינען אין דער צווייטער העלפט פון דע־צעמבער 1929 אַלס טאָפּל נומער אין 24 זייטן מיטן בילד פון פאַרשטאָר־

בענעם ביינישׂ מיכאַליעוויטש אויף דער הילע און מיטן אַרטיקל וועגן זעלבן פון אהרן בערגמאַן.

בכלל האָט די יוגנט געדרוקט (אויך איבערגעדרוקט) אַרטיקלען פון באַקאַנטע שרייבער און דערמיט געגאַנגען אויף אַן ערנסטערן וועג ווי די אַנדערע זשורנאַלן, וועלכע האָבן מייסטן נאָר געדרוקט די אייגענע נאָענט שטייענדיקע מענטשן און דערמיט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אויסגאַבע, וועלכע איז נאָר דערצו באַשאַפן געוואָרן.

# „דער אנהייב"

מיר האָבן שוין דערמאָנט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל וועגן די באַ־וואוסטע שרייבער. אַזעלכע זיינען פאַרשטענדלעך אויך געווען צווישן די קאָמוניסטן, אָדער ווי מען פלעגט זיי רופן, די פּראָגרעסיווע עלעמענטן.

אויף אָנצוהאַלטן דעם גלייכגעוויכט אין דער געזעלשאַפט פלעגט די בראַזי. איד. פּרעסע טאַקע דרוקן פון צייט צו צייט אייניקע אַרטיקלען פון צווישן אָט די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, דאָס זיינען אָבער געווען גע־ציילטע פּריווילעגירטע, חוץ די דאָזיקע זיינען נאָך געווען גענוג באַוואוסטע, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פאַר שרייבער און האָבן קיינמאָל ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו קומען צום פּסוק. עס איז אינטערעסאַנט דערביי אונ־טערצושטרייכן, אַז דאָס האַלטן זיך פאַר אַ פּראָגרעסיוון כלל־טוער איז אייגנטלעך ניט געווען קיין פאַקט פון זיין אַ קאָמוניסט, גיכער זיינען עס געווען רייך געוואָרענע קליענטעלטשיקעס, וועלכע האָבן זיך געוואָלט

אויסדרייען פוןביישטערן צו די נאַציאָנאַלע פאָנדן און האָבן פאַראַדירט אַלס פּראָגרעסיווע און אין אַנדערע הינזיכטן, איבערהויפּט אין דער הינ־זיכט פון וועלן זיך זען געדרוקט, זיינע זיי ניט אָפּגעשטאַנען פון די אַנ־דערע כלל־טוער פון אַנדערע ריכטונגען.

אין דער הינזיכט פון וועלן זיך זען געדרוקט, זיינען ניט געווען קיין חילוקי דעות צווישן די אָנגעהעריקע צו די פאַרשיידענע ריכטונגען. די פּראָגרעסיווע האָבן זיך אָבער געהאַלטן פאַר מאַרטירער, אַזוי צו זאָגן, און עס זאָל האָבן געהייסן, אַז דאָס פאַרשטויסט מען זיי צוליב זייערע אידייען.

וויפל די אַלע דערמאָנטע כלל־ און קולטור־טוער האָבן זיך ניט גע־האַלטן פאַר שרייבער, האָבן זיי אָבער ביי זיך גופא געשפּירט, אַז זייער זון קען נאָר שיינען ווען זיי וועלן האָבן איינעם אַלס רעדאַקטאָר, וועלכער זאָל — לויט זייער אויסדרוק — בלויז „איבערקוקן" זייערע כתבים. אַזאַ קאַנדידאַט האָבן זיי געפונען אין דער פּערזאָן פון דערמאָנטן אינזש. ראובן זינגער.

ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, האָט ז. זייער פיל געשריבן אין דער בראַז. איד. פּרעסע, ווו ער האָט כמעט אַליין אויסגעפילט די ציטונג אין דער לעצטער צייט, ווען די צייטונג האָט זיך שוין פּאַקטיש געהאַלטן ביים שליסן און די געציילטע מיטאַרבעטער זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען פון דער רעדאַקציע.

ז. האָט צו יענער צייט געהאַט פאַרעפנטלעכט אין ניו יאָרקער „טאָג" אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן בישע אין בראַזיל (בישע — אין פּאָרטוגעזיש: חיה — איז אַ פאַרשפּרייטע אַזאַרט שפּיל), איז דאָס געדרוקט געווען אין „טאָג", צוזאַמען מיט דעם וואָס די איד. פּאָלקסצייטונג איז אים פּערזענלעך באַ־פאַלן, האָט אים געשאַפן אָנזען אין די רייען פון די פּראָגרעסיווע און אַזוי־ערנאָך איז ער געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון פּראָגרעסיוון זשורנאַל דער אָנהייב.

ז. איז געווען זייער אַ פעיקער און פלינקער זשורנאַליסט, זייער אָפט פלעגט ער זיינע אַרטיקלען שרייבן אינמיטן רעדאַקציע טומל, אָדער גאָר אין דערנעבנדיקן קאַפע־הויז צווישן איין קאַוועלע און אַ צוויטס; אין זיין

שרייבן פלעגט זייער אָפט דאָמינירן דער לייכטער, דער פעליעטאָניסטישער, טאָן און עס פלעגט זיך זייער אָפט באַקומען דער איינדרוק, אַז ער קען שרייבן פאַר אָדער קעגן וועלכער עס איז אַקטועלער פראַגע ווי אַ זייטי־קער באָאָבאַכטער און ניט ווי אַ דירעקט פאַראינטערעסירטער אין דער פראַגע. אין אָט דעם גייסט האָט ער אָרגאַניזירט די גרופּע פּראָגרעסיווע און באַלאַנסירט צווישן די פאַרשיידענע אינטערעסן פון די גרופּן און יחידים אַזוי, אַז עס איז צושטאַנד געקומען די אָרגאַניזירונג פון זשורנאַל „דער אָנהייב״.

דער אָנהייב הייבט אָן דערשיינען סוף 1929 אין ריאָ דע זשאַניירא, ווען עס איז שוין געווען קלאָר, אַז די בראַז. איד. פּרעסע גייט אונטער. די צייטונג דערשיינט אין קליינעם צייטונגס פאָרמאַט אין 8 זייטן אַלס „וואָכנ־בלאַט פאַר געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען״ אונטער דער רעדאַקציע פון אַ קאָלעגיע מיט ז. אַלס רעדאַקטאָר. אין דער קאָלעגיע איז אויך אַריין יאַנקל פוקס, וועלכער האָט זיך שפּעטער אָפּגעשפּאָלטן פון דער גרופּע און אָנגע־הויבן אַרויסגעבן אַן אַנדער בלעטל א. נ. די קראַפט.

אייניקע חדשים דערשיינט דער אָנהייב נאָרמאַל יעדע וואָך און ווערט געפירט אין גייסט פון פּראָ־קאָמוניזם אונטערן שלייער פון אומפּאַרטיי־אישקייט. צי עס זיינען פאָרגעקומען רייסערייען אין דער רעדאַקציע קאָ־לעגיע איז אונדז ניט באַקאַנט. פון דעם וואָס איז געווען פאַרעפנטלעכט אין שריפט האָט מען ניט געקאָנט זען קיין מיינונגס פאַרשיידנקייט, עס איז דערפאַר אָנצונעמען, אַז דער ברוך צווישן די מיטגלידער פון דער גרופּע איז ניט פאָרגעקומען אויפן אידעישן באָדן. ווי עס זאָל אָבער ניט זיין, איז די שפּאַלטונג פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן: איין גרופּע, מיט פריער דערמאָנטן יאַנקל פוקס, האָט פאַרכאַפּט די אייגענע דרוקעריי, וווּ די צייטונג איז געדרוקט געוואָרן און געהאַט בדעה ווייטער אַרויסגעבן די צייטונג, האָט די צווייטע גרופּע רעגיסטרירט אין געהיים דעם נאָמען פון דער צייטונג אַלס זייערס און דער קאָפּ דער אָנהייב האָט מער ניט געקאָנט באַ־נוצט ווערן דורך דעם צווייטן צד.

דער אָנהייב איז אַזויערנאָך מגולגל געוואָרן אין די קראַפט, וועגן וועל־כער מיר וועלן ריידן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט האָט מען פון די פאַרעפנטלעכטע אַרטיקלען ניט געקאָנט מערקן, אַז אין דער רעדאַקציע קאָלעגיע הערשט ניט קיין אייניקייט, נאָר ווען די רייסערייען זיינען אַרויסגעקומען אין דער עפנטלעכקייט האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז די גרונט סיבה פון די אַלע רייסערייען איז דאָס וואָס ניט אַלעמען האָט מען געקאָנט צופרידנ־שטעלן און דרוקן אין דער צייטונג. אינדעראמתן זיינען אין דער גרופּע געווען זייער ווינציק אַזעלכע, וועלכע האָבן געקאָנט אָנשרייבן אַן אַרטיקל אויף אַ פּיל ווייניק פּאַסיקן אופן.

ז. ווידער, וועלכער האָט געזוכט ביי די פּראָגרעסיווע אַן אָנהאַלט צו קענען זיין טעטיק מיט דער פּען און ווייטער קעמפן קעגן דער איק״אָ און אירע מושלים, האָט זיך הפּנים אַנטוישט אין דער אידעאַליסטישקייט פון דער גרופּע. די ביידע באַזונדערע גרופּן ווידער, האָבן יעדער אויף זיין שטייגער געהאַט גענוג גרונט ניט צו זיין צופרידן מיטן רעדאַקטאָר ז., זיין שטעלונג, אָדער וואַקלדיקייט, אין פאַרשיידענע פראַגן, איז היות ווי דאָס ווייטערדיקע אַרויסגעבן פון דער אָנהייב איז געוואָרן אוממעגלעך, איז ז. דאַמאָלסט אַוועק קיין אַרגענטינע.

# „די קראַפּט"

ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט איז יאַנקל פוקס געבליבן מיט דער דרוקעריי, וועלכע איז איינגעאָרדנט געוואָרן צו דרוקן דער אָנהייב, איז אין אָט דער דרוקעריי האָט פּ. געדרוקט קאָמערציעלע אַרבעטן און אינ־צווישן צייט אַרויסגעגעבן יעדע צוויי וואָכן די נייע שריפט — די קראַפט.

אַרום די קראַפּט האָט זיך גרופּירט אַ קליינע גרופּע פון די פּראָגרעסיווע צדדים. אָט די גרופּע האָט אָנגעשטעלט אַלס רעדאַקטאָר מאָטל גלייזער, אַ יידישער אינטעליגענט פון בעסאַראַביע, וועלכער איז צו יענער צייט געהאַט געקומען קיין בראַזיל. ג., וועלכער האָט גענוצט דעם פּסעוודאָנים: מאָטל יידיש, האָט זיך גאַמיט רעדאַקטירן די קראַפּט אין פּראָגרעסיוון גייסט אויף אַ געוויסער קולטורעלער הויך, איז אומגעפּאָרן איבער די יידישע ישובים, געזוכט אַבאָנענטן, עס געלינגט אים אָבער ניט צו שאַפן קיין גרעסערע סומען און ער גייט ענדלעך אַוועק פון דער צייי־

טונג. די סיבה וואָס זיינע רייזעס גיבן ניט דעם געוווּנטשענעם מאַטעריעלן דערפאָלג נעמט זיך דערפון, וואָס מייסטן אַזוי גערופענע פּראָגרעסיווע, זיינען עס געווען בלויז צוליב דעם וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט ביישטייערן פאַר די נאַציאָנאַלע פאָנדן „קרן קימת" און „קרן היסוד", האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אַלס קעגנער פון ציוניזם און אַלס פּראָגרעסיווע, זיינען אָבער די פּראָגרעסיווע אויך געקומען נאָך געלט האָבן זיי זיך אויך פון זייערע געלט־אַקציעס אויסגעדרייט.

פון זיינע רייזעס אויף דער פּראָווינץ האָט ג. פאַרעפנטלעכט זייער שיינע באַשרייבונגען, סיי פון דער שיינער בראַזיליאַנער לאַנדשאַפט, סיי פון די יידישע ישובים און די אינטערעסאַנטע טיפּן, וואָס געפינען זיך אין די דאָזיקע יידישע ישובים. די באַשרייבונגען האָט ג. פאַרעפנטלעכט טיילוויז אין די קראַפּט און טיילוויז אין מיר און זיי, וואָס ער האָט רעדאַגירט, ווי מיר וועלן זען אין קומענדיקן קאַפּיטל.

ווען ג. איז אַוועק פון די קראַפּט האָט דער אייגנטימער יאַנקל פוקס נאָך געפּרוּווט אַרויסגעבן די צייטונג און האָט צוגעצויגן אַ יונגמאַן מיטן נאָמען אברהם וואַלדמאַן, וועלכער האָט פּאַקטיש אַליין אַרויסגעגעבן די צייטונג. וו. איז געווען איינער פון אַ גרופּע לינקע פּועלי ציון, וועלכע האָבן פּלוצים באַשלאָסן זיך אָנשליסן אָן די קאָמוניסטן און זיי האָבן אַרויסגע־געבן אַ בראָשור א. ג. אַרויס פון זומפּ (ריאָ דע זשאַניירא, 1931, 50 ז"ז). געדרוקט די בראָשור אין דער דרוקעריי פון ה' פוקס, אַרויסגעבער פון די קראַפּט איז וו. שוין געבליבן דאָרט אַרבעטן אין דער רעדאַקציע און ווייל ער איז געווען דער ביליקסטער, איז ער אויך געווען דער פּאַסיקסטער מענטש פאַרן אַרויסגעבער פ.

פון דער גרופּע לינקע פּועלי ציון, וועלכע האָבן פּראָקלאַמירט פאַר דער וועלט, אַז זיי גייען „אַרויס פון זומפּ" און זיינען אַוועק צו די ק. זיינען אונדז זייער גוט באַקאַנט געווען דער דערמאָנטער וו. און אַ צווייטער, מ'נץ. ביידע זיינען זיי געווען שניידער אַרבעטער, זיינען שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט. וו. איז אַוועק צוריק קיין פּוילן און שפּעטער מגולגל געוואָרן קיין צענטראַל אַמעריקע, ווו ער איז אַ טעטיקער כלל־טוער פאַר דער הסתדרות און ישראל און דער צווייטער, וועלכער האָט

ניט געוואָלט צוריקפאָרן קיין פוילן, איז פון דער בראַזיליאַנער פּאָליציי פאַרשיקט געוואָרן אויף אַן אינזל און איז דאָרט אומגעקומען. מ. איז געווען אַ שטילער און באַשיידענער אַרבעטער, אַן אידעאַליסט אין דער נאַטור איז ער פון דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע צו יענער צייט ממש פאַרכאַפּט געוואָרן און זייער אַקטיוויטעט אויף דער יידישער גאַס האָט אים גלייך אַריינגעצויגן, — דער אידעאַליסטישער מ. האָט ניט געקאָנט אַרומטראָגן זיך מיט אַ חלום וועגן אַ ווייט לאַנד בעת דאָ אויפן אָרט איז אַלץ אַזוי רירעוודיק. אינדעראמתן זיינען אָט די ליאַרעמדיקע קאָמוניסטישע רעדל פירער געווען רייכע קליענטעלטשיקעס, געגעבן געלט אויף פּראָצענט, זיך געלעבט אַ לוקסוס לעבן.

זאָלן די געציילטע שורות זיין אַ מצבה אויפן קבר פון באַשיידענעם אידעאַליסט און קעמפער, וואָס איז אומגעקומען נאָר אַ דאַנק דער ליאַרעמדיקער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע קעגן דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין ארץ ישראל צו יענער צייט.

# NÓS E ELLES

## MIR UN ZEI - מיר און זיי

Orgão independente de propaganda em pról da organisação de uma melhor Collectividade Israelita no Brasil.

Publicação mensal em portuguez-idisch.

Redacção e administração:
RUA 7 DE SETEMBRO, 1ª
Tel. 4-5683 Caixa Postal-

Redacção: Dr. Symphronio de Magalhães, Dra. Diva Dantas, Dr. Moses Rabinovitch

Director: Dr. Moses Rabinovitch

ANNO I — RIO DE JANEIRO - DEZEMBRO 1930 — N.º 1

מיר און זיי איז געווען אַ זשורנאַל פון געוויינלעכן מאַגאַזין־פאָרמאַט, וואָס איז לכתחילה אויסגערעכנט געווען צו דערשיינען אין יידיש און פּאָר־טוגעזיש און האָט געזאָלט זיין דער אָרגאַן פון אַ אידישן ראַדיקאַלע פּאָלקס פּאַרטיי אין בראַזיל.

דער ערשטער — און איינציקער — נומער איז דערשינען אין דעצעמ־בער 1930. אין קאָפּ לייענט זיך: חודש שריפט אין פּאָרטוגעזיש, אידיש, אומאָפּהענגיקער אָרגאַן פאַר אַ גרעסערער און בעסער אידישער געזעל־שאַפט אין בראַזיל.

מיר און זיי איז רעדאַגירט געוואָרן פון אַ קאָלעגיע, וואָס איז באַשטאַנען פון דר. מאַגאַליאַנעס, דראַ. דיוואַ דאַנטאַס און דר. משה ראַבינאָוויטש. לויט ווי עס קען פאַרשטאַנען ווערן פון צוזאַמענשטעל פון דער קאָלעגיע זאָלן די דערמאָנטע בראַזיליאַנער אַדוואָקאַטן־זשורנאַליסטן אָנפירן מיט דער

פּאָרטוגעזישער טייל און ר. זאָל עס זיין דער יידישער רעדאַקטאָר, אינדער־אמתן האָט די יידישע טייל רעדאַגירט דער שוין פריער דערמאָנטער גלייזער.

אייגנטלעך איז דער גאַנצער פּלאַן פון שאַפן אַן אַזוי גערופענע צענטער פּאַרטיי פון יידן און בראַזיליאַנער צוזאַמען, געווען די אַרבעט פון דר. ראַבי־נאָוויטש, וועלכער האָט אין דער יידישער געזעלשאַפט ניט געהאַט קיין שום אחיזה. די בראַזיליאַנער האָבן זיין פּלאַן פאַרשטענדלעך אויפגענומען ווי אַן עווענטועלע מעגלעכקייט צו קענען קריגן יידישע שטימען פאַר זיך און זייערע קאַנדידאַטן בעת וואַלן און ר. האָט דערביי געהאַט ריין פּערזענלעכע חשבונות מיטן איק״אַ פאַרשטייער אין בראַזיל, דר. ראַפּאַלאָוויטש, וועלכער האָט זיך גערופן רב הכולל און געפּלאַנט איינצופירן אַ קהילה. ר., אַ רוסיש־יידישער אַדוואָקאַט, איז געווען פאַרהייראַט צום הרב הכולל׳ס אַ נאָענטע משפחה און איז געווען געשיידט פון זיין פרוי.

דער געדאַנק פון אַ צענטער פּאַרטיי איז אפשר ניט געווען אינגאַנצן קרום, ווייל פּאַקטיש איז דער יידישער ישוב געווען קעגנזעצלעך צעטיילט אין ק. און נאַציאָנאַל־געשטימטע, איז אַזוי אויסגעקומען אַז ביי דער בראַ־זיליאַנער געזעלשאַפט זיינען פון איין זייט אַלע יידן געווען פאַררעכנט פאַר ק. און ביי דער ק. פּאַרטיי זיינען אַלע יידן געווען פאַררעכנט אַלס עקספּלאָאַטירער פון דער אָרעמער באַפעלקערונג צוליב זייער באַשעפטיקן זיך אַממייסטן מיט קליענטעלע. דר. ר. איז אָבער פאַר קיין פאַל ניט געווען די פּאַסיקע פּערזאָן צו שאַפן אַזאַ יידיש־בראַזיליאַנער צענטער פּאַרטיי. פון גאַנצן פּלאַן איז אויסער דאָס דערשיינען איין נומער מיר און זיי גאָרניט געוואָרן.

דר. ר. האָט נאָך שפּעטער געפירט זיינע אַטאַקעס אויף דעם רב הכולל און זיינע מעשים דורך פּלוג בלעטלעך און בראָשורן, איבערהויפּט ווען ער האָט געהאַט פינאַנציעלע מיטלען דערצו. איינע אַזאַ בראָשור אַ. נ. שימל... און לופּט (אַ ווײ געשריי פון וויטיק און אויפברויז פון אַ באַוווסטזיניקן באַאַבאַכטער) האָט ער אַרויסגעגעבן אין אויגוסט 1932.

מיר און זיי איז געווען דער לעצטער פּרווו אַרויסצוגעבן אַ רעגולערע צייטשריפט אין יידישן ישוב אין בראַזיל. די יידישע יוגנט, איבערהויפּט

די שטודירנדיקע, האָט אַלץ מער גענוצט אַלס זייער אומגאַנגס שפּראַך פּאָרטוגעזיש און די כלל טוער, ווערנדיק עלטער און רייכער, האָבן אויפ־געגעבן זייער אַמאָליקע געדאַנקען פון שרייבן אַרטיקלען און צו דעם אַלע־מען איז צוגעקומען דער פאַקט וואָס די אידישע פאָלקסצייטונג מיט איר גרויסער צאָל מיטאַרבעטער האָט פאַקטיש ניט געלאָזט קיין פּלאַץ פאַר קיין לאָקאַלע שרייבער און בכלל איז צו דער א.פ.צ. געווען שווער צו צוקו־מען, ווייל זיי האָבן זיך ניט געניטיקט אין קיין געזעלשאַפטלעכער אנער־קענונג, אי צוליב זייער רייכקייט, אי צוליב דעם וואָס זיי זיינען געווען די איינציקע אויף דער יידישער גאַס און זיי האָבן ניט געהאַט קיין מורא פאַר קיין קאָנקורענץ.

**A Gazeta Israelita**

# פאָלקסצייטונג

דער ערשטער נומער פ. צ. האָט זיך באַוויזן דעם 20סטן דעצעמבער 1927 און איז דערשינען צוויי מאָל אין וואָך (מיטוואָך און פרייטיק). אַלס אַרויסגעבער האָבן אין קאָפּ פון דער פ. צ. פיגורירט: עדוואַרדאָ האָראָוויץ, יעקב שניידער און סאַלאָמאָן גאָרנשטיין; אַלס רעדאַקטאָרן פון אָפּטיילונגען: ש. קאַראַקושאַנסקי, מנשה האַלפּערן און אהרן בערגמאַן, רעדאַקטאָר — עדוואַרדאָ האָראָוויץ.

פּונקט ווי אַ מאָל די בראַז. איד. פּרעסע האָט די געשאַפענע געזעלשאַפט, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן די פ. צ., זיך פאַרנומען זייער גרויס. עס זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן אויפן ברייטן שטייגער די דרוקעריי מיט מאָדערנע מאַשינען, די אַדמיניסטראַציע, די עקספּעדיציע פון דער צייטונג און עס איז ביי דער רעדאַקציע אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אַ ביכער לאַגער און ס'איז אַפילו פאָרויסגעזען געוואָרן אַ פאַרלאַג־טעטיקייט, ד. ה. אַרויס־

געבן פון צייט צו צייט יידישע און העברעישע ביכער. בכלל האָט זיך די געגרינדעטע געזעלשאַפט פאַרמאָסטן צו ווערן די פאַרזאָרגערין פון יידישער קולטור פאַרן יידישן ישוב.

צום שבח פון די אַרויסגעבער דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז כאָטש זיי האָבן די גאַנצע אונטערנעמונג לכתחילה געבויט אויף אַ געשעפטס באַזע, האָבן זיי ניט געקאַרגט קיין געלט צו שאַפן אַ ווירקלעך גרויסע אינפאָרמאַטיווע און רייכע צייטונג, וואָס איז לויט די דאַמאָלסטיקע אומשטענדן פון יידישן ישוב, געווען אַ גרויס נייעס.

די פ. צ. איז דערשינען אין געוויינלעכן צייטונגס פאָרמאַט אין 8, 10 און זייער אָפט — איבערהויפט פרייטיק — אויך אין 12 זייטן. ביי יעדער ספּעציעלער געלעגנהייט, ווי פאַר אַ יום טוב, אָדער אַנדערע וויכטיקע דאַטעס איז די צייטונג דערשינען אין אַ פאַרגרעסערטער צאָל זייטן. די צייטונג פלעגט זיך דרוקן אין אַ צילינדער־מאַשין, 4 זייטן מיט אַמאָל. ביי געוויסע עקסטראַ־דאַטעס זיינען דערשינען ביז 5 דרוק־בויגן (40 זייטן).

די הויפּט באַלעבאַטים זיינען געווען יעקב שניידער און סאָלאָמאָן גאָרנשטיין, ווייל זיי זייגען געווען די הויפּט געלט געבער, נאָר אין דער פירונג פון דער צייטונג האָט געהאַט די הויפּט דעה עדוואַרדאָ האָראָוויץ (אַ שוואָגער פון שניידער). ער איז געווען דער אָפיציעלער סעקרעטאָר פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע און טעטיק אויך אין אַנדערע געזעלשאַפטן, פלעגט ער טאַקע שרייבן די לייט אַרטיקלען פון פ. צ. און איז אין אַלגעמיין געווען דער וואָרט זאָגער פון דער ציונ. פּאָליטיק אין יידישן ישוב אין בראַזיל. די לייט־אַרטיקלען פלעגט ה. ניט אונטערשרייבן, עס האָט געהייסן, אַז דאָס איז די אָפיציעלע מיינונג פון דער רעדאַקציע, ער פלעגט אָבער פון צייט צו צייט אויך שרייבן ספּעציעלע אַרטיקלען וועגן געזעלשאַפטלעכע ענינים אונטער זיין נאָמען און אויך די אַרטיקלען פלעגן כמעט תמיד זיין דער אויסדרוק פון דער אָנגענומענער מיינונג אין דער ציונ. פעדעראַציע און זייערע אָנהענגער.

אהרן בערגמאַן פלעגט שרייבן וועגן אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק און אויסער דעם פירן אַטאַקעס אויף דער בראַז. איד. פּרעסע און אַנדערש דענקנדיקע ריכטונגען בכלל, לויט ווי מיר האָבן שוין געשילדערט זיין

אַקטואירן אין שייכות מיט זיין ראָל אין דעם אַוועקגיין פון די ציונים פון דער בראַז. איד. פּרעסע. מער וועגן זיין שרייבערישער און געזעלשאַפטלע־כער אַקטיוויטעט, ווי בכלל זיין ראָל אין דער יידישער געזעלשאַפט, וועט אונדז נאָך אויסקומען צו שילדערן אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל, ווו מיר וועלן זיך פאַרנעמען מיט זיין אַוועקגיין פון דער פ. צ., גרינדן אַן אייגענע צייטונג און זיין ראָל אין די צווישן־פּאַרטייאישע באַציאונגען אין יידישן ישוב.

ב. האָט געווירקט, אַז עס זאָלן איינגעלאַדן ווערן אַלס אויסלענדישע מיטאַרבעטער, די באַוווסטע פּועלי ציון פירער: מ. רעגאַלסקי (בוענאָס איירעס), יאַרבלום (פּאַריז), דר. יוריס (א״י), אינזש. אַנשל רייס און מלך ניישטאַט (וואַרשע). אַזאַ אויסוואַל פון אויסלענדישע מיטאַרבעטער האָט געהאַט אַ ספּעציעלן אינטערעס אויך פאַר די ציונים, עס האָט געהייסן אַז די ציונ. פעדעראַציע איז אין בראַזיל דער איינציקער ציונ. אַדרעס, אין וועלכן עס זיינען אויך מיטבאַטייליקט די ציונ. פּאַרטייען — אין דעם פאַל די פּועלי ציון — לויט ווי עס איז געווען נויטיק פאַרצושטעלן דער ציונ. וועלט עקזעקוטיווע און אַזוי־ערנאָך זיינען די ציונים געווען די פּאַקטישע באַלעבאַטים איבער די נאַציאָנאַלע פאָנדן און אויפן חשבון פון אָט די פאָנדן האָבן זיי אַנגעפירט זייער ציונ. טעטיקייט איבערן לאַנד.

מנשה האַלפּערן האָט געפירט דעם ליטעראַרישן טייל פון דער צייטונג. ער פלעגט פאַרעפנטלעכן דערציילונגען און לידער (אונטערן פּסעוודאָנים: נאַשאַני) און פון צייט צו צייט אויך שרייבן וועגן קולטור ענינים.

בכלל האָט ה. געוואָלט שאַפן אַ געוויסע דיסטאַנץ צווישן זיין אַרט שרייבן און דעם קריגערישן טאָן פון געוויסע אַרויסטריטן פון דער פ. צ., עס איז אים אָבער ניט געלונגען צו שאַפן אַרום זיך אַזאַ אַטמאָספער אין טאָג־טעגלעכן לעבן, ווייל ער איז געווען דער אָפיציעלער סעקרעטאַר פון דער ציונ. פעדעראַציע און האָט געמוזט, ווילנדיק אָדער ניט ווילנדיק, העלפן פירן די אָפיציעלע פּאָליטיק פון די ציונים.

עדוואַרדאָ האָראָוויץ איז געווען, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, די פאַרבינדונג צווישן די אַרויסגעבער יעקב שניידער און סאָלאָמאָן גאָרנ־שטיין, און די אייגנטלעכע מיטאַרבעטער פון דער פ. צ., עס געשעט אָבער

אַזוי, אַז די דעפּיציטן אין דער ציַיטונג ווערן אַלעמאָל גרעסער און די דערמאָנטע אַרויסגעבער באַשליסן זיך אָפּצורוקן פון דער ציַיטונג. עס איז אַרום מיטן יאָר 1930, אין לאַנד הערשט אַ שטיקל פּאָליטישער כאַאָס, דער שפּעטערדיקער דיקטאַטאָר זשעטוליאָ וואַרגאַס פירט אַ באַוואָפנטן קאַמף קעגן די קעמפער פאַר קאָנסטיטוציאָנעלער פריַיהייט, וואָס קומט צום אויסדרוק אין אויפשטאַנד קעגן דער פעדעראַלער רעגירונג אין ריאָ גראַנדע דאָ סול און דער קריזיס אין לאַנד ווערט אַלעמאָל שטאַרקער, רוקן זיך די דערמאָנטע ש. און ג. אָפּ פון דער ציַיטונג און לאָזן איר איבער אין די הענט פון שבתי קאַראַקושאַנסקי.

ה. אַרבעט מיט אין דער פ. צ. פון ציַיט צו ציַיט, שריַיבט אַרטיקלען אויף געזעלשאַפטלעכע טעמעס אונטער זיַין נאָמען און כאָטש עס הייסט, אַז ער דריקט אויס בלויז זיַין אייגענע מיינונג, הערט מען זיך דאָך צו זיַין מיינונג, אי ווייל מען רעספּעקטירט אים אַלס ערנסטן טוער און זשור־נאַליסט, אי צוליב דעם וואָס ער איז נאָך אַלץ דער סעקרעטאַר פון דער ציונ. פעדעראַציע און איז פאַרטראָטן אין אַ ריי געזעלשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס. בכלל האָט מען זיך שטענדיק באַצויגן צו ה. אַלס ערנסטן און ערלעכן מענטש, וועמען זאָגאַר די קעגנער האָבן רעספּעקטירט פאַר זיַין ערלעכקייט.

טראָץ זיַין באַליבטקייט ביַי אַלע שיכטן פון ישוב, פאַרלאָזט ה. אַלע זיַינע אַמטן אין דער געזעלשאַפט, הערט אויף שריַיבן אין דער פ. צ. און ציט זיך איַינגאַנצן צוריק פון געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט, בליַיבנדיק אָפּגע־שלאָסן אין קריַיז פון זיַין פאַמיליע און געשעפטן. לויט איַיניקע פון זיַינע פריַינד האָבן דאַן איבערגעגעבן, זאָל אים האָבן געפירט צו דעם באַשלוס וואָס ב. האָט אים אַזוי ביטער אַטאַקירט אין זיַין אידישע פרעסע און קיי־נער אין דער געזעלשאַפט האָט זיך ניט אָפּגערופן קעגן די פּערזענלעכע אַטאַקעס אויף אים, זיַין שוואָגער יעקב שניידער און אַנדערע פון זיַינע פריַינד. איַינדרעאמתן זיַינען ניט געווען קיין גענוג מוטיקע מענטשן, וואָס זאָלן זיך קענען פאַרמעסטן מיט ב. אויף צו ווירקן אויף אים ער זאָל אָפּ־שטעלן זיַינע אַטאַקעס אויף וועמען עס איז, ער האָט פּשוט קיינעם ניט רעספּעקטירט און דאָס איַינציקע מיטל, וואָס האָט געקאָנט מאַכן ב. שוויַיגן,

דאָס אָפּקויפן אים מיט אַנאָנסן און אַנדערע אופנים פון פינאַנסיעלער הילף, האָט ה. פּאַר קיין מאָל ניט געוואָלט.

אויב פריער, ווען ה. פלעגט נאָך פון צייט צו צייט מיטאַרבעטן אין דער פּ. צ., האָט קאַראַקושאַנסקי געשפּירט, אַז ער דאַרף זיך רעכענען מיט דער מיינונג פון דער עפנטלעכקייט, כאָטש ער איז פּאַקטיש געווען דער איינציקער באַלעבאָס פון דער פּ. צ., האָט ער איצט בעת ה. האָט זיך אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ניט גענומען מער אין אַכט קיינעמס מיינונג און אינגאַנצן זיך געפירט אין צייטונג כאָדם העושה בתוך שלו.

בעת די אַרויסגעבער האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דער פּ. צ. און זיי האָבן איבערגעגעבן די מאַשינען מיט אַלע איינריכטונגען צו ק., איז אָפּגעמאַכט געוואָרן ער זאָל צאָלן אַ געוויסע סומע פאַרן נוצן די מאַשינען און היות ווי קיין ספּעציעלע אויסגאַבן האָט ער ניט געהאַט און בלויז ער מיטן מאַשיניסט־זעצער־דרוקער האָבן געדאַרפט אַרויסנעמען געהאַלט פון דער צייטונג, האָט ער זייער לייכט געקאָנט צאָלן די חודשלעכע צאָלונגען פאַרן נוצן די מאַשינען און האָט זיך אַזויערנאָך געפילט פּאַקטיש פריי פון אָפּגעבן וועמען עס איז רעכענונג פון זיינע מעשים. אויך די פריערדיקע אַרויסגעבער זיינען נאָך אַלעמען געווען צופרידן פון אַזאַ סיטואַציע. עס האָט אַי געהייסן, אַז די פּ. צ. דערשיינט, אַי זיי האָבן ניט געהאַט מער קיין שום נויטווענדיקייט צוצוטראָגן געלט פון זייערע קעשענעס צו דעקן די דעפיציטן.

ק. האָט כמעט אַליין אויסגעפילט די צייטונג. ער פלעגט שרייבן די לייט אַרטיקלען, די געזעלשאַפטלעכע כראָניק, געשריבן דערציילונגען, לידער און פעליעטאָנען אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען און האָט נאָך איבערגעזעצט און געדרוקט אין פאָרזעצונגען סטעפאַן צווייגס ראָמאַן מאַריאַ אַנטואַנעט, וואָס איז דאַן דערשינען אין פּאָרטוגעזיש.

ק. האָט זיך צו יידיש באַצויגן מיט געגנוג ביטול און האָט בכלל קיינמאָל ניט געהאַט אינזינען דער לייענער זאָל פאַרשטיין וואָס ער מיינט צו זאָגן. גיכער איז ער געווען אַ פאַרליבטער העברייער, וועלכער האָט נעבעך ניט קיין אַנדער ברירה ווי צו שרייבן אין דער פשוטער יידישער שפּראַך. נאָך אין 1925, ווען ער איז נאָר וואָס אָנגעקומען קיין בראַזיל, גיט ער

אַרויס צוזאַמען מיט שמעון לאַנדוי אַ בוך אין העברעיש א. ב. ציון, ווו ער פֿאַרעפֿנטלעכט לידער פֿון זעלבן ל. אין זיין איבערזעצונג אין העברעיש א. ב. על הסף און גיט צו אַ טייל פֿון זיינע כתבים א. ב. מתוך חפזון. עס איז אינטערעסאַנט אַ רעצענזיע וועגן דעם ביכל, וואָס איז צו יענער צייט דער־שינען אין העולם (לאָנדאָן). דער רעצענזענט האָט פּשוט געשטעלט די פֿראַגע ק. פֿאַרוואָס זיין טייל הייסט מתוך חפזון. „איזה חפזון ואיזו בהלה...״ (אַ וואָסער איילעניש און אַ וואָסער בהלה). דער רעצענזענט האָט פּשוט ניט פֿאַרשטאַנען די בהלה פֿון ק. אַרויסצוגעבן אַזאַ ווייט ניט פֿאַלקאָם בוך און מיר הייבן בכלל ניט אָן צו וויסן נאָך וואָס האָט ק. געמוזט איבערזעצן די לידער פֿון ל. פֿון יידיש אויף העברעיש און צוזאַמען מיט זיין העברעישע טייל אַרויסגעבן אַ בוך, וואָס הייסט אָפֿיציעל „הספר העברי הראשון בברזיליה, העורך: ש. קרקושנסקי, המו״ל: שמעון לנדוי״ (דאָס ערשטע העברעישע בוך אין בראַזיל, רעדאַקטאָר: ש. קאַראַקושאַנסקי, אַרויסגע־בער: שמעון לאַנדוי) און איז זיך צעגאַנגען אין אַ זייער קליינער צאָל עק־זעמפּלאַרן, ווייל קיין צו גרויסע צאָל העברעיש לייענער זיינען אין בראַזיל צו יענער צייט, אויף וויפֿל אונדז איז באַקאַנט, זיכער ניט געווען.

צי איז עס געווען צוליב דעם וואָס ער האָט געמוזט אַליין טאָן אַלע אַרבעטן פֿון דער אַדמיניסטראַציע און האָט נאָך דערצו געמוזט אויספֿילן אַליין די גאַנצע צייטונג, צי איז עס געווען צוליב דעם וואָס ער האָט געהאַט אַ ביטול באַציאונג צו יידיש און ניט גערעכנט זיך מיט דער מיינונג פֿון לייענער, — ווי די זאַך זאָל ניט זיין, איז זיין יידיש געווען אַ האַמעטנער און פֿיל פֿון די געשריבענע זאַצן זיינען פּשוט געווען אומפֿאַרשטענדלעך, אָדער מען האָט זיי פֿאַרשטאַנען פּונקט להיפּוך פֿון דעם וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. וועגן יאָסעלע ראָזנבלאַט ע״ה, וואָס איז דאַן אויפֿגע־טראָטן אין שטאָטישן טעאַטער מיט איניקע קאָנצערטן, האָט ער, צב״ש, אַזוי געשריבן:

„יאָסעלע ראָזנבלאַט האָט אַן אָרגאַן מיט אַ מעכטיק שטאַרקער פֿאַ־טענץ...״

וועגן זיין שרייבן זיינען אומגעגאַנגען צווישן עולם טויזנטער קוריאָזן, אַז עס איז ממש געווען אוממעגלעך אָפּצוטיילן דאָס אויסגעטראַכטע פֿון

אמת, ווייל צענדליקער קאָמישע פאַלן זיינען זיכער צוגעטשעפּעט געוואָרן צו ק. אָן זיין שולד, דאָך איז אינטערעסאַנט בכלל דער פאַקט פון זיין אַרט שרייבן, ווייל דאָס טאַקע האָט דאָך געגעבן דעם עולם לייענער די געלעגנהייט צוצוטראַכטן אויך ניט געשטויגענע מעשיות וועגן אים און זיין שרייבן.

ק. איז אַן אַלטער בחור. דאָס האָט פאַרשטייט זיך ניט אָפּגעהאַלטן אים צו שרייבן דווקא ליבעס לידער און זיינע דערציילונגען דרייען זיך אַרום עקזאָטישע ליבעס סצענעס, וואָס פלעגן זיך מייסטן וויקלען אַרום טראַגישע פאַרפאַלן און זיך ניט פאַרענדיקן ווי אין די מייסטע ראָמאַנען, בכי טוב, נאָר גראָד יעדעס מאָל מיט אַן אַנדער טראַגעדיע. געשעט איינמאָל, אַז ער ווערט אַ חתן פאַר אַ יונג, שיין מיידל און די ציטונג ווערט ממש פאַרפלייצט מיט באַגריסונגען צו זיין פאַרלאָבונג און דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, וואָס ער פלעגט דאַרפן די אַלע באַגריסונגען אַליין „מאַכן", אי כדי עס זאָל ניט זיין צופיל איינטאָניק און אויף אַין שטייגער, אי עס זאָל זיין פיל וויניק געזאָגט אַזוי ווי ער האָט עס פאַרשטאַנען. צוזאַמען מיט די באַגריסונגען האָט זיך גלייכצייטיק אויך געביטן דער אופן פון זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען, די לידער, דערציילונגען, פעליעטאָנען און אַפילו די געזעלשאַפטלעכע כראָניק האָט עפּעס אָנגעהויבן אויסזען אַביסל מער אין ראָזעווע פאַרבן, — עפּעס ווי אַלץ האָט ביי אים געקראָגן אַן אַנדער אויסזען, ווי די וועלט וואָלט פלוצים שענער געוואָרן און ער וואָלט זיך פּשוט געוואָלט אַרומכאַפּן מיט אָט דער וועלט און זיך צעקושן.

ווי אין זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען האָט זיך אויך זיין ראָמאַן אין לעבן געענדיקט זייער טרויעריק — קורץ פאַר דער חתונה האָט דאָס מיידל אָפּגעלאָזט דעם שידוך. מיט אַמאָל איז דער גאַנצער קוואַל פון פרייד און ראָזעווע פאַרבן, אין וועלכע זיין וועלטל האָט זיך געבאָדן די לעצטע חדשים, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קוואַל פון שנאה און פונקט ווי פריער די פרייד, אַזוי איז אויך די שנאה איצט געקומען צום אויסדרוק אין זיינע שאַפונגען.

די דאָזיקע פאַרוואַנדלונגען האָבן פאַרשטענדלעך געגעבן די לצני הדור געגנוג שטאָף פאַר שפּאַס. אַלס קוריאָז וועלן מיר דאָ ברענגען אייניקע

פערזן פון אַ ליד, וואָס ק. זאָל צו יענער צייט האָבן פאַרעפנטלעכט אין זיין צייטונג, וועגן אַ „צעבראָכן האַרץ״:

„ניט נאָר ווען מען צעברעכט
יענעמס פוס אָדער האַנט,
ווען מען מאַכט אין קאָפּ אַ לאָך —
נאָר אויך ווען מען צעברעכט אַ האַרץ
איז עס אַ בראָך...״

אַ ספּעציעל קאַפּיטל איז דער אופן פון „אַריינזאָגן״ זיך פון די רעדאַקטאָרן פון ביידע צייטונגען, ב. און ק. (פּ. צ. און איד. פּרעסע). עס איז שוין געווען צו יענער צייט אַזוי נאַטירלעך דאָס קעגנזייטיקע „אַריינזאָגן״ זיך, אַז ק. פלעגט שרייבן נאָטיצן אונטערן קעפּל אהרן און ב. פלעגט איבער זיינע נאָטיצן אַוועקשטעלן אַ קאָפּ שעפּסל און דער עולם האָט זיך געווילט מיט דעם „גלאַדיאַטאָרן״ קאַמף, וואָס איז מער ווי אַלץ געווען לעכערלעך און פּראָווינציעל.

אין די לעצטע יאָרן האָט ק. אָנגעהויבן אַרויסווייזן מער צוגעלאָזנקייט צו יידישע זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן געפּרוווט דערנעטערן זיך צו דער פּ. צ. און דאָרט עפּעס דרוקן פון צייט צו צייט.

איינער פון זיינע נאָענטע פריינד איז געווען כאַסין. אַן עלטערער בחור, ווי ער, איז ער געווען זיין רייזנדער־איינמאָנער פון אַבאָנאַמענטס אָפּצאָל. אומפאַרנדיק איבער די יידישע ישובים האָט זיך כ. אָנגעטראָפן מיט צענדליקער אינטערעסאַנטע טיפּן און פלעגט וועגן זיי דערציילן אַזוי שיין און אינטערעסאַנט, אַז אָפטמאָל איז אונדז ניט שווער געווען צו זיין מיט אים לאַנגע שעהן און הערן זיין דערציילן וועגן אָט די מאָדנע טיפּן יידן. איין שילדערונג פון אַ יידישן גביר, אַן עם הארץ, וואָס האָט בלויז געקאָנט זיך אונטערשרייבן, וועלן מיר דאָ איבערגעבן פאַר די לייענער אַלס קוריאָז.

אַריינקומענדיק צו איינעם אַ גביר אין אַ גרויס געשעפט אין אַ פּראָווינץ־שטאָט האָט ער אים, דעם פאַרשטייער פון דער צייטונג, גראָד געהייסן זיצן און האָט זיך צו אים געווענדעט מיט דער גאַנצער ערנסטקייט:

— זאָגט מיר, סעניאָר, איז אייער צייטונג אַ וויסנשאַפטלעכע ?

— זיכער גיבן מיר אויך וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען פון צייט צו צייט,

— האָט כ. געמאַכט אַ טאָן פון ערנסטקייט און האָט זיך אַ שפּאָר ביסל גע־וווּנדערט אויף דער פראַגע פון דעם פאַרשוין, וועמען ער האָט זייער גוט געקאָנט פון זיינע פריערדיקע באַזוכן.

— איך מיין ניט אייערע אַרטיקלען — האָט אים דער גביר איבערגע־שלאָגן די רייד — איך מיין צי האָט איר מיר די צייטונג געשיקט מיט מיין וויסן, אָדער אָן מיין וויסן...

ווי עס איז געווען דער מנהג ביי די יידישע צייטונגען אין בראַזיל, איז אויך די פּ. צ. געשיקט געוואָרן צו יעדן איינעם און שפּעטער איז מען גע־קומען איינמאָנען דעם אַבאָנאַמענטס אָפּצאָל.

כ. איז געווען אַ זייער פיינער פּאָעט און זיינע קינדער לידער האָבן געמאַכט זייער אַ גרויסן רושם אויפן בעסערן לייענער, נאָר צום באַדויערן איז ער געווען אַ זייער אָפּגעלאָזענער מענטש און ניט געהאַט צו פיל אַמביציע, אַזוי אַז ער איז ערגעץ געבליבן שטעקן אַלס לערער אין אַ יידיש שטעטל און לעצטנס האָט מען פון אים אינגאַנצן ניט געהערט מער. ער איז געשטאָרבן פאַראייניזאַמט און די יידישע שרייבער־גרופּע אין ריאָ האָט זיך מתעסק געווען מיט זיין עזבון.

אַ צווייטער טיפּ איז געווען אַ יידישער זשורנאַליסט פון בעסאַראַביע, נעלסאָן (ניסן) וויינער. אויפגעקומען איז וו. אַלס מיטאַרבעטער אין דער בראַזיליאַנער טאָג פּרעסע אין סאַן פּאַולאָ, נאָר אין תוך איז וו. געווען אַ יונגערמאַן מיט קענטענישן פון יידיש און האָט געשריבן ניט שלעכט, האָט ער זיך אויך געדרוקט אין דער פּ. צ. פון צייט צו צייט. ער האָט אָבער ניט שטענדיק מדקדק געווען אויף אָריגינאַליטעט און פלעגט דעם לייענער, ווי מען פלעגט זיך אויסדריקן אין זשורנאַליסטן קרייזן, „נעמען אויפן זיכער", צושרייבנדיק זיך מעשות פון אַנדערע שרייבער און רייזנדערס.

ק. האָט ניט איינמאָל אויסגעדריקט זיינע ספקות בנוגע דער אויטענ־טישקייט פון די דאָזיקע מעשיות, נאָר היות ווי זיי זיינען געווען אינטערע־סאַנטער לייענשטאָף, האָט ער זיי געדרוקט.

עס פלעגט אין פּ .צ. זיך אויך דרוקן פון צייט צו צייט אַ זייער אינטע־

רעסאַנטער ייִדיש־בראַזיליאַנער אינטעליגענט, שווילזאָן, וועלכער פלעגט שרייבן אויף ייִדיש־בראַזיליאַנער היסטאָרישע טעמעס.

דער שרייבער פון די שורות פלעגט אויך פון צייט צו צייט דרוקן בילדלעך פון ייִדישן לעבן אין בראַזיל און ווען מיר זיינען געפאָרן אין נאָרד בראַזיל אויף אַ לעקציע טור נאָכן דערשיינען פון אונדזער בוך געשיכטע פון יידן אין בראַזיל, האָבן מיר געדרוקט אַ ריי רייזע באַשרייבונגען פון די ייִדישע ישובים אין די צפון פּראָווינצן און בכלל האָט ק. זיך באַצויגן צו יענער צייט זייער פריינדלעך צום שרייבער פון די שורות און זיין ווערק.

ק. האָט אַוועקגעלייגט געגוג אַרבעט אויף צו קענען דערפירן די פּ. צ. זי זאָל זיך קענען אַליין אויסהאַלטן. ער האָט אויך געהאַט זייער פיל אויסצושטיין פון די פאַרשיידענע פאַראָרדנונגען פון דער צענזור בעת דער דיקטאַטור פון זשעטוליאָ וואַרגאַס און זיין ד״פּ (צענזור אַמט) צו יענער צייט. בעת עס איז אַרויס דער פאַרבאָט פאַר אויסלענדער צו זיין רעדאַקטאָרן פון צייטונגען האָט ער אָפּגעזוכט אַ בראַזיליאַנער זשורנאַליסט, וואָס האָט געגעבן זיין נאָמען אַלס רעדאַקטאָר; ווען מען האָט געגויט די אַרטיקלען איבערצוזעצן און דרוקן זיי גלייכצייטיק אויך אין פּאָרטוגעזיש, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט צוצוציען די ספרדישע יידן און איבערהויפּט די אינטעליגענטן פון צווישן די ספרדישע יידן און ווען ניט דאָס שליסן די צייטונג דורך דער מאַכט וואָלט אים אפשר געלונגען צו שאַפן אַ טיילווייזע פאַראייניקונג, אָדער פאַרשטענדיקונג, צווישן די אשכנזישע און ספרדישע יידן אין בראַזיל.

ביז אָנהייב 1935 איז די פּ. צ. דערשינען צוויי מאָל אין וואָך און האָט דאַן אָנגעהויבן דערשיינען טעגלעך אין זעלבן פאָרמאַט, אין 8 און אָפט אויך אין 12 זייטן. סוף 1940 פייערט די פּ. צ. איר בר מצווה (13 יאָר עקזיסטענץ) און ביי דער געלעגנהייט גיט ק. אַרויס אַ פאַרגרעסערטן יובל נומער, וועלכער האָט געמאַכט אַ זייער פיינעם איינדרוק, נאָר מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער ווערט די צייטונג געשלאָסן דורך דער מאַכט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע צייטונגען אין אויסלענדישע שפּראַכן.

**IMPRENSA ISRAELITA**

# אידישע פרעסע

פראגרעסיווע יידישע צייטונג אין בראזיל

די בראַז. איד. פרעסע, ווען זי האָט זיך געהאַלטן ביים שליסן, האָט געזאָלט איבערגיין אין די הענט פון אַ גרופּע פּועלי ציון חברים און דער־שיינען אַלס ספּעציעלער פּועלי ציון אָרגאַן, האָט דאַן ב. צו נישט געמאַכט דעם גאַנצן פּלאַן, ווייל ער האָט געטענהט, אַז די פּ. צ. איז אייגנטלעך אַ כמעט פּאַרטיי צייטונג, ווייל אַזויפיל אָנפירנדיקע חברים אַרבעטן דאָרט מיט, איז כאָטש אַלע האָבן גוט געוווּסט אַז עס איז ניט אַזוי, האָט דאָך זיין קעגנערשאַפט צום פּלאַן אָפּגעהאַלטן די וואָס האָבן געדאַרפט געבן גרעסערע סומען און פון פּלאַן איז גאָרניט געוואָרן.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז ב. האָט אין דעם פאַל ניט געקאָנט האַנדלען אַנדערש ווייל דאָס איז געווען קעגן דעם ווילן פון זיינע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן דאָך די גאַנצע צייט געוואַרט די בראַז. איד. פרעסע זאָל זיך צומאַכן און ווען עס זאָל געשאַפן ווערן אַ פּועלי ציון צייטונג וואָלט עס דאָך

געצוואונגען ב. צו פאַרלאָזן די פ. צ. און דערצו האָט אים געפעלט מוט. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער פאַקט וואָס אין משך פון דער גאַנצער צייט האָט ב., מער ווי יעדער אַנדערער אין דער פ. צ., געשיט פעך און שוועבל אויף דער בראַז. איד. פרעסע, כאָטש אַלע טוער און מיטאַרבעטער אין פרעסע זיינען געווען חברים פון פועלי ציון. זיינע אַטאַקעס זיינען ניט געווען בלויז אויסגערעכנט אויפן אינערלעכן מאַרק, אַזוי צו זאָגן, נאָר זיי האָבן אויך דערגרייכט די העכסטע אינסטאַנצן פון דער פועלי ציון וועלט באַוועגונג און ווען עס איז געקומען קיין דרום אַמעריקע אַלס שליח פון „פאַלעסטינע אַרבעטער פאָנד" דער חבר ישראלי, וועמען דער סעקרעטאַר פון וועלט פאַרבאַנד, חבר אַנשל רייס, האָט באַאויפטראַגט אויך אויסצופאָרשן די לאַגע אין דער פאַרטיי האָט ב. אים פאַרפאַלגט און אויסער דעם וואָס ער האָט געשטערט די אַקציע גופא, האָט ער אים אַזוי פאַרמסרט פאַר די חברים אין אַרגענטינע, אַז ווען ער איז אַהין געקומען איז אים אויסגעקומען צו ליידן הונגער און שלאָפן אין אַן עפנטלעכן פאַרק, ווייל די חברים האָבן זיך נישט פאַראינטערעסירט מיט אים אין דער ערשטער צייט און ער האָט קוים מיט צרות געקאָנט זיך אַרויסכאַפּן פון דרום אַמעריקע און צוריקפאָרן קיין א"י. דאָס אַלץ איז בלויז געווען דערפאַר וואָס דער חבר ישראלי האָט אויך באַזוכט די בראַז איד. פרעסע און ווייל ער איז געווען אַ פערזענלעכער פריינד פון שרייבער פון די שורות, וועמען ב. האָט ניט געקאָנט מוחל זיין דאָס דעמאַסקירן אים אַלס משרת פון דער ציוג. פעדעראַציע אין דער פועלי ציון פאַרטיי און דינענדיק זייערע אינטערעסן אין קעגנזאַץ צו דער מיינונג פון דער מערהייט פון די פאַרטיי חברים, וועלכע האָבן זיך געשפּירט פרייער אין דער בראַז. איד. פרעסע און האָבן פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט מסכים זיין מיטן אופן ווי די ציוג. פעדעראַציע פלעגט פאַרוואַלטן מיט די נאַציאָנאַלע פאָנדן.

נאָך דעם אַלעמען, ווען עס איז פאַר אַלע חברים קלאָר געוואָרן ב. האַנדלונג, האָט שוין קיין רייד ניט געקאָנט זיין עס זאָל אים ווער העלפן נאָכדעם ווי ער האָט געמוזט אויף אַזאַ אופן אַוועק פון דער פ. צ. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט ב. צו פרוּוון באַווירקן די חברים זיי זאָלן אים איצט העלפן איבערנעמען די פרעסע, קיינער האָט זיך מער ניט געמאַכט קיין

אילוזיעס וועגן ב. ערלעכקייט אין זיין באַציאונג צו דער פּאַרטיי און בכלל וועגן זיין אויסגעהאַלטנקייט אין דער געזעלשאַפט.

די בראַז. איד. פּרעסע איז שוין דאַן געווען געשלאָסן און בן ציון שרייבער האָט געהאַט איבערגענומען די דרוקעריי און געאַרבעט קאָמער־ציעלע דרוק־אַרבעט. ב. האָט צונויפגענומען אייניקע פון זיינע פּריוואַטע פריינד מיט אַרטור ווינער בראש און זיי האָבן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אויפן זעלבן אַדרעס פון דער בראַז. איד. פּרעסע און מיט די זעלבע מאַשי־נען אַ נייע צייטונג אידישע פּרעסע.

דער ערשטער נומער אידישע פּרעסע איז דערשינען דעם 19טן יוני 1930 אַלס וואָכנבלאַט. נאָכן דערשיינען איין חודש אַלס וואָכנבלאַט איז די איד. פּרעסע אַריבער צו דערשיינען צוויי מאָל אין וואָך (מיטוואָך און פריי־טיק) ווי די פּ. צ.

אַ דאַנק דער פינאַנציעלער הילף, וואָס עס האָט געשאַפן פאַר דער איד. פּרעסע, אַרטור ווינער, דאַמאָלסט אַ פּערזענלעכער פריינד פון ב. און אַן אָנגעזעענער פּאַרטיי־חבר, איז די איד. פּרעסע אַריבער צו דערשיינען אַלס טעגלעכע צייטונג און דאָס איז פאַקטיש געווען די ערשטע יידישע טעגלעכע צייטונג אין בראַזיל. די איד. פּרעסע איז דערשינען טעגלעך פון 19טן אוי־גוסט 1930 ביזן 25סטן מאַי 1931, ד. ה. איבער ניין חדשים.

אויסנוצן פריינד און שפּעטער זיי פאַרוואַנדלען אין שונאים, איז געווען אַ ספּעציאַליטעט, אויף וועלכן ב. איז געווען אויסערגעוויינלעך פעיק און אויך אין דעם פאַל האָט ער די אַלע, וואָס האָבן אים געהאָלפן שאַפן די טעגלעכע איד. פּרעסע, מיטן שוין דערמאָנטן אַרטור ווינער בראש, אויס־גענוצט אַזוי, אַז זיי האָבן זיך קוים געראַטעוועט אין צייט ניט צו פאַרלירן מער ווי זיי האָבן ביז דאַן פאַרלוירן אין דער אונטערנעמונג און דאָס איז געווען די אייגנטלעכע סיבה וואָס די איד. פּרעסע האָט אויפגעהערט צו דערשיינען, נאָכדעם ווי זי האָט מיט אַזויפיל אַראַגאַנץ זיך פּראָקלאַמירט אַלס די ערשטע און איינציקע טעגלעכע יידישע צייטונג אין בראַזיל.

ב. גייט דאַן אַריבער אין דרוקעריי פון יאַנקל פוקס, ווו עס איז געהאַט דערשינען פריער דער אָנהייב און נאָכהער די קראַפט, און הייבט אָן אַרויס־געבן די אידישע פּרעסע אַלס וואָכנבלאַט. מייסטן חברים און פריינד רוקן

זיך אָפּ פון ב. און זיין צייטונג, נאָר דאָך געלינגט אים צו פאַרשאַפן זיך אַ געוויסע צאָל אונטערשטיצער פאַר זיין צייטונג. טייל פון זיי האָבן, פשוט אויס מורא אַריינצופאַלן אין זיינע הענט און דורך אים אויף אַזאַ אָדער אַנ־דערן אופן באַשריבן ווערן אין דער צייטונג, אים געשטיצט אויף אַ געוויסן אופן מיט אַנאָנסן און טיילווייז אויך מיט הלוואות. ווי, למשל, דער איק״א־פאַרשטייער, רב הכולל, דר. ראַפּאַלאָוויטש, האָט אויסגענוצט זיין צייטונג פאַר זיינע צוועקן, ווייל ביי ב. האָט געהאַט אַ פּלאַץ אין זיין צייטונג יעדער וואָס האָט נאָר געוואָלט דערפאַר באַצאָלן.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אַז ב. פלעגט זיין זייער פעיק צו פאַר־וואַנדלען פריינד אין שונאים און אין דעם פעריאָד פון זיין אַליין באַלעבאָס אין זיין צייטונג, האָט ער זיין פעיקייט אויסגענוצט אויף אַן אויסעראָרדנט־לעכן אופן און דער גרעסטער טייל פון די אַלע, וואָס האָבן אים געגעבן אויף וועלכן עס איז אופן שטיצע, זיינען געווען מענטשן, וועלכע האָבן ניט געוואָלט מיט אים „איינרייסן״.

עס איז דאַמאָלסט אָנגעגאַנגען אַ קאַמף אין ישוב קעגן דעם, וואָס דער שוין פריער דערמאָנטער איק״א פאַרשטייער ר. האָט זיך געקרוינט אַלס רב הכולל פון אַלע יידישע ישובים אין בראַזיל. דער גרעסטער רוב פּראָגרע־סיווע כלל טוער איבער די יידישע ישובים אין לאַנד זיינען געווען קעגן דעם דאָזיקן אַליין קרוינען זיך פון דערמאָנטן ר. און ב., וואָס האָט פרע־טענדירט צו זיין דער וואָרט זאָגער פון די דאָזיקע פּראָגרעסיווע עלעמענטן אין יידישן ישוב, האָט אָפּגעגעבן די גרעסטע טייל פון זיין צייטונג פאַר אַר־טיקלען פון דערמאָנטן רב הכולל און זיינע פריינד און מיט צינישער אָפנהאַרציקייט אַלעמען געענטפערט, אַז דאָס איז ביי אים אַזאַ אופן פון פרנסה און ווער עס גיט מער, דער דרוקט זיך אין צייטונג. די פּראָגרעסיווע עלעמענטן האָבן פאַרשטענדלעך ניט געקאָנט קאָנקורירן, אין זין פון געלט מיטלען, מיט דער רייכער איק״א קאַסע, וועלכע איז געווען אין רשות פון איר פאַרשטייער ר.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט וועגן די אָנפאַלן פון ב. (אונטערן פעליעטאָן פּסעוודאָנים: גלין־גלאַן). איצט, אַז ער איז געווען אַליין באַלע־באָס האָבן זיך די „בלימעלעך״ באַוויזן אין כמעט יעדן נומער און עס איז

געוואָרן ווי אַ געוווינהייט פון די לייענער צו זוכן אין יעדן ניי דערשינע־נעם נומער דעם דאָזיקן פּיקאַנטן מאַטעריאַל. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אויב אין אַ נומער איז ניט געווען פון דאָזיקן מאַטעריאַל, ד. ה. עס איז ניט געווען קיין אָנפאַל אויף ווער עס איז, האָט זיך דער עולם גע־שפּירט ווי ניט אינגאַנצן צופרידן און דער נומער צייטונג איז עפּעס דאָס מאָל גאָרניט געווען אינטערעסאַנט.

אַ ספּעציעל קאַפּיטל איז דאָס שטעלן צו דינסט די עמודים פון דער צייטונג פאַר מאַטעריאַלן פון די רעוויזיאָניסטן צו אַטאַקירן די „הסתדרות" און אירע פירער דורך דער דאַמאָלסט געשאַפענער אָרגאַניזאַציע פון רע־וויזיאָניסטן אין בראַזיל א. נ. ברית טרומפּלדור. בעת ק. האָט אין דער פ. צ. געגעבן אַמאָל אַ מאמר פון אַ רעוויזיאָניסטישן מנהיג, האָט ער גע־זוכט צו געבן דעם מאמר אַ כאַראַקטער פון אַ מיינונג פון דער רעוויזיאָ־ניסטישער באַוועגונג און כמעט שטענדיק אויסגעמיטן די אַטאַקעס, וואָס די מאמרים פון די רעוויזיאָניסטישע גדולים האָבן אין זיך געהאַט לרוב אויף די אַנדערע ריכטונגען אין ציוניזם; ב. ווידער האָט שטענדיק געגעבן יעדן סאָרט מאמר מיט אַלע סאָרטן מיאוסע אָנפאַלן, ווי די צייטונג זאָל זיין דער אָפיציעלער אָרגאַן פון די רעוויזיאָניסטן, דערביי איז ווערט אונטער־צושטרייכן, אַז אין דערזעלבער צייט האָט ק. געגאָלטן פאַר אַ סימפּאַטיקער פון די רעוויזיאָניסטן און ב. האָט אָפיציעל זיך גערעכנט פאַר פירנדן פּועלי ציון חבר. עס איז פּשוט געווען דערפאַר וואָס ביי ב. איז אויך אין דעם פאַל אַלץ געווען אַן ענין פון געשעפט, ד. ה. ניט וואָס מען הייסט אים דרוקן און ווי אַזוי דאָס איז געשריבן, נאָר גאַנץ פּשוט וויפל מען באַצאָלט דערפאַר עס זאָל געדרוקט ווערן. עס איז דערביי כדאי אונטערצושטרייכן, אַז די דאָזיקע יאָרן זיינען געווען יאָרן פון פאַרביטערטן קאַמף פון די רעוויזיאָ־ניסטן קעגן דער „הסתדרות" און דער פּועלי ציון־וועלט באַוועגונג.

בכלל האָט ב. איינגעפירט אין יידישן זשורנאַליזם אין בראַזיל, אַז יעדער וואָס האָט געגעבן אַ באַצאָלטן אַנאָנס, האָט געקראָגן אַלס „צולאָג" אַ רעדאַקציאָנעלע נאָטיץ. איז אויב די רעדאַקציע האָט זיך צעגאָסן אין לויב־געזאַנגען פאַר וועלכער עס איז געשעפט אונטערנעמונג אין צוזאַמענהאַנג מיטן באַצאָלטן אַנאָנס, וואָס איז דערשינען אין דער צייטונג, האָט עס שוין

קיינעם ניט געאַרט, נאָר ווען פאַרשיידענע פּאָליטישע גרופּירונגען האָבן געגעבן אַנאָנסן פון זייערע אַקציעס און די רעדאַקציע האָט דערביי שוין פאַר איינוועגס אויך געזונגען תהילות ותשבחות פאַר דער אַקציע פון דער גרופּע און פאַר זייערע מעשים בכלל, ווי ער האָט עס מערערע מאָל געטאָן מיט די רעוויזיאָניסטן און די אַקציעס פאַרן „אירגון" אין א"י, האָט עס דעם עולם ממש אַרויסגעבראַכט פון די כלים. באַזונדערס האָבן פון זיינע מעשים געליטן טאַקע זיינע פּועלי ציון חברים, ביי וועמען ער פלעגט שטענ־דיק אַרויסקריגן געלט שטיצע, ווי פאַר זייערס אַ צייטונג און ביי דער ערשטער געלעגנהייט אָפּגעגעבן די גרעסטע טייל פון דער צייטונג פאַר רעוויזיאָניסטישן לייען מאַטעריאַל קעגן די פּועלי ציון און קעגן דעם אַלע־מען, וואָס איז אָט די דאָזיקע פּועלי ציון חברים געווען טייער.

די אידישע פּרעסע איז דערשינען אַלס וואָכנבלאַט אָנהייבנדיק פון 3טן יוני 1931, מיט קליינע הפסקות, ביז סוף 1940, ווען עס זיינען געשלאָסן געוואָרן אַלע צייטונגען אין אויסלענדישע שפּראַכן דורך דער מאַכט.

נאָך דעם סוף פון דער זשעטוליאָ וואַרגאַס דיקטאַטור און נאָכן איינ־פירן צוריק אַ קאָנסטיטוציאָנעלן רעזשים אין בראַזיל, האָט ב. באַנייט דאָס אַרויסגעבן די אידישע פּרעסע, וועלכע האָט אָנגעהויבן דערשיינען אַלס וואָכנבלאַט און איז אַ צייט געווען די איינציקע צייטונג אין יידיש אין בראַ־זיל. אַרום אָט דער איינציקער צייטונג אין יידיש האָבן זיך גרופּירט די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון צווישן די יידישע שרייבער, וואָס לעבן אין לאַנד און אויך שרייבער פּליטים, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון איי־ראָפּעישן גיהנום בעת און נאָך דער מלחמה.

# דער יידישער ישוב אין סאן פאולא און די יידישע פרעסע

עס איז אומבאַדינגט נויטיק זיך אָפּצושטעלן פריער אויפן סאָציאַל־עקאָנאָמישן צוזאַמענשטעל פון יידישן ישוב אין סאַן פּאַולאָ און דער דאָר־טיקער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, ווען מען גייט צו באַהאַנדלען דאָס וואָס האָט פּאַסירט אין דאָרטיקן יידישן ישוב אין שייכות מיט דער אַנט־שטייאונג פון יידישע צייטונגען און צייטשריפטן.

ס. פּ. איז ניט געווען קיין צו שטאַרק אַנטוויקלטער יידישער קיבוץ אויפן געביט פון יידישער קולטור אַקטיוויטעט און אויך אויפן געביט פון יידישן צייטונגס וועזן האָט זיך געלאָזט מערקן דער ספּעציעלער סאָציאַל־עקאָנאָמישער כאַראַקטער פון דאָרטיקן יידישן ישוב, דאָך איז ס.פּ. אָן ספק דער דריטער יידישער צענטר אין בראַזיל אין באַצוג צום יידישן צייטונגס־וועזן אין דעם צייט אָפּשניט, וועלכן מיר באַהאַנדלען דאָ.

דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער צוזאַמענשטעל פון יידישן ישוב אין ס. פּ. איז געווען פון אָנהייב אָן אַ אייגנאַרטיקער אין פאַרגלייך מיט די יידישע ישובים אין ריאָ און אַנדערע שטעט איבערן לאַנד. אָט די אַנדערשקייט מוזן מיר אָפּגעבן אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט, ווייל דערינען ליגט דער שליסל צו קענען פאַרשטיין די אייגנאַרטיקייט פון די פאַרשיידענע פּרוּוון אַרויסצוגעבן יידישע צייטונגען אין ס. פּ.

ס. פּ. איז דער גרעסטער אינדוסטריע־צענטער אין גאַנץ דרום־אַמעריקע, און אין קעגנזאַץ צו ריאָ, האָבן אַהין זיך געצויגן די האַרעפּאַשנע טיילן פון דער יידישער אימיגראַציע קיין בראַזיל. בעת אין ריאָ איז דער גרעסטער טייל פון יידישן קיבוץ געווען באַשעפטיקט ביים מיסחר פון „קליענטעלע" און ממילא איז יעדער נייער געקומענער, וועלכער האָט ניט געהאַט קיין פאַך, אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם דאָזיקן מיסחר און גלייך ביים אַראָפּגיין פון שיף אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין געווירבל פון חלומות זיך אַרויפצואַרבעטן און רייך ווערן דורכן דאָזיקן מיסחר, — האָט דער בעל־מלאָכע פון צווישן די נייע געקומענע זיך געצויגן קיין ס. פּ., ווו די אינדוסטריע האָט שוין דאַן געזוכט אַרבעטס־הענט פון פאַכלייט. עס איז דערייבער אַזוי אויסגעקומען, אַז בעת דער אינטעליגענטער אימוואַנדערער, וואָס האָט מייסטן ניט געהאַט קיין שום פאַך, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין ריאָ דע זשאַנייראָ, גלייך איבערגענומען די אַמביציע צו מאַכן געלט, צוליב וועלכן ער איז דאָך אייגנטלעך געקומען קיין בראַזיל און בלית ברירה געשלעפּט זיך מיטן פּאַק סחורה אויף די בערג אין די גרויסע היצן, וועלנדיק זיך צו עפּעס דערשלאָגן לויסטן מוסטער, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך — די רייך געוואָרענע „קליענטעלטשיקעס", — אין דער זעלבער צייט זיינען די אויגן פון די נייע איינגעוואַנדערטע פאַכלייט געווען געווענדעט קיין סאַן פּאַולאָ. די דאָזיקע צעטיילונג האָט פּאַקטיש באַשטימט דעם כאַראַקטער פון די ביידע יידישע ישובים ריאָ און סאַן פּאַולאָ.

אויך אין סאַן פּאַולאָ האָבן יידן זיך באַשעפטיקט מיטן מיסחר פון קליענטעלע, האָט אָבער דער יידישער „קליענטעלטשיק" נאָר דערשפּירט זיך עקאָנאָמיש אַביסל אומאָפּהענגיק האָט ער זיך שוין געריסן פון מיסחר און געפּרוּווט איינאָרדנען אַ פאַבריקל פון וועש, קליידער, שיך, מעבל א. אַנד.

עס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן, אַז טראָץ דעם וואָס ס. פּ. איז אַ גרויסער אינ־דוסטריע צענטער, האָבן די ניי אייגגעוואַנדערטע זיך ניט אַריינגעפּאַסט אַלס לוין־אַרבעטער אין די גרויסע פאַבריקן, אי צוליב דעם וואָס דער לוין פון אַרבעטער איז ניט געווען קיין צו גרויסער און צופרידנשטעלנדיקער, אי צוליב דעם וואָס די ייִדישע באַלמעלאָכעס, מייסטן פון די ייִדישע פאַכן אין אייראָפּע, האָבן זיך געשפּירט בעסער אַרויסנעמענדיק אַרבעט אויסצו־פאַרטיקן ביי זיך אין שטוב און דאָרט געאַרבעט מיט ווייב און קינדער און ביליקע אַרבעטס הענט. עס איז באַקאַנט אַ פאַקט פון איינעם אַ ייִד, וואָס איז אַוועק אַרבעטן אין אַ פאַבריק פון „גאַזאָזע" (געטראַנק) איז אים גע־בליבן דער צונאָמען גאַזאָזע. בכלל האָבן זיך זייער ווייניק ייִדן אַריינגע־פּאַסט אין די גרויסע פאַבריקן אַלס לוין־אַרבעטער.

דורכן אַרויסנעמען אַרבעט אויסצופאַרטיקן ביי זיך אין שטוב האָט דער ייִדישער באַלמעלאָכע זיך געשפּירט אַלס פרייער מענטש און מיט דער צייט האָט ער אויך אָנגעהויבן אויסאַרבעטן אייגענע סחורות און אָנ־געהויבן מאַכן קאָנקורענץ די גרעסערע פאַבריק, וואָס האָט אים אַרויסגע־געבן די אַרבעט אַהיים. עס איז באַוווּסט, צב"ש, אַז די ערשטע פאַבריקלעך פון פאַרטיקע מענער קליידער האָבן געשאַפן אין ס. פּ. די אַזוי גערופענע „טערקן" (סיריער), וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט אַממייסטן מיטן מיסחר פון טעקסטיל, ביי זיי האָבן עס די ערשטע צייט די ייִדישע באַלמעלאָכעס אַרויסגענומען סחורה אויף צו נייען פאַר זיי די פאַרטיקע קליידער און נאָכהער האָבן די פריערדיקע באַלמעלאָכעס אַליין איבערגענומען דעם צווייג פון פאַרטיקע קליידער און געשאַפן די גרויסע אינדוסטריע פון פאַרטיקע קליידער אין ס. פּ. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען מיט כמעט אַלע אַנדערע פאַכן, פון וועלכע עס עקזיסטירן היינט צו טאָג גרויסע אינדוסטריעס אין ס. פּ., וועלכע געהערן צו ייִדן.

אָט אין די דאָזיקע פאַבריקלעך־ווירטשאַפטן, איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסע איינוואַנדערונג פון דער משפחה. ס'איז געשען אַזוי, אַז יעדער באַל־מעלאָכע, וועלכער האָט זיך נאָר ווי עס איז איינגעאָרדנט ביים פאַך, האָט געשיקט נאָך זיינע נאָענטע קרובים, מייסטן אויך פאַכלייט, וועלכע האָבן זיך באַלד געזעצט אַרבעטן ביים קרוב, שפּעטער אַריבערגעבראַכט כלות,

געפּראַוועט חתונות און עס זיינען געשאַפן געוואָרן יידישע משפחות, וועלכע זיינען אַריבערגעפּלאַנצט געוואָרן פון אייראָפּע און אויך דאָ אין ס. פּ. גע־לעבט זיך אויפן שטייגער פון דער אַלטער היים. אָט דער פּרט איז זייער אַ וויכטיקער שטריך פון יידישן ישוב אין ס. פּ. און איז ווינציקער צו באַ־מערקן אין יידישן קיבוץ אין ריאָ, פּשוט דערפאַר וואָס ביים מיסחר פון „קליענטעלע" האָבן די ניי איינגעוואַנדערטע ניט געקאָנט, באַלד נאָך זייער אָנהייבן אַרבעטן, זיך דערלויבן טראַכטן אַפילו וועגן אַריבערברענגען זייערע נאָענטע משפחה מיטגלידער. די באַלמעלאָכעס אין ס. פּ. האָבן אי בעסער פאַרדינט, אי געהאַט אַ זיכערן באָדן אונטער די פיס. דער צושטאַנד פון משפחות אין ס. פּ. האָט אויך געשאַפן גענוג קנאה־שנאה צווישן דער משפחה, ווייל פון איין זייט האָבן די פריער רייך געוואָרענע זיך אויסגע־שטעלט מיט זייער רייכקייט און פון דער צווייטער זייט האָבן די ניי געקו־מענע דערוואַרט זייערע פריינד זאָלן זיי העלפן זיך אַרויפאַרבעטן און אויך רייך ווערן. אויף דעם געביט זיינען אַנטשטאַנען גענוג קריגערייען צווישן די משפחות און דאָס האָט געפירט דערצו אַז די ניי געקומענע, כאָטש די מערסטע פון זיי האָבן אין אייראָפּע געהערט צו פאַרשיידענע פּאַרטייען און פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, האָבן זיי זיך דאָ אינגאַנצן צוריקגעצויגן פון דער געזעלשאַפט און אַריינגעוואָרפן זיך אין דער אַרבעט און געיעג רייך צו ווערן וואָס שנעלער.

אָט דער אַמביציעזער געיעג נאָך רייכקייט אין ס. פּ. האָט געפירט דערצו, אַז מען פלעגט קוקן קרום אויף אַזעלכן — בפרט אַ ניי געקומענעם — וועלכער האָט זיך אומגעטראָגן מיט אַ ביכל אָדער צייטונג. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די אייגנטימער פון פאַבריקלעך פלעגן ניט גערן געבן אַרבעט צו אַזעלכע באַלמעלאָכעס, נאָר וויפל עס איז ניט געווען די אָנגעצויגנקייט אויף דעם געביט צווישן אַרבעטסגעבער און באַלמעלאָכע, האָט דאָך דער אַרבעטסגעבער זיך גענויטיקט אין באַלמעלאָכע און האָט דעריבער ניט געקאָנט צופיל אויסקלייבן, דאַקעגן פלעגן ליידן די יידישע קליענטעלטשיקעס, וועלכע פלעגן מוזן אָנקומען צו די יידישע סוחרים זיי זאָלן זיי פאַרקויפן סחורה אויף קרעדיט, ווייל ביי די ניט יידישע סוחרים האָבן זיי ניט געקאָנט קריגן קיין קרעדיט און עס איז זיי אויך געווען שווער

זיך צוזאַמענצורײדן אין פּאָרטוגעזיש. די יידישע סוחרים פלעגן זיך דער־לויבן צו נעמען ביים „גרינעם" גרעסערע פּרייזן און בכלל מאַכן אים ניט קיין צו ערלעכע חשבונות, איז דעריבער זייער לייכט צו פאַרשטיין דעם ווידערווילן וואָס די דאָזיקע סוחרים האָבן געשפּירט צו דעם „אינטעלי־גענט", וועלכער האָט זיך אומגעטראָגן מיט אַ בוך פון ביבליאָטעק אָדער מיט אַ צייטונג, עס איז געווען אין דעם אי די שנאה פון עם הארץ צום אינ־טעליגענט, אי די מורא, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט ער זיך כאַפּן, אַז דער סוחר איז ניט צו ערלעך און אַז די חשבונות זיינען ניט שטענדיק ווי זיי דאַרפן זיין. אָט דער צושטאַנד האָט פּאַקטיש געלעגט דעם חותם אויף דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין ס. פּ. אין דער ערשטער צייט פון דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון יידישן ישוב.

אויסער דעם דערמאָנטן עלעמענט פון באַלמעלאָכעס און „קליענטעל־טשיקעס", וועלכע זיינען געווען פאַרטאָן אין גיעיג נאָך רייכקייט און ממילא אויסגעמיטן יעדע באַטייליקונג אין געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט, זיינען נאָך געווען אַלטע תושבים אין ס.פּ., וועלכע האָבן געשאַפן אַ ציוניסטישן פאַריין, די שולע „התחיה", דעם ספּאָרט קלוב „מכבי", די שול אויף נעוו־טאָן פּראַדאָ (אַ גאַס אין ס. פּ.), דעם הילפס פאַריין „עזרה" און אין אָט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס האָבן די אַלטע תושבים געפירט אַ גענוג רירעוו־דיקע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. דאָס זיינען געווען אָרגאַניזאַציעס, וועל־כע די אַלטע תושבים האָבן געשאַפן כדי זיי און זייערע משפחות זאָלן זיך אויסלעבן אין אַן אָרנטלעכער געזעלשאַפט און די אָנגעהעריקייט צו אָט די אָרגאַניזאַציעס איז אין אַ געוויסער מאָס געווען דער אַטעסטאַט פון גע־הערן צו דער אָרנטלעכער געזעלשאַפט אין קעגנזאַץ צו דער אַנדערער געזעלשאַפט פון חשודע, אַז זיי זיינען אויף אַ געוויסן אופן פאַרבונדן מיט די „טמאים".

עס איז אויך געשאַפן געוואָרן דורך די אַלטע תושבים אַ שטאָטישע ביבליאָטעק, איז אָבער די ביבליאָטעק געווען בלויז אַ פּלאַץ ווו צו נעמען ביכער אויף צו לייענען און גראָד אָט די אַקטיוויטעט האָט ניט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די אַלטע תושבים און די ביבליאָטעק האָט זיך טאַקע געמוזט שליסן צוליב דער אַפּאַטישער באַציאונג צו אָט דער אינ־

סטיטוציע און די טוער: לעאָן מוטשניק, משה גאָלדנבערג, עמיליאַ בערע־זאַווסקי א. אַנד. האָבן אַ צייט נאָך אויפגעהאַלטן די ביבליאָטעק נאָכדעם ווי די ק. האָבן איר געפּרוּווט איבערנעמען און צום סוף האָבן זיי איר געשלאָסן.

די געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן פון ייִדישן ישוב אין ס. פּ. פון דער ערשטער צייט אָן זיינען אַלזאָ געשטאַנען אונטערן צייכן פון געהערן צו דער אָרנטלעכער געזעלשאַפט אָדער ניט; צו קענען אַריינקומען אין די אָרגאַניזאַציעס פון אָט דער אָרנטלעכער געזעלשאַפט. אַזויערנאָך האָט זיך די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט אין ס. פּ. געטיילט אויף אָט די דערמאָנטע צוויי אָפּגעגרענעצטע טיילן און די אַנדערע טייל, וועלכע מען האָט חושד געווען אין האָבן וועלכע עס איז שייכות צו די „טמאים", האָט דעריבער געשאַפן אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע א. נ. „אגודת אַחים".

למען האמת דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז דער דאָזיקער פאַריין „אגודת אחים" איז ניט געווען קיין פאַריין פון „טמאים" און מעגלעך אַז אויך די וועלכע מען האָט חושד געווען אין האָבן פאַרבינדונגען מיט די „טמאים" זיינען ניט געווען אינגאַנצן שולדיק, נאָר די פאַרזיכטיקייט פון די פירער פון דער אָרנטלעכער געזעלשאַפט איז געווען אַזוי גרויס, אַז יעדער איינער, אויף וועמען מען האָט געהאַט אַ שטיקל חשד אַז ער האָט עפּעס אַ שייכות מיט די „טמאים" איז ניט צוגעלאָזן געוואָרן צו די אָרגאַניזאַציעס פון דער אָרנטלעכער געזעלשאַפט און אָט די דאָזיקע האָבן עס געשאַפן דעם פאַריין „אגודת אחים", אין וועלכן זיי האָבן אַנגעפירט אַ פאַרצווייגטע קולטורעל־געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט און האָבן געמיט זיך אויסצושטעלן אַלס גוטע און טרייע ייִדן מיט אַ גרויסן אינטערעס אין אויסלעבן זיך ייִדישלעך אין אַ ייִדיש קולטורעלער סביבה. עס דאַרף דערביי אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז געוויסע ניט גאַנץ זויבערע עלעמענטן האָבן זיך דאָך אַריינגעכאַפּט אין דערמאָנטן פאַריין, איבערהויפּט אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט אין דער משפחה „טמאים", וואָס האָבן זיי אַריבערגעבראַכט קיין בראַזיל און זיי געגעבן פינאַנסיעלע הילף. צו נעמען הילף ביי די „טמאים" איז געווען פאַרווערט לויט די כללים פון דער אָרנטלעכער געזעלשאַפט.

אָפיציעל איז טאַקע דער פאַריין „אגודת אַחים" געווען אַ ייִדיש קול־טורעלע געזעלשאַפט, נאָר אומאָפיציעל איז דער פאַריין געווען „די בריק"

צווישן דער „טמאים" כנופיה און דער אָרנטלעכער יידישער געזעלשאַפט, צו וועלכער אָט די אַלע אַרויפגעאַרבעטע פון צווישן די פריינד פון די „טמאים", האָבן געהאַפט מיט דער צייט אַריבערצוגייך און ווערן „וויטישע" (אַן אויסדרוק פאַר די אָרנטלעכע, צווישן די „טמאים"). דער פאַריין האָט אויך אויף אַ געוויסן אופן געגאַסן פון דער פינאַנסיעלער שטיצע פון אָט די „טמאים", וועלכע האָבן דעם פאַריין געהאַלטן פאַר זייערס אַן אייגענעם, כאָטש אָפיציעל האָבן זיי צו אים ניט געהערט.

דער פאַריין „אגודת אַחים" האָט געטאָן אַלעס מעגלעכע צו פאַרטונקלען די טעטיקייטן פון דער אָרנטלעכער געזעלשאַפט און אירע אָרגאַניזאַציעס, האָבן זיי דעריבער געפייערט די יידישע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע ימים טובים אויף אַן אויסערגעוויינלעך פּאָמפּעזן שטייגער מיט בעלער, טענץ און עפנטלעכע פאַראַנשטאַלטונגען, צו וועלכע זיי האָבן, אַגב, אויך געקאָנט צולאָזן די „טמאים", ווייל עס האָט געהייסן אַז זיי קויפן בילעטן און מען קען ניט קאָנטראָלירן ווער עס קומט אויף אַן עפנטלעכער פאַראַנשטאַלטונג. דאָס איז אָבער געווען גענוג די אָרנטלעכע געזעלשאַפט זאָלן קוקן אויפן פאַריין ווי אויף אַ מאַסקירטער אָרגאַניזאַציע פון די „טמאים", אויב ניט טאַקע ווי אויף אַן אמתער „טמאים"־אָרגאַניזאַציע גופא.

מיר האָבן זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף דער געזעלשאַפטלעכער צעטיילונג פון יידישן ישוב אין ס. פּ. צו יענער צייט, ווייל לויט אייניקע דאַמאָלסטיקע כלל טוער מיינען, איז די ערשטע יידישע צייטשריפט געשאַפן געוואָרן מיט דער דירעקטער שטיצע פון דעם דאָזיקן פאַריין און זייערע נאָענט שטייענדיקע עלעמענטן. אין די נומערן פון דער ערשטער יידישער צייטשריפט אין ס. פּ. האָבן מיר טאַקע געטראָפן אַן אַ שיעור באַשרייבונגען פון דער טעטיקייט פון דאָזיקן פאַריין און אַנאָנסן פון עלעמענטן, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף אַ געוויסן אופן נאָענט צו די דערמאָנטע עלעמענטן, מיר נעמען זיך אָבער ניט אונטער צו מאַכן אַ פאָרמעלע פאַרזיכערונג וועגן דער שייכות פון דער יידישער צייטשריפט צו דעם „טמאים"־געזינדל. מיר ברענגען עס בלויז אַלס קוריאָז פאַר דעם צושטאַנד אין סאַן פּאַולער יידישן ישוב צו יענער צייט.

נומער 19

דערשיינט יעדען פרייטאָג.

אבאנעמענטס פרייז:

| | |
|---|---|
| א יאהר | 30$000 |
| 6 מאנאטען | 16$000 |
| 3 מאנאטען | 8$000 |

# אידישער געזעלשאַפטליכער און האַנדעלס ביולעטין

רעדאגירט פון א קאָלעגיום—אדמיניסטראדאר מ. ירקוני.

SÃO PAULO, SEXTA-FEIRA 14 - DEZEMBRO 1928

סאַן פאולא. פרייטאג א׳ טבת ה׳תרפט.

די ערשטע יידישע צייטשריפט אין סאַן פּאַולאָ איז געווען אויפן שטיי־גער פון אַ ביולעטין פאַר געזעלשאַפטלעכע נאָטיצן און פאַר אַנאָנסן. אויף דער ערשטער זייט טרעפן מיר טאַקע זיך אָן מיט נאָטיצן וועגן דער טע־טיקייט פון דערמאָנטן פאַריין „אגודת אחים", אויך פון דער טעטיקייט פון אַנדערע אינסטיטוציעס און אין דער אינעווייניקסטער טייל איז, צוזאַמען מיט געשעפטס אַנאָנסן, אויך פאַראַן לייכטער לייענשטאָף, ווי באַשרייבונגען פון ווייטע לענדער און אַ ראָמאַן פון אַ ספּעציעלן טיפּ אין המשכים. דער ביולעטין איז זייער ענלעך אויף די האַנדלס ביולעטינען, וואָס געוויסע קאָמערציעלע אינפאָרמאַציע ביוראָס פלעגן אַרויסגעבן מיט קאָמערציעלער אינפאָרמאַציע פאַר זייערע קליענטן. בכלל מערקט זיך אַ ווילן נאָכצומאַכן די דאָזיקע ניט יידישע האַנדלס ביולעטינען, וואָס איז זיכער געטאָן גע־וואָרן כדי צו געווינען אַנאָנסן ביי דער יידישער און ניט יידישער קאָמערץ וועלט און זיכער אויך דערפאַר עס זאָל אונטערגעשטראָכן ווערן דער אונטערשיד פון דעם ביולעטין צו אַ צייטונג, וואָס איז געווען אין אַ געוויי־סער הינזיכט ניט זייער אָנגענומען ביי די פאַרהאָוועטע יידן פון ס. פּ. צו יענער צייט. דער ביולעטין איז געווען פון דער זעלבער גרויס פון די שוין

פריער דערמאָנטע נישט יידישע האַנדלס ביולעטינען (בריוו בויגן פאָרמאַט) און די שריפט איז אויך געווען ניט קיין געוויינלעכע טעקסט שריפט, אַ קורסיוו שריפט, מער ענלעך אויף אַ שרייבמאַשין שריפט, מיט וועלכער עס באַנוצן זיך טאַקע די האַנדלס ביולעטינען, וועלכע ווערן מייסטן מי־מעאָגראַפירט.

אויפן קאָפּ פון ביולעטין האָט ניט פיגורירט קיין נאָמען פון רעדאַק־טאָר, עס איז בלויז אָנגעגעבן דער נאָמען פון אַדמיניסטראַטאָר: מ. ירקוני, וועלכער איז פּאַקטיש געווען דער גאַנצער באַלעבאָס פון ביולעטין און האָט אי מאויך רעדאַגירט, נאָר וואַרשיינלעך זיינען געווען געשעפטלעכע, און אפשר אויך געזעלשאַפטלעכע מאָטיוון, וועלכע האָבן אים גענויט זיך אויסצוגעבן בלויז אַלס אַדמיניסטראַטאָר.

אַלס פועל־יוצא פון דעם וואָס עס איז אונדז געלונגען צו דערגיין אין פריוואַטע שמועסן מיט אַלטע תושבים אין ס. פּ., קען מען זייער לייכט פאַרשטיין, אַז די געשעפטס אַנאָנסן זיינען בלויז פון איין טייל פון דער געזעלשאַפט, בעת דער צווייטער — די אָרנטלעכע — זיינען כמעט ווי ניט פאַרטראָטן מיט קיין אַנאָנסן אין ביולעטין. דאָס זעלבע איז אויך צו מערקן אין די ניט יידישע אַנאָנסן, וועלכע ווערן מערסטנס געגעבן אויפן פאַרלאַנג אָדער רעקאָמענדאַציע פון זייערע יידישע קונדן, וואָס האַנדלען מיט זיי. פון דעם אַלעמען קאָן מען קומען צום שלוס, אַז די אָרנטלעכע יידישע געזעלשאַפט האָט אויך אין פאַל פון געבן געשעפטלעכע אַנאָנסן אין ביולעטין זיך געוואָלט אָפּגרענעצן פון וועלכער עס איז שייכות מיט די „טמאים״ און ווייזט אויס אַז זיי האָבן דעם ביולעטין טאַקע באַטראַכט ווי אַן אויס־גאַבע, וואָס שטייט מער אין פאַרבינדונג מיט די דאָזיקע לייט, איידער מיט דער אָרנטלעכער געזעלשאַפט. אַז עס איז אַזוי געווען די אָפּיציעלע מיינונג פון די פירער פון דער אָרנטלעכער געזעלשאַפט, איז צו זען אויך דערפון וואָס די געזעלשאַפטלעכע נאָטיצן זיינען אין גרעסטן רוב געווידמעט דעם פאַריין „אגודת חיים״, בעת די אַלע אַנדערע אינסטיטוציעס ווערט אָפּגע־געבן זייער ווינציק פּלאַץ אין דער לאָקאַלער כראָניק, וועלכע פאַרנעמט אין ביולעטין דעם אויבנאָן.

באַלד אויף דער ערשטער זייט, אונטערן קאָפּ פון ביולעטין, קומט אַ

קאָפּ אויף דער גאַנצער ברייט פון זייטל: אין די פעריינען, ווו עס ווערט איבערגעגעבן וועגן דער טעטיקייט פון די פאַרשיידענע יידישע געזעלשאַפט־לעכע אָרגאַניזאַציעס אין ס. פּ. און אין כמעט אַלע נומערן, וועלכע מיר האָבן אונטערן האַנט, איז אָפּגעגעבן דאָס ערשטע און גרעסטע פּלאַץ די פאַראַנשטאַלטונגען פון „אגודת אַחים". וועגן איינער אַ חנוכה פייערונג פון דערמאָנטן פאַריין ווערט איבערגעגעבן אין נומער 19 פון 14טן דעצעמבער 1928, ממש אַ שלל איינצלהייטן וועגן דער דורכגעפירטער פּראָגראַם, וועגן די באַטייליקטע אין דער דורכפירונג פון פּראָגראַם, וועגן דער פאַרוואַלטונג און זייערע מיטהעלפער, וועלכע האָבן דעם יום טוב געמאַכט פאַר אַזאַ דער־פּאַלג און צום סוף ווערט אויסגעפירט:

„אגודת אחים" איז דער ערשטער אידישער פעראיין, וואָס פירט דורך אַ חנוכה אָוונד לויט אונזערע אַלטע אידישע טראַדיציעס און מנהגים.

אַ נאָטיץ, וואָס קומט כמעט אין אַלע נומערן, וואַרפט זיך זייער אין די אויגן און גיט רעכט נאָכצוטראַכטן, אַז די פאַרבינדונג פון ביולעטין מיטן פאַריין איז געווען מער ווי אַ געזעלשאַפטלעכע און דערפון איז ניט שווער צו דרינגען, אַז דער ביולעטין האָט געהאַט די שטיצע אויך פון די „טמאים" און זייערע פריינד. די נאָטיץ לייענט זיך:

לייענט אין די ווייטערדיגע נומערן די באַריכטן פון אונזער באַליבטן און געאַכטעטן פעראיין „אַגודת אַחים".

טראָץ דעם אַלעמען איז דער ביולעטין אונטערגעגאַנגען תיכף ווי די אָרנטלעכע יידישע געזעלשאַפט האָט געמאַכט אַ פּרווו אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטשריפט. עס איז אינטערעסאַנט דערביי צו באַמערקן, אַז די הויפּט סיבה פאַרוואָס דער ביולעטין איז אונטערגעגאַנגען איז געווען דאָס וואָס דער אונטערנעמער אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטשריפט האָט געזוכט פאַר זיין צייטשריפט די שטיצע פון די זעלבע עלעמענטן — געזעלשאַפטלעכע טוער און געשעפטסלייט — וואָס האָבן פריער געשטיצט דעם ביולעטין און אָט די דאָזיקע האָבן אין דעם געזען אַ געלעגנהייט איינצוקויפן זיך אויף אַ געוויסן אופן אין דער אָרנטלעכער געזעלשאַפט און האָבן דערפאַר אויפ־געהערט צו שטיצן דעם ביולעטין. עס דאַרף דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז די געזעלשאַפט, אַלס אַזעלכע, האָט ניט געהאַט קיין שום שייכות מיט

די פאַרזוכן פון אַרויסגעבער פון דער יידישער צייטשריפט צו קריגן די שטיצע פון דער „אַגודת אַחים" און די קרייזן וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם פאַריין, גיכער איז דאָס געווען אַ פּריוואַטער פאַרזוך פון אַרויסגעבער, וועלכער האָט ווידער געקוקט אויף דעם פון אַ געשעפטלעכן שטאַנדפּונקט, ווייל ער האָט דאָך ביי זיי בלויז פאַרלאַנגט געשעפטס אַנאָנסן און אַבאָנאַ־מענטן און דאָס איז לויט זיין מיינונג דאָך געווען די געשעפטלעכע באַזע פון דער צייטשריפט, אין וועלכער קיינער דאַרף אים ניט האָבן קיין רעכט צו זאָגן אַ דעה. די יידישע געזעלשאַפט ווידער, אויב זי איז ניט אַרויסגע־טראָטן אין דער עפנטלעכקייט קעגן דעם אַרויסגעבער, האָט זי אָבער פאַר קיין פאַל ניט איינגעשטימט מיט זיין קוק אויף דעם אויסנוצן אָט די דאָזיקע עלעמענטן פאַר אַן אָרנטלעכער יידישער אונטערנעמונג.

באַלד נאָכן שליסן דעם ביולעטין איז אויך אונטערגעגאַנגען דער פאַריין „אַגודת אַחים". עס איז געווען דערפאַר וואָס מיטן צושטראָם פון נייע אי־מיגראַנטן און מיט דער פאַרברייטערטער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט אין יידישן ישוב אין ס. פּ. זיינען אייניקע פון די פירער פון דעם דערמאָנטן פאַריין אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער יידישער געזעלשאַפט איבערהויפּט אין פּויליש־יידישן פאַרבאַנד און זיי האָבן ניט געהאַט מער נויטיק צו זיין די אָנפירער פון אַ פאַריין, וואָס זיין עצם עקזיסטענץ האָט דאָך שוין אָנגע־דייט אויף דעם, אַז מע וויל זיינע מיטגלידער ניט האָבן אין דער אָרנטלע־כער יידישער געזעלשאַפט.

עס איז אונדז לײדער ניט געלונגען צו דערגיין גענוי ווען דער ביולע־טין האָט אָנגעהויבן דערשיינען און ווען ער האָט אויפגעהערט דערשיינען. לויט ווי מען קען זיך משער זיין האָט דער ביולעטין אָנגעהויבן דערשיינען אַרום אויגוסט 1928 און איז דערשינען דאָס לעצטע מאָל אַרום פעברואַר 1929. עס הייסט, אַז ער איז דערשינען אין משך פון אומגעפער זיבן חדשים וועכנטלעך. אין משך פון דער צייט זיינען דערשינען 27 נומערן.

דער ביולעטין איז דערשינען אין 8 און אין 10 זייטן מיט אַ הילע פון קאָלירט פאַפּיר, ווו עס איז אויף דער פאָדערשטער זייט געווען דער תוכן פון די אַרטיקלען וואָס קומען אין נומער און אויף די אַנדערע זייטן — אַנאָנסן פון געשעפטן.



# די יידישע וועלט

## אין בראזיל

### אינהאלט:


1) פון דער רעדאקציע
2) יידישע נייעס פון דער וועלט
3) זון אויפגאנג (פאעזיע) י. רינסקי
4) לייט ארטיקל
5) נייעס פון לאנד
6) סאן פאולער נייעס
7) פון יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן אין סאן פאולא
8) צו דער געשיכטע פון בראזיל י. ד-קי.
9) פעליעטאן
10) פאר אונזערע קינדער
11) פון דער גאנצער וועלט
12) הומאר און גלייכווערטלאך

אונטער אָט דעם באַמבאַסטישן נאָמען איז דערשינען אין ס. פּ. די ערשטע יידישע וואָכנשריפט. אין קאָפּ פון דער וואָכנשריפט, וועלכע מיר האָבן פאַר זיך, לייענט זיך:

יידישע וועלט אין בראַזיל — ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע, דערשיינט יעדן פרייטיק, דירעקטאָר: מ. פראַנקענטהאַל.

דער ערשטער נומער איז דאַטירט סעפּטעמבער דעם 28סטן, נאָך וועלכן עס ווערט ניט אָנגעגעבן דאָס יאָר, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צעטראָגנקייט פון פּ. און זיינע דרוק־אַרבעטן. עס איז אונדז געלונגען פעסטצושטעלן, אַז דאָס באַציט זיך צום יאָר 1928. אַלס דירעקטאָר איז אין קאָפּ טאַקע אָנגעגעבן פּ., נאָר דער פּאַקטישער רעדאַקטאָר איז געווען יוסף רינסקי, אַ יידישער אינטעליגענט פון פוילן, וואָס איז אַמאָל געהאַט געווען אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, זאָל האָבן געדרוקט זאַכן אין

„פאָרווערטס״, געווען אַ פונקציאָנאַר אין אַ יוניע און איז פּאַקטיש געווען דער איינציקער, וואָס האָט געקאָנט קומען אין באַטראַכט צו רעדאַגירן אַ צייטונג אין יידיש אין ס. פּ. צו יענער צייט.

היות ווי פּ. איז געווען דער באַלעבאָס פון דער איינציקער יידישער דרוקעריי אין ס. פּ., האָט ער עס געמאַכט פאַר זיינס אַ געשעפט און אָפּגע־מאַכט מיט ר. ער זאָל זיין דער פּאַקטישער רעדאַקטאָר פאַר אַ באַשטימטן געהאַלט און דערביי זאָל זיין נאָמען ניט דערשיינען אין קאָפּ פון דער וואָכנ־שריפט, וואָס איז אַגב געווען אָנגענומען אויך אין די ניט יידישע צייטונגען.

פּ. האָט צוגעצויגן אַלס מיט־אַרויסגעבער די ה״ה משה קאָסטאַ און יעקב (זשאַקאָב) נעבל, דער ערשטער אַ קולטור־טוער און געזעלשאַפטלע־כער עסקן, וואָס איז געווען אָנגעזעען אין דער געזעלשאַפט און רייך דערצו, דער צווייטער איז געווען אַ יידיש־בראַזיליאַנער אינטעליגענט. די דאָזיקע מיט־אַרויסגעבער האָבן עס געדאַרפט זיין די גאַראַנטיע פאַר דער געזעל־שאַפט, אַז מיט דער וואָכנשריפט וועט אַלץ גיין כשורה.

דאָס איז געווען נויטיק דערפאַר וואָס פּ. אַליין האָט ניט געהאַט קיין צו גרויסן אָנזען אין דער געזעלשאַפט, איז געווען פאַררעכנט פאַר ניט קיין צו ערנסטן, אויב ניט פאַר קיין ציניקער. עס איז, צב״ש, באַוווסט געווען אַ פאַל, אַז ער האָט געדרוקט אין זיין דרוקעריי פלוג־בלעטלעך פאַר די קאָמוניסטן קעגן דעם שליח פון „קרן־היסוד״, אינזש. עקיבא עטינגער ע״ה, מיט וועל־כע די ק. האָבן אויפגעריסן דעם מיטינג, ווו ער אַליין איז געזעסן אין פּרע־זידיום אַלס ציוניסטישער עסקן.

דער ערשטער נומער יידישע וועלט אין בראַזיל איז דערשינען אין 20 זייטן, מאַגאַזין פאָרמאַט, מיט אַ הילע פון גלאַנץ פּאַפּיר, באַצירט מיט אַ קלישע אויף דער גאַנצער זייט און אין צענטר דער תוכן פון די אַרטיקלען אין נומער. פון די נומערן וואָס מיר האָבן פאַר זיך, איז צו זען, אַז ר. האָט אַליין אויסגעפילט די וואָכנשריפט מיט פאַרשיידנאַרטיקן מאַטעריאַל פון לידער, געשיכטע, קינדער אָפּטיילונג, אַרטיקלען און נאָטיצן, אונטער זיין נאָמען, איניציאַלן און אונטער פסעוודאָנים יוסף לערער. בלויז איין מאָל באַגעגענען מיר דעם נאָמען יקותיאל איבער אַ ליד, דאָס איז געווען אַ יונ־גערמאַן, וואָס איז געקומען צו זיינע עלטערן פון א״י, ווו ער איז געווען

טעטיק אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אויסער דעם איינציקן מיטאַרבע־טער זיינען קיין אַנדערע מיטאַרבעטער אָדער קאָרעספּאָנדענטן ניט געווען געדרוקט אין די יידישע וועלט אין בראַזיל.

די יידישע וועלט אין בראַזיל איז דערשינען בלויז 6 מאָל און ניט רעגולער. עס איז אינטערעסאַנט, אַז דער רוגז צווישן אַרויסגעבער פּ. און רעדאַקטאָר ר. איז אַנטשטאַנען צוליב דעם וואָס ר. האָט פאַרלאַנגט מען זאָל די רעדאַקציע איינאָרדנען אין אַ צימער אויף אַ שטילער גאַס, ווו עס וואַקסןביימער, אין צימער זאָל ליגן אַ טעפּיך, ס׳זאָל זיין אַ ווייך געבעטע שטול און אַ סאַמאָוואַר מיט אַלע מכשירים צו טרינקען טיי צו יעדער צייט. דאָס אַלץ האָט ער געהאַט נויטיק אויף צו קריגן אינספּיראַציע אויף צו קענען שרייבן...

די יידישע וועלט אין בראַזיל איז אָן ספק געווען דער ערשטער ערנס־טער פאַרזוך פון אַ יידישע צייטשריפט אין ס. פּ. און נעמענדיק אין אַכט די אומשטענדן אין יידישן ישוב צו יענער צייט, איז דער אויפטו פון זייער גרויסער באַדייטונג. דער אויפטו האָט פּאַקטיש געעפנט אַ וועג פאַר די שפּעטערדיקע אויסגאַבעס אין ס. פּ.

# יידישע זייט אין דער „פאליא דא מאניא"

סאַן פּאַולאָ פאַרמאָגט אַ געמישטע באַפעלקערונג. עס זיינען אין ס. פּ. פאַראַנען גרויסע קאָלאָניעס פון איטאַליענער, דייטשן און אַנדערע קלע־נערע גרופּן פון פאַרשיידענע פעלקער און לענדער. די דאָזיקע גרופּן היטן אָפּ אויף פאַרשיידענע אופנים זייער נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע, לעבן זיך אויס אין זייער אייגענער שפּראַך, אין זייער אייגענער סביבה, צו וועלכן צוועק זיי האָבן אויפגעבויט געהעריקע אינסטיטוציעס.

מער ווי ריאָ דע זשאַניירא איז דערפאַר ס. פּ. פאַררעכנט פאַר אַ קאָס־מאָפּאָליטישע שטאָט און די בראַזיליאַנער פון אַלע שיכטן האָבן רעספּעקטירט דעם דאָזיקן צושטאַנד. די דאָזיקע באַציאונג האָט פאַרשטענדלעך אויך זיך געלאָזט פילן אין דער פּרעסע און דערמיט דערקלערט זיך דער פאַקט וואָס די אַדמיניסטראַציע פון דער גרויסער מאָרגן־ און נאָכמיטאָג־צייטונג „פאָ־ליאַ" האָט אין סוף פון 1929 געמאַכט אַ פאַרזוך צו שאַפן אין איר מאָרגן־

צייטונג „פאָליאַ דאַ מאַניאַ" פרעמדשפּראַכיקע אָפּטיילונגען. עס האָט זיך דאַן געשאַפן אַן אַראַבישע אָפּטיילונג, אַן אוקראַיניש־רוסישע אָפּטיילונג און אַרום אָנהייב 1930 האָט זיך אָנגעהויבן דרוקן אַ יידישע אָפּטיילונג אונטער דער רעדאַקציע פון אברהם עזריהו.

די צוויי יידישע צייטונגען פון ריאָ דע זשאַנייראָ (די „בראַז איד. פּרעסע" און די „איד. פאָלקסצייטונג") האָבן געהאַט אין סאַן פּאַולאָ אַלס זייערע שטענדיקע פאָרשטייער, עזריהו פאַר דער „בראַז. איד. פּרעסע" און משה קאָסטאַ פאַר דער „ייד. פאָלקסצייטונג". ביידע פאָרשטייער פלעגן שיקן אָנאָנסן פון די יידישע פאַבריקאַנטן אין סאַן פּאַולאָ קיין ריאָ און פאַרשטענדלעך אַז זיי האָבן אויך אָנגעפירט מיט אַ ספּעציעלער אָפּטיילונג פון סאַן פּאַולאָ אין די ריאָ׳ער צייטונגען.

מען קען ניט זאָגן, אַז אין ס. פּ. זיינען ניט פאָרגעקומען קיין מחלוקתן, נאָר צוקוקנדיק זיך צו די מחלוקתן אין ריאָ דע זשאַניירא, וואָס זיינען דערשינען אין די דאָרטיקע צייטונגען, האָבן די סאַן פּאַולער כלל טוער געקוקט אויף די דאָזיקע קריגערייען ווי אויף עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעך קינדער־שפּיל און האָבן ניט געלייגט קיין אַכט אויף אָט די קריגערייען, יעדנפאַלס האָבן זיי ניט צופיל רעאַגירט אויף די דאָרטיקע מחלוקתן און אויף אַ געוויסן שטייגער האָבן די סאַן פּאַולער כלל טוער געשטיצט ביידע צייטונגען, בפרט, אַז ביידע האָבן זיי געשאָנקען גענוג אויפמערקזאַמקייט און אַלס צוגאָב צו זייערע באַצאָלטע אָנאָנסן געגעבן אויך געהעריקע נאָטיצן וועגן זייערע פאַמיליען שמחות, וועגן זייערע רייזעס און אַנדערע געשעענישן פון געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, ווו זייערע נעמען האָבן פיגורירט אויף אַ פּראָמינענטן אופן.

ווען די „בראַזיליאַנער אידישע פּרעסע" האָט זיך געשלאָסן אין ריאָ דע זשאַניירא סוף 1929 צוליב מאַנגל אין פינאַנציעלע מיטלען, איז זייער פאָרשטייער אין סאַן פּאַולאָ, אברהם עזריהו, געבליבן אָן אַרבעט און האָט זיך גערן אָנגעכאַפּט אָן דעם פּלאַן פון די „פּאָליאַס" און אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן אַ יידישע זייט אין דער מאָרגן־צייטונג „פאָליאַ דאַ מאַניאַ".

צוליב וועלכער עס איז סיבה איז דאָס יידישע זייטל ניט געזעצט געוואָרן אויף אַ לינאָטיפּ, נייערט מיט האַנט־זאַץ. ע. האָט געקראָגן פּלאַץ אין

דער געביידע פון די „פאָליאַס" און אַ יידישער זעצער מיט אַ קעסטל יידישע שריפט האָט אויסגעזעצט דאָס יידישע זייטל אין די „פאָליאַס".

דאָס יידישע זייטל אין די „פאָליאַס" איז דערשינען יעדן מיטוואָך און שבת אויף איינער פון די לעצטע זייטן פון דער מאָרגן־צייטונג „פאָליאַ דאַ מאַניאַ".

דאָס קעפּל פון דער צייטונג איז געגעבן אין יידיש ניט פאָנעטיש, נייערט ווערטערלעך און עס איז מאָדנע וואָס פאָליאַ דאַ מאַניאַ ווערט אויס־געלייגט: פאָלהאַ דא מאַנהאַ, ווי דער נאָמען ווערט אויסגעלייגט אין פּאָר־טוגעזיש. נאָר בעת אין פּאָרטוגעזיש ווערט להּ און נהּ אַרויסגערעדט ליאַ און ניאַ (פאָליאַ און מאַניאַ), איז עס ניט דער פאַל אין יידיש און עס באַ־קומט זיך אַ מאָדנער אויסדרוק פון אַזאַ טיטל, וואָס קלינגט אַזוי אומפאָר־שטענדלעך אין יידיש. דאָס זעלבע געשעט מיט די פּאָרטוגעזישע אויס־דרוקן אין די געשעפטלעכע אַנאָנסן, וועלכע ווערן איבערגעגעבן אות אין אות און ניט פאָנעטיש.

דער ערשטער נומער פון יידישן זייטל איז וואַרשיינלעך דערשינען סוף דעצעמבער 1929, גלייך נאָכדעם ווי די „בראַז. איד. פּרעסע" האָט זיך פאַרמאַכט — יעדן מיטוואָך און שבת אין דער מאָרגן־אויסגאַבע פון די „פאָליאַס" און האָט אָנגעהאַלטן אַן ערך צוויי מאָנאַטן.

די אַדמיניסטראַציע פון די „פאָליאַס" האָט פאַרשטענדלעך אויסגע־רעכנט אויף אַ פאַרגרעסערטער צאָל לייענער און געשעפטס אַנאָנסן, דאָס זעלבע האָט פאַרשטענדלעך אויך אינזינען געהאַט דער איניציאַטאָר, עזריהו, עס איז אָבער דאָך געווען דערביי אויך אַ געוויסער פּאַטריאָטישער סענטימענט צווישן די סאַן פּאַולער יידישע געשעפטסלייט, וועלכע האָבן געפילט אַז זיי זיינען אין אַ געוויסער הינזיכט דער הויפּט פונדאַמענט פאַר אַ צייטונג און האָבן געוואָלט מיטהעלפן דעם פּרווו צו געבן דעם סאַן פּאַולער יידישן ישוב אַ כמו יידישע צייטונג. ווי מיר האָבן שוין פריער באַמערקט אין אין ס. פּ. קיינעם ניט געווען צום האַרץ דאָס אַרומרייסן זיך פון די יידישע צייטונגען אין ריאָ דע זשאַניירא, צו וועמען די סאַן פּאַולער — דאַמאָלסט מייסטן בעסאַראַבער — כלל־טוער און געשעפטסלייט האָבן

multa de 2:004$000, por infracção do reg. de consumo — Foi dado provimento, havendo o sr. delegado fiscal recorrido desse acto para o Thesouro.

idem, de Rubens Parada, do acto pelo qual foi mantida a multa de 200$ por infracção do regulamento do sello sobre vendas mercantis — Encaminhe-se.

requerimento de dona Dulce Wheatheley, professora do Patronato Agricola Diogo Feijó, pedindo o pagamento por exercicios findos de 248$226, de vencimentos não recebidos em 1926 — A' Despesa Publica.

recurso de Antonio Milani, do acto confirmatorio da decisão que o multou em 500$ por infracção do regulamento do sello sobre vendas mercantis — Encaminhe-se.

idem, idem, de João Bert-lessa, do acto confirmatorio da decisão que o multou em 500$ — Encaminhe-se.

idem, de Bernardo Crosbik, do acto confirmatorio da decisão que multou em 300$000, por infracção do reg. do sello sobre vendas mercantis — Encaminhe-se.

*

Foi officiado ao Commando da 2.a Região, pedindo providencias no sentido de serem inspeccionados de saude, para o effeito de aposentadoria, a 6 de fevereiro proximo, os funccionarios postaes, srs. Emil Blatinger e João Antonio Carneiro de Mello.

Requerimento do agente fiscal Wassimond Gonçalves Pereira pedindo entrega de parte de multas recolhidas por Romualdo Piagentini & Cecconi e outros — Entregue-se 1:100$ pela collectoria de São Bernardo.

Processo de infracção do regulamento de imposto de consumo contra José Faquetti — A' 1.a collectoria da Capital, para annexar a guia de recolhimento.

Idem, contra a The Texas Co. (South America Limited, de infracção do regulamento do imposto de consumo — A' 2.a collectoria da Capital, para o fim indicado.

requerimento de Enrico Tagliametti, recorrendo da classificação dada para artigo despachado no Armazem de Encommendas Postaes — Ouça-se a Commissão da Tarifa da Alfandega de Santos.

Idem, do jornal a "Espanha", pedindo o registo de 20 000 kilos de papel. Com a informação prestada, restitua-se á Alfandega de Santos.

— Foi officiado ao Commando da 2.a Região pedindo providencias no sentido de ser submettido á inspecção de saude para effeito de aposentadoria, a 6 de fevereiro proximo o amanuense da Administração dos Correios desta capital, Armand do Coringuba do Nascimento.

— Acha-se na Secretaria, desta repartição, a disposição do interessado, a quem ... deposito ... para ... de ... certidão de ... de ... á ... ria ...

ווען מיר וואלטן נאר וועלן, וואלטן מיר דאך געקאנט לייכט צוציען די יונגט צו אונז, געבנדיק איר דאס, וואס אפשר פירט צו איר יונגער נשמה — די נשמה פון יוגנט, און מיר וועלן צוגעבן: יוגנט וואס לעבט אין צוואנציקסטן יארהונדערט...

לאמיר זיך פארטראכטן איבער אט דער ווינטיקסטער פראגע פון אונזער „סאָנ-אָרדנונג", און וואס שנעלער, ווייל די געפאר איז גרויס, דער אסימילאציאנס-שטראם איז ריזיק, פארשלעפט מיטן וואַרצל און פארטראגט אהין פון וואנען סען קומט נים צוריק — לאמיר זיך שטעלן אויף דער וואך!

אריין צווישן די רייען פון אונזער יוגנט און — שוין...

ווייל מיט דער יוגנט איז דא אלץ, — און איר איז אונזער ארביט אויף מארגן, אויף זאטריקן באַן געבויעט.

פערספעקטיווע און צוקונפט-איבערבלאַז!

ווען מיר דאס מוז? די געשיכטע וועט איר אורטייל אַנרחמנותדיק אויססראגן — זאגן מיר איינביידן א שלעכטן אורטייל, און זאלן מיר ביטראגן אונזער שטייער צו דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ, ווייטערדיקן לעבן פון אונזער זאַך איז א געזונטער, פרוכטבארער מיט זיינער...

# לייה שפאר קאסע ═══ סאן פאולא

אלע אקציאנערן ווערן איינגעלאדן אויף א

# אלגעמיינער פארזאמלונג

פ, דער לייה און שפאר קאסע, וואס וועט פארקומען אין אגודת-אחים הגיבוים ביים וסעגען

## ד"ר י. ראפאלאוויטש

אין די סאלאנען פון שולע „ה ת ח י ה"
אוו. סיראדענטעס 33

זונטאג, דעם 26-טן יאנואר 3 א זייגער נ. מ. פינקטלעך

ט א ג ־ א ר ד נ ו נ ג:

1) דערעפענונג, פונם פרעזידענט; 2) פייערלעך צוטיילן די אקציעס; 3) קאסע און אינגעשטעלטער באריכט; 4) דיווידענד 5) פארשידענעס.

נ. ב. אלע די אקציאנערן, ווערט איינגעלאדן די נאגענד אידישע באפעלקערונג פון סאן פאולא.

די פארוואלטונג

גיט וואכט זיך אפרוהען פון דעם טאָג־טעגלעכן הר תא און פון דער געוואל שאפעלכער ארבייט פאר וועלכער ער האט געלייסטעט מיט פיל מיה און ענערגיע.

מיר האפן אז אפרוהענדיג זיך, וועט ער מיט פרישע כחות ווייטער פארזעצן זיין ארבייט לטובת די עמיגראנטן און דאס אריבערן אונזער ישוב.

זיין אמט אין „עזרה" פארנעמט צייטווייליג דער וויצע-פרעזידענט הר' שלמה לערנער.


# ראַבאַראַטאָריע פון קינסטלעכע ציין

טעכניקער

אין גאָלד און ווולקאניט, מיט ווערקן פערמאנענטע ציין, געבויטן קרוינען. ציין.

קומט איבערצייגט אייך!

## אלכסנדר קופערשלאג

רוא מאריע מארקאנדע 16

## פענסיאן שאפאוואל

ריינע לופטיגע ציממערן, פרישע עסן צו יעדער ציים ביליגע פרייזן!

נאם ריביירא דע ליסא 74

# מ א ל ה א ר י א ר ע א ל

## אראן שווארץ

(געוועזענער שותף פון דער פירמע שווארץ, נאגרעבא און קאמפ.)

זשאוזע פאולינא, 62 טעל. 4 8410 סאן פאולא

אוויזא! דער גאנצער מאדערנער וועלט! אוויזא!

מיין נייע פאבריק פון מאלהאס און קאפעס דע בארראשא

פאר טנעצער און פרייזן געפינט זיך אויף

## נאם זשאזע פאולינא 62

די באדערנסטע קאפעס דע בארראשא פון גוטן שטאף, מים קאנפעקציאנירט

קאנצעסע פון א קאפע, א היבשע אין א קארטייראר פרייזן.

מים אכטונג: אראן שווארץ

ווארענטערייען פאזיטן 546 406:7809071
רעזערוו פאנד 2 261.977.4486143

... פארקויפט ... פאר ...

ספעציעלע אקציאנס-פארזיכערונגען.

די ... פון ...

גענעראל רעפרעזענטאנט פאר בראזיל

רוא — נאם ... 156 (2 8 ...)

פון ... — ... נאם 15 ... 96

... טעל. 2 4802

# האטעל־באר „זשאקאב"

איך האב באקאנט דעם אידישן פובליקום פון ... פאולא און ... פון אינטעריאר.

... האטעל ... מיט אלע באקוועמליכקייטן

... — פאר ... און ...

═══ קומט און צייגט אייך איבער ═══

מים אכטונג: דער איינענטימער

נאם זשאזע פאולינא 14 טעל. 5.5888 — 2-8892

# ברענגט די קרובים פון דער אלטער היים

דורך דער אידישער שיפסקארטן־אגענט

# סאם נאדעל

רוא זשאזע פאולינא 23

שיפסקארטן אויף אבגאל פאר אלעמען! סאנטאס ...

## סאמועל קאהן

... מים לאנגיעריגע פראקטיק אין אייראפע און בראזיל ... פון ... צאנערצטע, ... , ... , ... טראנסיירונג, ... אפאראטן — ביליגע פרייזן

נאם זשאזע פאולינא 195

## ד"ר ה. שעכטמאן

רוא זשאזע פאולינא 900

פון 2 ביז 6 א זייגער נ. מ.

... טעלעפאן 0978 9

לייענט

## די איד. אפטיילונג

... אין שבה בריח

# РУССКІЙ ОТДѢЛ

ВЫХОДИТ ПО ВТОРНИКАМ, ЧЕТВЕРГАМ, СУББОТАМ И ВОСКРЕСЕНЬЯМ.

## Отклики русско-китайскаго конфликта

ХАРБИН, 19 (Ю. П.) — Стало известным, что нанкинское правительство не склонно признать Хабаровский протокол, мотивируя это тѣм, что новый начальник Китайско-Восточной желѣзной дороги г-н Мотеун находится в Мукденѣ, чтобы окончательно договориться с маршалом Чжан—Су—Лян.

Тѣм не менѣе, повидимому, отношения между Россией и Китаем, вслѣдствие этого инцидента, не будут нарушены.

## Свѣдѣнія из телеграмм

1) В России декретом Совѣта Народных Комиссаров официально отмѣнен НЭП (новая экономическая политика, введенная Лениным), т. е. другими словами, запрещена всякая частная торговля, как было во времена военного коммунизма.

2) 20-го сего января вечером, в Рио-де-Жанейро, здание Мексиканскаго посольства, расположенное на руа дас Ларанжейрас, подверглось нападению коммунистов в количествѣ 60 человѣк, повидимому, в подражание своим коллегам в Буэнос Айресѣ. Эта манифестация через 20 минут была ликвидирована полицией и посольство энергично принялось за выяснение лиц и аресты нападавших. Между прочим, в саду посольства было найдено несколько [illegible] воззваний, подписанных Униао дос Коммунистас до Бразил.

3) В своих статьях по поводу визита премьер-министра Эстонии в Варшаву литовские газеты усматривают неблагоприятное для Литвы положение в случаѣ заключения эстонско-польскаго союза.

# אססיגוראציאני גענעראלי

פריעסטי אי ווענעזיא

## לייה שפאר קאסע

די לייה און שפאר קאסע האט באשלאסן [illegible] [illegible]

## פון רעדאקציע

## מכבי

אלגעמיינע פארזאמלונג

## שולע תתחיה

[illegible]

## מכבי

[illegible]

## ד"ר לואיז פרידמאן

## אנגעקומען קיין פאבלא

[illegible]

# פאלהא דא מאנהא

## אידישע אפטיילונג

רעדאגירט פון א. עזריהו

ערשיינט מיטוואך פריה — שבת פריה

סאן פאולא כ"ה טבת תר"צ — נומער 12 — 25. 1. 1930

י. פאליטשוק

## אונזער „מארגן“ אין בראזיל

אין דא קומט אונז אויס צו באריהרן דאס שמערצליכסטע, די איידעלסטע ספרונגעס אין אונזער לעבן: ווען מיר רעדן וועגן „יוגנט“, בכן מיר אם דעם מערסטן, ארומרינגלען מיט נעגט אונזער יוגנט [illegible]

[illegible]

# DELEGACIA FISCAL

EXPEDIENTE DE HONTEM

Requerimento de [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] infracção [illegible] regulamento do imposto de consumo [illegible] [illegible] ministro da Fazenda [illegible]

Idem, de Lazaro Felix dos Santos, negociante em Campinas, pedindo para serem trocadas estampilhas adquiridas, por outras de taxas menores, para facilitar a sellagem de productos — A' Alfandega de Santos, para o fim de informar.

Idem, de Benigno de Castro Pedra, negociante em Piratininga, reclamando contra actos e decisões do collector local, aos quaes taxa de abusivos e illegaes, visando prejudicar o requerente — Ao sr. inspector fiscal da 3a zona, Heitor Monteiro Espinola, para que se digne informar.

Idem, da Viuva Accacio & Filhos, de S. Carlos reclamando contra procedimento da collectoria de S. Carlos, exigindo dos contribuintes nova matricula relativa ao imposto de vendas mercantis e cobrando emolumentos não devidos — Ao sr. collector em S. Carlos, para informar, com urgencia.

Idem, de Armour of Brasil Corporation, pedindo restituição de taxa de viação a mais paga — Solicite-se informação da E. de Ferro Sorocabana.

Idem de Alberto Hanciau, pedindo para ser acceita taxa de occupação de terreno marinha — A' collectoria de Caraguatatuba, para o fim de informar.

Recurso ex-officio e collectoria de Santa Cruz do Rio Pardo, julgando improcedente auto de infracção do regulamento do imposto do consumo contra Pires & Machado — Foi dado provimento, para impor aos autuados a multa de [illegible].

Idem, de Agostinho Vitagliano, da decisão da collectoria de S. Manoel, que lhe impoz a multa de 200$, por infracção do regulamento do imposto do consumo — Foi dado provimento em parte, para reduzir para 150$000 a multa imposta.

Idem, de Hofstetter, Eça & Cia., da decisão da 1a collectoria, que lhes impoz a multa de 1:000$, por infracção do regulamento do imposto do consumo (falta do Livro mod. XLVI) — O sr. delegado fiscal, havendo dado provimento, recorreu desse seu acto para s. excia. o sr. ministro da Fazenda.

Idem, de d. Eudoxia de Castro Sodré, pedindo o pagamento do soldo de seu marido, Domingos Victorino do Amarante Sodré, voluntario da Patria — A' collectoria de [illegible]

אַרויסגעקוקט ווי אויף אַ גייסטיקער פירערשאַפט, אָבער צו דער זעלבער צייט באַטראַכט זייערע מחלוקתן ווי קליינשטעטלדיקע אַמפּערייען פאַר גבאות...

אין דער יידישער זייט איז געווען אָפּגעשפּיגלט דאָס יידישע געזעל־שאַפטלעכע לעבן און אויך אַ געוויסע צאָל באַצאָלטע אַנאָנסן פון פאַרשיי־דענע געשעפטסלייט און דערצו איז געווען אַן אַרטיקל פון אַלגעמיין גע־זעלשאַפטלעכן אינטערעס. אויף וויפל אונדז איז באַקאַנט האָט דער רעדאַק־טאָר פון דער אָפּטיילונג, עזריהו, ניט געשריבן אַליין קיין אַרטיקלען און אַנשטאָט דעם האָט ער אויפגענומען אינטערוויוען פון פאַרשיידענע גע־זעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט וועגן אַ ריי אַקטועלע ענינים אין שייכות מיטן יידישן לעבן אין סאַן פּאַולאָ. ווי מען קען פאַרשטיין, איז דער אופן פון אָפּשפּיגלען דאָס יידישע לעבן און זיינע פּראָבלעמען אין אינטערוויוען געווען אַ געוויסער שטייגער פון אומפּאַר־טייאישקייט, אַזוי צו זאָגן, כדי קיין צד זאָל ניט פילן, אַז זיין מיינונג ווערט ניט געגעבן קיין גלעגנהייט צו קומען אין דער עפנטלעכקייט, נאָר ווי מיר וועלן באַלד זען, איז דער שטייגער ניט געווען בכוח אויסצוהיטן די צדדים פון פילן זיך באַעוולהט און אויב אונדזער אינפאָרמאַציע איז ריכטיק, איז דאָס אויך געווען די סיבה פון אָפּשטעלן די יידישע זייטע אין די „פאָליאַס".

כדי צו אילוסטרירן דעם דאַמאָלסטיקן צושטאַנד אין יידישן ישוב אין ס. פּ. וועלן מיר בלויז ברענגען צוויי באַוווסטע פאַלן, וועלכע האָבן דאַמאָלסט צעטיילט דעם ישוב און געשאַפן גענוג בייז בלוט, אין וועלכן אויך די יידישע זייט האָט זיך געזען פאַרוויקלט, אפשר קעגן אייגענעם ווילן.

עס איז געווען אין די יאָרן 1928—1929, די אַרגענטינער פּאָליציי האָט דאַמאָלסט געהאַט אַנטדעקט אַ רינג פון ווייסע שקלאַפן הענדלער און אי־בערהויפּט האָבן די צייטונגען געשריבן וועגן אַ יידישע אָרגאַניזאַציע פון ווייסע שקלאַפן־הענדלער, מיטן נאָמען צבי מגדל, וועמענס מיטגלידער האָבן זיך וואַרשיינלעך געהאַט געראַטעוועט קיין בראַזיל און פיל פון זיי האָבן געלעבט, אָדער צייטווייליק זיך אויפגעהאַלטן, אין סאַן פּאַולאָ, ווו זיי האָבן געהאַט פריינד און „געוועזענע", וועלכע האָבן זיי געקענט דינען פאַר אַ שילד אויף צו שיצן זיך מיט זייערע סאָלידע געשעפטן פון צירונג און

מעבל, וואָס איז אפשר לכתחילה געהאַט צוגעגרייט געוואָרן אין פּאַרויס פאַר אַזאַ פאַל.

די דאָזיקע „אויפדעקונגען״ פון דער אַרגענטינער פּאָליציי זיינען געווען כמעט נאָרמאַלע דערשיינונגען און די ״חברה־לייט״ האָבן זיך זייער לייכט אַן עצה געגעבן מיט די פּאָליציייאישע כלומרשטע רעוויזיעס, וועגן וועלכע זיי פלעגן מייסטן וויסן אין פאָרויס און דערפאַר האָט די פּאָליציי כמעט קיינמאָל גאָרניט געפונען און נאָך אַ שטיקל אויפרודער איז געוואָרן ווידער „נאָרמאַל״, נאָר דאָס מאָל איז די אויפדעקונג און די פּאָליציייאישע אַקציע געווען פון אויסערגעוויינלעכן פאַרנעם. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער אויספאָרשונג וואָס עס האָט דאַמאָלסט דורכגעפירט פאַר דער קאָמיסיע צום קאַמף מיטן האַנדל פון ווייסע שקלאַפן ביי דער פעלקער ליגע, דער זשורנאַליסט אַלבערט לאָנדרעס וועלכער האָט געמאַכט אין געהיים אַ רייזע קיין אַרגענטינע און איז אַריינגעדרונגען אין דער נעץ פון די ווייסע שקלאַפן הענדלער און זייערע קרבנות. נאָכדעם ווי דער באַריכט פון דער קאָמיסיע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, האָט שוין די אַרגענטינער פּאָליציי געמוזט עפּעס אונטערנעמען כדי צו באַווייזן איר „אומשולד״ און אַזוי־נאָך האָט זיך אָנגעהויבן די בהלה צווישן די דאָרטיקע „חברה־לייט״ און דאָס האָט טייל פון זיי געבראַכט קיין סאַן פּאַולאָ און דער יידישער ישוב האָט אָנגעהויבן שפּירן אַ נויטווענדיקייט אָפּצוגרענעצן זיך פון די דאָזיקע „טמאים״ און זייערע פריינד, די כלומרשטע סוחרים פון צירונג און אַנ־דערע ווערטפולע סחורות וואָס זיי האָבן געניצט, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אַלס אַ שילד פאַר זייערע אמתע „מיסחרים״.

צו יענער צייט האָט די יידישע אָפּטיילונג אין די „פּאָליאַס״, צווישן אַנדערע אויך געגעבן אַן אינטערוויו פון בערנאַרדאָ סמאַלעץ, וועלכער איז דאַמאָלסט געווען דער פּרעזידענט פון קליענטעלטשיק פאַריין אין סאַן פּאַולאָ. אין זיין אינטערוויו האָט ס. אונטערגעשטראָכן, אַז אייגנטלעך דאַרף די פּאָליציי נישט פאַרמישן יידן מיט מיטגלידער פון „מגדל״, ווייל יעדער יידישער תושב פון ס. פּ. איז אַ מיטגליד פון וועלכער עס איז ייִדי־שער אָרגאַניזאַציע, אָבער אין די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס ווערן ניט אויפ־גענומען אַלס מיטגלידער קיין „חברה־לייט״ און אויך ניט אַזעלכע, וועלכע

האָבן מיט די דאָזיקע לייט וועלכע עס איז פאַרבינדונג. דאַכט זיך גאַנץ פּשוט, נאָר די „חברה־לייט" און זייערע „פריינד", ריכטיקער: זייערע „פריינד", וועלכע האָבן זיך געשפּירט געבראַנד־מאַרקט דורך דער פּאַק־טישער צעטיילונג, האָבן אויפגעהויבן אַ געוואַלד, אַז דערמיט איז דער פּרעזידענט פון קליענטעלטשיק פאַריין און פון "מכבי" (די צוויי גרעסטע יידישע אינסטיטוציעס אין ס. פּ. צו יענער צייט), אויסן צו צווינגען יעדן צו זיין אַ מיטגליד אין די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס.

צו יענער צייט איז אויסגעפאַלן דער פאַל מיטן קליענטעלטשיק פאַריין, וואָס האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיווע קראָם פאַר זיינע מיטגלידער, ווו יעדער מיטגליד זאָל קענען קויפן זיינע סחורות פאַרן ריכטיקן פּרייז און ניט באַריסן ווערן פון די קרעמער אויף זשאָזע פּאַולינאַ. גלייכצייטיק מיטן פּלאַן פון אַ קאָאָפּעראַטיווע קראָם איז אויך געפּלאַנט געוואָרן אַן אַלגעמיינע דערלויבעניש פאַר די מיטגלידער פון קליענטעל־טשיק פאַריין צו קענען פּריי האַנדלען, וואָס וואָלט געווען אַ גרויסע הילף פאַרן קליענטעלטשיק און אים דערמעגלעכט צו מאַכן אַ לעבן פון זיין שווערער האַרעוואַניע, נאָר עס איז אַזוי געשען אַז די פירער פון קליענ־טעלטשיק פאַריין זיינען פאַרפירט געוואָרן פון שווינדלערישע פאַרמיטלער און דער פּלאַן פון אַן אַלגעמיינער דערלויבעניש צו האַנדלען, ווי עס איז געפּלאַנט געוואָרן, האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אַ דורכפאַל.

אַזאַ מצב האָט פאַרשטענדלעך געגעבן אַ געלעגנהייט די אַלע „קעג־נער" פון די יידישע אינסטיטוציעס און יידישע כלל טוער צו באַפאַלן דעם פּרעזידענט און די אַנדערע פירער פון קליענטעלטשיק פאַריין. אַלס צוגאָב צו די דאָזיקע עלעמענטן, וועלכע מען האָט ניט געוואָלט אַריינגעמען אין דער יידישער געזעלשאַפט, וויל זיי זיינען געווען אַליין „געוועזענע", אָדער "פריינד" פון די „טמאים", איז נאָך צוגעקומען דער גרעסטער טייל פון די יידישע סוחרים אויף זשאָזע פּאַולינאַ, וועלכע האָבן מיט רעכט געזען אין דער געפּלאַנטער קאָאָפּעראַטיווער קראָם אַ קאָנקורענץ קעגן זייער באַ־רייסן דעם אָרעמען קליענטעלטשיק.

דער קאַמף קעגן דעם אינטערוויו־געבער איז אַלזאָ געקומען פון צוויי גאַנץ באַזונדערע ריכטונגען און איז צוליבן דורכפאַל פון די פּלענער פון

קליענטעלטשיק פאַריין געווען באַזונדערס שאַרף און אויפרעגנדיק. עס איז זיך זייער לייכט אָנצושטויסן, אַז די דאָזיקע קעגנערשאַפט האָט דערגרייכט די אַדמיניסטראַציע פון די „פּאָליאַס" און דער גורל פון יידישן זייטל אין די „פּאָליאַס" איז געווען באַשטימט. איבערהויפּט קען מען פאַרשטיין, אַז די „חברה־לייט" און זייערע „פריינד" האָבן זייער גערן זיך געמיט צו באַ־איינפלוסן די לייטונג פון די „פּאָליאַס" אויף אָפּצושטעלן אַזאַ „אומפּאַראַנט־וואָרטלעכע" אונטערנעמונג.

צו יענער צייט איז אויך אויסגעפאַלן דער קאַמף אַרום דער שטאַטישער ליי־ און שפּאָר־קאַסע ווו די אָרעמע מיטגלידער האָבן אויסגעוויילט אייניקע פון זייערע אין דער פאַרוואַלטונג און די נייע פאַרוואַלטונג זאָל האָבן אויס־געפונען אַז די פריערדיקע פאַרוואַלטונג איז באַגאַנגען אַ ריי מיסברויכן. איין באַקאַנטער פאַל איז גענוג צו אילוסטרירן די לאַגע: די סוחרים פון זשאָזע פּאַולינאָ פלעגן העלפן אַן אָרעמען קליענטעלטשיק קריגן אַ הלוואה נאָר ווען ער האָט זיי באַצאָלט דעם חוב אין זייער געשעפט. פאַרשטייט זיך, אַז דער אָרעמאַן האָט קיין ברירה ניט געהאַט און איז אַזויערנאָך פאַרמשפּט געוואָרן צו בלייבן אָן פּרנסה, ווייל קיין נייעם קרעדיט האָט אים דער סוחר ניט געגעבן נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען זיין חוב.

די סוחרים און זייערע פריינד אין דער נייער פאַרוואַלטונג האָבן ניט געפּרוווט אויפוויזן דעם אומשולד פון די באַשולדיקטע, נייערט זיי האָבן פאַרפירט אַ פּראָצעס קעגן דער לעגאַליטעט פון דער ניי־דערוויילטער פאַר־וואַלטונג און אַזויערנאָך האָט זיך ווידער געוודערט אין שטאָט. כאָטש דאָס האָט אייגנטלעך ניט געהאַט קיין דירעקטע שייכות מיט דער יידישער זייט אין די „פּאָליאַס" האָט אָבער דער קאַמף אַרום דער ליי־קאַסע אַרויפגע־פלאַנטערט אויפן פריערדיקן קאַמף קעגן קליענטעלטשיק פאַריין און זיין פּרעזידענט נאָך אַ קנויל פון קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען און דאָס פייער פון מחלוקת איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. די טמאים און זייערע פריינד האָבן דערביי געשעפּט נחת פון דער קריגעריי.

אין אַזאַ אַטמאָספערע האָט פאַרשטענדלעך ניט געהאַט קיין שום זין אַרויסצוגעבן די יידישע אָפּטיילונג, וועלכע וואָלט זיכער צעריסן געוואָרן

צווישן די צדדים אין דעם אומגלייכן קאַמף צווישן די קעגנזעצטע גרופּן מיט זייערע באַזונדערע אינטערעסן.

אויף ווי ווייט אונדז איז באַקאַנט איז דאָס דער איינציקער פּרוּוו פון אַ בראַזיליאַנער טאָגצייטונג צו געבן פּלאַץ פאַר פרעמדשפּראַכיקע אָפּטיילונגען אין איר צייטונג. עס איז זיכער געווען אַ זייער נאָבעלער זשעסט פון אַ גרויסער ליבעראַלער צייטונג צו געבן פּלאַץ די קליינע שפּראַכן גרופּעס, וועלכע זיינען ניט געווען בכוח צו האָבן זייער אייגענע צייטונג אין זייער אייגענער שפּראַך, צו קומען צום אויסדרוק דורך זייער הילף.

אויך די אַנדערע פרעמדשפּראַכיקע אָפּטיילונגען האָבן זיך שפּעטער געשלאָסן.

# אידישע צייטונג

די פאַרגעקומענע פּאַסירונגען אין יידישן ישוב אין ס. פ., וועלכע מיר האָבן געשילדערט אין פריערדיקן קאַפּיטל, האָבן אין אַ געוויסער הינזיכט דערפירט צו אַן איבערברוך אין פאַרגליווערטן צושטאַנד אין דער יידישער געזעלשאַפט, האָט געבראַכן די קליינשטעטלדיקע ביטול באַציאונג צו צייטונגען און צו דער עפנטלעכער מיינונג בכלל. די קריגערייען האָבן געשאַפן צדדים, די אַטאַקעס פון איין צד אויפן צווייטן און די פאַרשיידענע מיינונגען פון אָנהענגער און קעגנער פון די צדדים זיינען געקומען צום אויסדרוק אין דער עפנטלעכקייט און אויך אין דער יידישער, ווי אין דער ניט יידישער פרעסע. אָט דער דאָזיקער צושטאַנד האָט דערהויבן די וויכטיקייט פון דער פרעסע און די דאָזיקע וואָס האָבן געקאָנט אויסדריקן זייערע מיינונגען אין שריפט.

עס איז אויך פאָרגעקומען אין דער צייט אַן ענדערונג אין עקאָנאָמישן צוזאַמענשטעל פון ישוב. צו דעם פריערדיקן אַלטן תושב, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַרן איינציק באַרעכטיקטן פירער פון דער געזעלשאַפט, איז צוגעקומען אַ שיכט פון נײַ געקומענע, געוועזענע קליינע אונטערנעמער, וועלכע זײַנען אין דער צייט געוואָרן רײַכער און האָבן זיך אַרויסגערוקט מיט אייגענע געשעפטן אין דער צענטער גאַס פון יידישן ס. פּ., זשאָזע פּאַר־לינאַ. די דאָזיקע צוגעקומענע גבירים, כאָטש זיי האָבן מייסטן געזוכט צו זײַן סטאַטעטשנע באַלעבאָטים, האָבן זיי דאָך געהאַט אַ מאָדערנערן בליק אויף דער פירונג פון דער יידישער געזעלשאַפט און האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די אַלט געזעסענע, מייסטן בעסאַראַבער יידן, וואָס האָבן זייער ווינציק געוווסט וועגן מאָדערנעם אַרט פירונג פון אַן אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט.

דער אויפשטייג פון אַט די נײַע גבירים מיט זייערע פאַבריקלעך און געשעפטן האָט געשאַפן מערער דרוק אַרבעט און געהאָלפן אין אַ גרויסער מאָס אויסוואַקסן די דרוקערײַ פון מאַרקאָס פראַנקענטאַל און צו דער זעלבער צייט געמאַכט אים אַביסל אומאָפּהענגיק פון די אַלט געזעסענע תושבים, וועלכע זײַנען ביז דאַן געווען זײַנע קליענטן.

דער אויפשטייג פון אַט די נײַע גבירים מיט זייערע פאַבריקלעך און געשעפטן זײַנען ווידער געוואָרן קונדן אויך פון אַנאָנסן, וועלכע זיי פלעגן געבן אין דער פּ. צ. אין ראַדיאָ און טעלעוויז אויך אין דער איד. פּרעסע פון ב. אַט דער ווילשטאַנד און דער פאַקט וואָס די אַנאָנסן אין די ראַדיאָ יידי־שע צײַטונגען זײַנען געווען כמעט בלויז פון סאַן פּאַולער יידישע פאַבריק־לעך און געשעפטן, האָט געפירט דעם דרוקערײַ אייגנטימער פּ. צום גע־דאַנק פון אַרויסגעבן אַ יידישע צײַטונג, וועלכע זאָל זיך באַזירן אויף אַט די אַלע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן, וועלכע ס.פּ. האָט געהאַט אין אַזאַ גרוי־סער מאָס.

פּ. האָט שוין איצט ניט געטראַכט פון אַ ליטעראַרישער צײַטשריפט, ווי די שוין דערמאָנטע יידישע וועלט אין בראַזיל, איצט איז געווען נויטיק אַ צײַטונג, וועלכע זאָל זײַן דער אויסדרוק פון די פאַרשיידענע ריכטונגען אין יידישן ישוב און זייערע מיינונגס פאַרשיידנהייטן, ווי אויך דער אָרגאַן

וואָס זאָל אַנאָנסירן די אויסגעוואָקסענע יידישע קאָמערץ און אינדוסטריע אין ס. פּ. איז אַנטשטאַנען דער געדאַנק אַרויסצוגעבן אַ צייטונג אויפן מוס־טער פון דער אידישע פאָלקצייטונג אין ריאָ־סאָן פּאָולער אידישע צייטונג.

אויך אין דעם פאַל, פונקט ווי אַמאָל בעתן אַרויסגעבן די יידישע וועלט אין בראַזיל, האָט פּ. זיך ניט געמאַכט קיין צו גרויסע אילוזיעס וועגן זיין פּאָזיציע אין דער יידישער געזעלשאַפט און די באַציאונג צו אים פון די פירער פון דער גרעסטער טייל עקזיסטירנדיקע אינסטיטוציעס און כדי צו געבן אַביסל מער פרעסטיזש אָט די נייע אונטערנעמונג, האָט ער צוגעצויגן צוויי אַלטע תושבים וועלכע האָבן געהאַט אַ פּאָזיציע אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און געהאַט אַ השפּעה אויף דעם גרעסטן טייל אַלטע תושבים, וועלכע זיינען מייסטן געווען זייערע לאַנדסלייט, בעסאַראַבער יידן. די צוויי שותפים אין דער אונטערנעמונג אַרויסצוגעבן די סאַן פּאָולער אי־דישע צייטונג זיינען געווען עליאַס אַמשטיין און יוסף נאַדעלמאַן.

עליאַס אַמשטיין, וועלכן זיינע לאַנדסלייט האָבן גערופן צווישן זיך עליעק, איז אינדערהיים, אין קליינעם בעסאַראַבער שטעטל, געווען אַ שמיד און קומענדיק מיט יאָרן צוריק קיין בראַזיל האָט ער געוווינט יאָרנלאַנג אין אַ קליין שטעטל אויף דער פּראָווינץ, האָט דאָרט געמאַכט אַ סך געלט און ווען די קינדער זיינען עלטער געוואָרן און מען האָט געדאַרפט אָנהייבן זאָרגן וועגן אַ שידוך פאַר דער טאָכטער, האָט ער זיך אַריינגעצויגן קיין ס.פּ. און האָט געלעבט פון געבן געלט אויף פּראָצענט. א. האָט זיך געשעמט מיט זיין פריערדיקער קליינשטעטלדיקער פּראָפעסיע און פלעגט שטענדיק דערציילן, אַז ער איז געווען אינדערהיים אַ פּריקאַזטשיק (אָנגעשטעלטער) אין אַן אייזן־געשעפט. אין ס. פּ., האָבנדיק אַ סך פרייע צייט, איז ער געווען דער פּרעזידענט פון דער שול אויף נעוועטאַ פּראַדאַ און האָט איר פּאַרוואַל־טעט אויף אַ מוסטערהאַפטן אופן. א. איז בטבע געווען זייער אַ שטילער און ערלעכער פּאָלקס מענטש און זייענדיק פאַרבונדן מיטן גרעסטן רוב פון די יידישע סוחרים און פאַבריקאַנטן, וועמען ער האָט געבאָרגט געלט אויף פּראָצענט, האָט ער מיט זיין פּשוטער ערלעכקייט און רואיקייט פון צייט צו צייט אויסגעגליכן סיכסוכים און אַלע האָבן אים געשעצט, באַזונ־

דערס האָבן אים ערלעך געהאַלטן זיינע בעסאַראַבער לאַנדסלייט, ביי וועמען ער פלעגט פאַרברענגען אין די געשעפטן זיין פרייע צייט.

יוסף נאַדעלמאַן איז אַמאָל געווען אַ שניידער (אָפּערייטאָר) אין ניו יאָרק, האָט זיך גערעכנט פאַר אַ שטיקל משכיל, געווען דער געלערנ־טער צווישן זיינע בעסאַראַבער לאַנדסלייט, וועלכע האָבן ביז יענער צייט ניט פאַרמאָגט קיין צופיל גראַמאָטנע מענטשן צווישן זיך. אין קעגנזאַץ צו א. איז נ. געווען אַ ייד אַ קבצן, אַ מטופל מיט אַ פאַמיליע, האָבן אים די לאַנדס־לייט שטענדיק באַזאָרגט מיט אַ פאַרטרעטונג פון אַ פאַבריק און אַ פאָסטן אין אַן אינסטיטוציע, ווו זיי זיינען געווען די פירער און בכלל האָבן זיי אים געהאַלטן פאַר זייער געלערנטן מענטש.

די שותפות פון פ. מיט אָט די צוויי דערמאָנטע, אַמשטיין און נאַדעלמאַן, האָט געזאָלט זיין די גאַראַנטיע פאַר דער יידישער געזעלשאַפט — איבער־הויפּט די אַלטע תושבים — אַז די צייטונג וועט זיין אַן ערנסטע און סאָלידע אויסגאַבע, צו וועלכער די יידישע געזעלשאַפט דאַרף האָבן דעם גאַנצן צוטרוי.

די סאַן פּאַולער אידישע צייטונג האָט אָנגעהויבן דערשיינען אַלס וואָכנ־בלאַט דעם 22סטן אָקטאָבער 1931. אויפן קאָפּ פון דער צייטונג איז געווען אָנגעגעבן — רעדאַקטאָר: נאַדעלמאַן, אַדמיניסטראַטאָר: אַמשטיין און אַלס דירעקטאָר: פּראַנקענטאַל.

די רעדאַקציע איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַ צימער אַנטקעגן דער דרוקעריי פּראַנקענטאַל, ווו א., אַלס אַדמיניסטראַטאָר, האָט געפירט די געשעפטן פון דער צייטונג און נ., אַלס דער רעדאַקטאָר, פלעגט זיך געפינען געוויסע שעהן אין טאָג נאָך דעם ווי ער פלעגט פריי ווערן פון זיין פאָסטן אין דער לייי־קאַסע, וועלכע איז געווען אויף דער זעלבער גאַס. כאָטש עס איז געווען אַן אָפיציעלע רעדאַקציע אין אַ ספּעציעל צימער, פלעגט פאַק־טיש פירן אַלע געשעפטן פון דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פ. אין זיין דרוקעריי, ווו ער פלעגט אויפנעמען און דערליידיקן אַנאָנסן געבער, די וואָס פלעגן ברענגען באַגריסונגען, אָדער אַנדערע מאַטעריאַלן צו דרוקן אין צייטונג. אַזוי ווי מייסטע אַנאָנסן־געבער פלעגן ניט ברענגען אָנגעש־שריבן זייערע מאַטעריאַלן צום דרוקן, פלעגט פ., אויף אַ שטיקל פּאַק

פּאַפּיר, אויפשרייבן דאָס וואָס דער ברענגער פלעגט אים זאָגן און אַריינ־געבן גלייך אין דער זעצעריי אויפצוזעצן. אויף דעם געביט פלעגן פּאַרקו־מען ניט ווינציק קוריאָזן. אַזוי פלעגט אָפט געשען, אַז פּ. האָט געמאַכט אַ קליינעם טעות ביים אויסשטעלן די נעמען פון חתן־כלה און מחותנים, אַז עס איז אויסגעקומען אַלס כלה די מחותנתטע און דער וואָס האָט באַגריסט די חתן כלה און מחותנים איז געוואָרן דער חתן אָדער מחותן. ווען עס פלעגט קומען אַלס גאַסט אַ ייד פון דער פּראָווינץ אָדער אַן אויסלענדער באַזוכער, פלעגט ער אים אַריינגעמען אין רעדאַקציע און דאָרט פאַרפירן אַן אינטעליגענטן שמועס, אויספרעגן זיך וועגן די יידן אין דעם פלאַץ, פונוואַנען דער באַזוכער איז געקומען און דערציילן וועגן ס. פּ. און דעם גרויסןביישטייער פון זיין צייטונג צו דער אַנטוויקלונג פון יידישן ישוב אין ס. פּ., אָפט זיינען אין אַזאַ שמועס אויך אַריינגעצויגן געוואָרן, אויסער די שותפים אַמשטיין און נאַדעלמאַן, די שכנים, וועלכע האָבן צו יעדער צייט געקאָנט אַוועקגיין פון זייערע געשעפטן און פאַרלאָזן זיך אויף זייערע אָנגעשטעלטע, און אַלס גוזעלשאַפטלעכע טוער האָט זיי פּ. געוואָלט אי צו־ציען צו די אינטערעסאַנטע שמועסן מיט די אויסלענדישע געסט, וועלכע באַזוכן זיין רעדאַקציע, אי אימפּאָנירן זיי מיט זיין וויסן ווי צו ריידן מיט אַ פרעמדן, פאַר וועמען ער דאַרף פאַרשטעלן דעם יידישן ישוב אין ס. פּ. אַזעלכע באַזוכער זיינען מייסטן געווען פאַרשטייער פון די פאַרשיידענע פאָנדן, זשורנאַליסטן און אַרטיסטן.

א. פלעגט זיצן אין רעדאַקציע צימער ביי אַ זייטיק טישל און פירן אויף זיין פרימיטיוון שטייגער די בוכהאַלטעריע פון הוצאה און הכנסה, פלעגט מיט באַלעבאַטישער ווירדע אויסצאָלן די חשבונות, וועלכע די צייטונג האָט געדאַרפט צאָלן, איינגעשלאָסן אויך דער פּ. דרוקעריי פאַרן דרוקן די צייטונג, אויף אַ זייער רעגולערן אופן, ניט אַכטנדיק צי עס איז אַריינגעקומען געלט אין דער קאַסע אָדער ניט. בעת עס פלעגן זיין אויסלענדישע געסט, פלעגט אים פּ. פאַרשטעלן פאַר די געסט און ער פלעגט אַמאָל אַריינוואַרפן אַ וואָרט אין שמועס, דערביי האָט מען געשפּירט, אַז ער פילט זיך זייער אויפגעלייגט מיט דער הויכער פּאָזיציע זיינער אַלס אַרויסגעבער פון אַ צייטונג.

נ. פלעגט ניט זיין צו אָפט אין רעדאַקציע און מען פלעגט אים אַריינ־רופן אויב מען האָט אים געדאַרפט בעת אַ באַזוך פון געסט אָדער ביי אַ ספּעציעלער געלעגנהייט. זיינע לייט־אַרטיקלען האָט נ. געשריבן אין דער ליי־קאַסע, ווו ער האָט געאַרבעט, און די געשריבענע זייטלעך אַריינגעגעבן פּ. אין דער דרוקעריי ווען ער פלעגט קומען אין רעדאַקציע פאַרן גיין אַהיים. ביי דער געלעגנהייט האָט אים שוין פּ. אויך געגעבן די אָנגעקומענע מאַ־טעריאַלן, נאָר מייסטן האָט זיי שוין פּ. אַליין געהאַט דורכגעלייענט און טייל פון זיי אַפילו אַריינגעגעבן אין דער זעצעריי. בכלל פלעגט נ. דעם אַמט פון רעדאַקטאָר באַטראַכטן מער ווי אַ פּאָסטן, פאַר וועלכן ער קריגט כך וכך אַ חודש און ניט ווי אַן אַמט, וועלכן ער פאַרנעמט, ווייל מען דאַרף אים האָבן.

ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט האָט נ. געוווינט פיל יאָרן אין די פאַרייניקטע שטאַטן, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס אָפּערייטאָר (שניידער־אַרבעטער), איז דערפאַר זיין שרייבן געווען געמישט מיט אַן אַ שיעור אַנג־ליציזמען, פון וועלכע טייל זיינען געווען כמעט אומפאַרשטענדלעך אין בראַ־זיל. דאָס אויסלייגן די ענגלישע נעמען פלעגט ביי אים אויסקומען ווי זיי ווערן אַרויסגערעדט אין ענגליש: קעפּיטעל, סטייט, א. אַנד. פון ענגלישע אויסדרוקן, וועלכע מען נוצט אין אַמעריקאַנער יידיש, איז שוין אָפּגערעדט, אַזעלכע אויסדרוקן, ווי: ביזנעס, סלעק, טרייד א. אַנד. זיינען ביי אים געווען ריין יידישע אויסדרוקן. מען מוז צוגעבן, אַז נ. האָט געטאָן זיין אַרבעט מיט ערלעכער איבערגעגעבנקייט און זיך בכלל באַצויגן צו זיין אַרבעט ווי צו אַ מלאכת הקודש, פון וועלכן פּ. איז גראָד געווען זייער ווייט.

די ס. פּ. איד. ציימונג פלעגט ווערן געזעצט מיט דער האַנט און גע־דרוקט אין אַ געוויינלעכער צילינדער מאַשין אין 8 זייטן. ווען די צייטונג איז געווען אַ וועכנטלעכע, פלעגט זי דערשיינען יעדן פרייטיק, נאָר איינדער־אמתן פלעגט די צייטונג ניט פּאַרטיק ווערן פריער ווי שבת פאַרנאַכט, אָפט פלעגט מען נאָך מוזן אַרבעטן פרייטיק שפּעט אין דער נאַכט כדי די צייטונג זאָל קענען דערשיינען שבת. אין 1933 הייבט די צייטונג אָן דערשיי־נען צוויי מאָל אין וואָך (דינסטיק און פרייטיק) און אַרום סוף יאָר ווערט דער שרייבער פון די שורות איינגעלאַדן דורך פּ. צו רעדאַגירן די צייטונג און זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ דריי מאָל אין וואָך צייטונג (דינסטיק,

דאָנערשטיק און שבת). צו יענער צייט ווערט דורך פּ. געקויפט אַ לינאָטיפּ, די צוויי אַנדערע שותפים, אַמשטיין און נאַדעלמאַן, גייען אַוועק פון דער צייטונג, וועלכע דערשיינט איצט רעגולער דריי מאָל אין וואָך. אין די וואָכן טעג פלעגט די צייטונג דערשיינען אין 6 אָדער אין 8 זייטן, שבת פלעגט דער נומער שטענדיק זיין גרעסער, אין 8 אָדער אין 10 זייטן, פלעגט האָבן פאַרשיידנאַרטיקן לייען שטאָף פאַר די פאַרשיידענע טיפּן לייענער און אַ ספּעציעלע ליטעראַרישע זייט, ווו עס איז שטענדיק געווען אַן אָפּהאַנדלונג וועגן אַ ניי דערשינענעם ווערק, מייסטן מיטן בילד פון מחבר, אַ דערציילונג, אַ ליד און אַ פעליעטאָן. בכלל איז צו יענער צייט די צייטונג געווען צוגעפּאַסט צום סטיל פון אייראָפּעיש־יידישע צייטונגען, מיט אַ לייט אַרטיקל אין איין קאָלום אויף דער ערשטער זייט, טעלעגראַמעס מיט בילדער פון די פּערזענלעכקייטן וועגן וועלכע עס האָט זיך גערעדט אין די טעלעגראַפישע ידיעות, איינשליסנדיק אויך איט״א ידיעות און טייל וויכטיקערע נייעסן זיינען געגעבן געוואָרן אין פעטער שריפט. צום שבת פון פּ. דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער האָט ניט געקאַרגט קיין געלט צו געבן דער צייטונג אַן אויסזען פון אַ רייכער און טעכניש גוט איינגעריכטעטער.

אין 1935 גייט דער שרייבער פון די שורות אַוועק פון דער רעדאַקציע צוליב דעם וואָס פּ. האָט אָפּגעדרוקט אין צייטונג אַן זיין וויסן אַ רעוויזיאָניסטיש אַרטיקל פול מיט אָנפאַלן אויף דער „הסתדרות“ און אירע פירער. פּ. האָט אַרגומענטירט, און מיט אַ גרויסער מאָס רעכט, אַז דער זעלבער סאָרט אַרטיקלען ווערן געדרוקט אין בערגמאַנ׳ס אידישע פּרעסע. מיר האָבן אָבער געהאַט אַ גרונט חושד צו זיין אַז דאָס איז אַ סימן פון וועלן זיך חנפהנען צו די רעוויזיאָניסטן און מיר זיינען דעריבער אַוועק פון דער צייטונג.

דערנאָך האָבן געאַרבעט אַלס רעדאַקטאָרן פון דער צייטונג דער דאַמאָלטיקער סטודענט אויפן יורידישן פאַקולטעט און שפּעטערדיקער דר. שלמה שטיינבערג און ווען ער האָט באַקומען זיין אַדוואָקאַט דיפּלאָם און איז אַוועק קיין ריאָ, איז אויף זיין פּלאַץ אָנגעקומען דער יידישער געלערנטער און פאָרשער דר. אליהו ליפּינער. ביידע האָבן כמעט ווי גאָרניט געענדערט אין דער פאָרם פון דער צייטונג און די פאָרם האָט אַזוי אָנגע־

האַלטן אַ לאַנגע צייט. די סיבה דערפון איז אויך געווען דאָס וואָס די ברי־דער בעקער, אינטעליגענטע יונגעלייט און פּ. פּערזענלעכע פריינד פון דער צייט פון זייער ווינבען צוזאַמען אין דער איק״א קאָלאָניע קוואַטראָ אירמאַנאָס, איז זייער געפעלן אין יענער צייט די נייע פאָרם, וואָס דער שרייבער פון די שורות האָט איינגעפירט און פּ. האָט זיך זייער גערעכנט מיט זייער מיינונג. בכלל האָט די דאָזיקע פאָרם אַפּעלירט צום בעסערן יידישן לייענער, וועלכער איז געווען געוווינט צו די אייראָפּעישע צייטונגען.

אַ געוויסע ירידה אין דער אָנפירונג מיט דער צייטונג הייבט זיך אָן אין 1932 ווען עס קומט אָן אויפן רעדאַקטאָר שטול איינער מיטן נאָמען האַנפט, וועלכער הייבט זיך אָן חנפהנען צו די קאָמוניסטן און ווערט ביי זיי אויפגענומען ווי אַן „אומפּאַרטייאישער״ סימפּאַטיזירער. ה. איז געווען פון פאַך אַ צייך טעכניקער און ניט האַבנדיק קיין צו גרויסן דערפאָלג אין זיין פאַך האָט ער אָנגענומען אַלס טיילווייזע באַשעפטיקונג דאָס העלפן פּ. רע־דאַגירן די צייטונג. זיין קרובהשאַפט מיט די קאָמוניסטן האָט פּ. געבערענגט אַ געוויסן נוץ, האָט ער עס דערלויבט, ווייל די ק. זיינען שוין דאַן געווען פאַרצווייגט אין ס. פּ. און פיל פון זיי האָבן געהאַט געשעפטן, ביי וועלכע פּ. האָט געקראָגן קאָמערציעלע אַרבעט און געשעפטס־אַנאָנסן פאַר דער צייטונג. בעתן ווילן דעלעגאַטן צום יידישן קולטור קאָנגרעס אין פּאַריז, אין 1937, איז ה. געווילט געוואָרן פון די ק. אַלס דער צווייטער אומפּאַר־טייאישער״ דעלעגאַט, איז אויף זייערע הוצאות געפאָרן קיין פּאַריז, איז פון דאָרט אַוועק קיין פוילן, וווּ ער האָט געהאַט זיין פאַמיליע און איז מער ניט צוריקגעקומען.

נאָכן אָפּפאָרן פון ה. האָט פּ. אַליין רעדאַגירט די צייטונג, ווייל ער האָט זיך פּשוט אַרומגעזען — ווי ער פלעגט גרויסהאַלטעריש דערציילן — אַז עס איז גאָרניט נויטיק צו זיין קיין צו גרויסער קענער אויף צו רעדאַ־גירן אַ צייטונג. דערביי האָט אויך צוגעהאָלפן דער פאַקט, וואָס עס איז ניט געווען קיין בעלן אויפן „פּאָסטן״ און פּ. האָט זיך פּשוט איינגעבערענגט דעם געהאַלט פאַר אַ „האַנט״, לויט ווי ער פלעגט רופן זיינע רעדאַקטאָרן. אויף ניט קיין פּערמאַנענטן אופן אַרבעט דאָרט מיט דער שוין פריער דערמאָנ־טער יידיש־בראַזיליאַנער זשורנאַליסט נעלסאָן ווײַנער, וועלכער שרייבט

פון צייט צו צייט מאמרים אויך אין דער בראַזיליאַנער צייטונג „פאָליאַ דאָ נאָיטע". וו. פלעגט האָבן אַנדערע באַשעפטיקונגען און פּ. האָט אים אויס־געניצט פאַר זיין צייטונג אַלס טיילווייזער מיטאַרבעטער.

פּ. גופא, כאָטש ער איז אַמאָל געווען אַ לערער, האָט זייער ווינציק גע־קאָנט יידיש, דערצו איז ער נאָך געווען אַ געבוירענער אין ארץ ישראל און האָט זיך ניט איבעריק אָפּגעגעבן מיטן אופן פון שרייבן יידיש. די מייסטע אַרטיקלען זיינען געווען אויסגעשניטן פון אָנגעקומענע אויסלענדיש־יידישע צייטונגען און אָט די אַרטיקלען האָבן געגעבן דער צייטונג אַ שטיקל אויסזען פון אַ צייטונג אין יידיש.

בעת דעם טשעמבערליין־היטלער אָפּמאַך אין מינכען, האָט ער גע־שריבן אַ לייט־אַרטיקל מיט אַ גרויסן קאָפּ דער שלום אין מוניך און אין דעם אַרטיקל צענדליקער מאָל איבערגעחזרט דעם פעלער מוניך, ניט גע־בנדיק זיך די מי צו וועלן וויסן אַ זאַך, וואָס יעדער קינד ווייסט, אַז די שטאָט הייסט אין יידיש מינכען. דערפון איז אים אַ צייט נאָכגעגאַנגען דער נאָמען מוניש (אין פּאָרטוגעזיש ווערט מוניך אַרויסגערעדט: מוניש).

אין 1939, באַלד נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מילחמה, הייבט ער אָן די צייטונג אַרויסגעבן טעגלעך אין 4 זייטן, ווו ער דרוקט איבער אַלע נייעסן פון די בראַזיליאַנער צייטונגען, נאָר די מייסטע יידן לייענען שוין דאַן בראַזיליאַנער צייטונגען און זיין האָפענונג צו ווערן אַ צווייטע גרויסע צייטונג, ווי די אידישע צייטונג אין בוענאָס איירעס (אַר־גענטינע), ווערט ניט מקוים.

פון דער צייט זיינען באַקאַנט זיינע פעליעטאָנען, וועלכע פלעגן זיין געשריבן אין זייער פאָרם פון שמועסן מיט זיין קליינעם זון, אַ בן זקונים וואָס איז אים דאַן געבוירן געוואָרן און אָט די דאָרט אַרויסגעזאָגטע געדאַנ־קען, ווי דער אַרט שרייבן בכלל, האָט ממש באַוויזן קליינשטעטלדיקייט, דאָס האָט שוין קיינעם ניט געאַרט, ווייל גראָד איז דאַן געווען גענוג פּראָספּע־ריטעט און אַלע האָבן געמאַכט גוטע געשעפטן, האָט קיינער ניט געהאַט קיין צייט צו לייענען צופיל די צייטונג.

זייענדיק פאַרנומען מיט זיינע דרוקעריי געשעפטן, האָט פּ. גערן געלאָזט יעדן ווערן אַ שרייבער אין זיין צייטונג, אויב יענער האָט נאָך

דערצו ניט פאַרלאַנגט קיין האָנאָראַר. אַזאַ פאַרשוין, וואָס האָט געוואָלט ווערן „אָנגעזעען" אין דער געזעלשאַפט אַלס זשורנאַליסט איז געווען שלמה וויס. ער איז גערן געלאָפן אויף אַלע געזעלשאַפטלעכע פאַראַנשטאַלטונגען אַלס פאָרשטייער פון דער צייטונג און געשריבן לאַנגע באַריכטן וועגן די דאָזיקע פאַראַנשטאַלטונגען. עס האָבן זיך אָבער באַלד אָפּגעזוכט באַוואוּסטע כלל־טוער, וועמען ער האָט פאַרשוויגן, אָדער גאָר אַראָפּגעריסן און זיי האָבן געמאַכט אַ ויצעקו, אַזוי אַז פּ. האָט אים געמוזט משלח זיין פון דער צייטונג.

אַרויסגעוואָרפן פון דער צייטונג האָט שפּעטער דער דערמאָנטער וו. אָנגעהויבן ברענגען און פאַרשפּרייטן די אידישע צייטונג פון בוענאָס איירעס, אי זיך נוקם צו זיין אין פּ. און זיין צייטונג און שפּעטער, ווען מען האָט פאַרווערט צייטונגען אין אויסלענדישע שפּראַכן, פּשוט צוליב געשעפט, אָבער דערביי אויך צוליב דעם וואָס זיי האָבן אים געשיקט אַ קאָרעספּאָנדענטן קאַרטע, אַ דאַנק וועלכער ער איז אַריינגענומען געוואָרן אין בראַזיליאַנער זשורנאַליסטן פאַריין. נאָכן האַנדלען מיט דער בוענאָס איירעסער אידישע צייטונג אַ געוויסע צייט, האָט זיך די עפּאָפּיי פון דעם דערמאָנטן פאַרשוין געענדיקט.

די סאַן פּאַולער אידישע צייטונג האָט עקזיסטירט ביז דאַן ווען עס זיינען געשלאָסן געוואָרן אַלע פרעמד שפּראַכיקע צייטונגען אין בראַזיל, אַרום דער ערשטער העלפט פון 1941.

# צייטשריפטן אין סאַן פּאולא

אין קעגנזאַץ צו ריאָ זיינען אין ס. פּ. ניט געווען קיין פּרווון אַרויסצו־
געבן ליטעראַרישע צייטשריפטן, צי עס איז דערפאַר וואָס עס זיינען ניט
געווען קיין צופיל יידישע דערציילער און פּאָעטן, אָדער עס איז געווען
דערפאַר וואָס דער יידישער ישוב אין ס. פּ. האָט בכלל געלעבט מער אונטערן
רושם פון שטענדיקן גייעג נאָך רייכקייט, — איינס איז זיכער, אַז אַפילו
די געציילטן צייטשריפטן, וועלכע זיינען דאָרט דערשינען, זיינען אָדער
לכתחילה געווען אויסגערעכנט אויף געשעפט, אָדער זיינען געווען פּאַר־
טייאישע אויסגאַבן, ווי די אויסגאַבן וועגן וועלכע מיר וועלן באַלד דער־
ציילן.

עס איז זיכער, אַז אין ריאָ איז געווען אַ גרעסערע צאָל יידישע אינטעלי־
גענטן, אָבער אויך ס. פּ. האָט געהאַט אַ געוויסע צאָל יידישע אינטעליגענטן,
וואָס וואָלטן געקאָנט קומען אין באַטראַכט ביים אַרויסגעבן אַ יידישע

צייטשריפט, נאָר אַפילו די דאָזיקע אינטעליגענטן זיינען אויף פאַרשיידענע אופנים געווען אַריינגעטאָן אין פאַרשיידענע מיסחרים און אין פאַבריצירן געוויסע אַרטיקלען, אַזוי, אַז זיי האָבן אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן געטיילט די מיינונג פון די אַלטגעזעסענע תושבים, וועלכע האָבן געזען אין דעם אָפּגעבן זיך מיט קולטורעלע ענינים אַ שטערונג צו קענען זיין דערפאָלגרייך אין מיסחר. צו דעם איז צוגעקומען דער פאַקט, וואָס די אַלע, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט קולטור ענינים, האָבן ניט געקאָנט דער־וואַרטן קיין קרעדיטן ביי די גרעסערע סוחרים, וואָס אָן דעם האָט קיין אונטערנעמונג ניט געקאָנט זיין קיין דערפאָלג, האָבן דעריבער די געצייל־טע אינטעליגענטן אויף אַ ווײלע אָפּגעלייגט אָן אַ זייט זייער דורשט נאָכן אויסלעבן זיך קולטורעל און דערווייל אָנגעגאַנגען מיט זייערע געשעפט־לעכע אונטערנעמונגען, וואַרעמענדיק אין בוזעם אַ האָפענונג, אַז ווען זיי וועלן זיך ווי געהעריק אַרויפאַרבעטן וועלן זיי זיין פינאַנציעל אומ־אָפּהענגיק און זיי וועלן דאַן קענען טאָן וואָס זיי ווילן און זיך פירן ווי זיי ווילן. צי עס איז געווען אַ ריכטיקער חשבון אָדער ניט, איז אַ באַזונדערע פראַגע, וואָס גייט ניט אַריין אין די ראַמען פון אונדזער אַרבעט.

איניקע, ממש געציילטע אידעאַליסטן, האָבן פאַרוואָרפן דעם חלום פון רייך ווערן און האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, דאָס זיינען געווען איניקע יונגעלייט ביי די רעוויזיאָניסטן, צווישן וועלכע עס איז געווען מיכאל זאַלצמאַן, דער אַרויסגעבער פון ערשטן חודש זשורנאַל פון רעוויזיאָניסטישן יוגנט פאַרבאַנד ברית טרומפּלדור.



ירחון של הנער העברי על שם יוסף תרומפלדור, והצ"הר

***HACHAHAR · Revista Mensal Israelita***

אין ס. פּ. האָט שוין פון פריער עקזיסטירט דער יוגנט פאַרבאַנד ברית טרומפלדור, נאָר זייער פאַרמעסט אַרויסצוגעבן אַן אייגענעם זשורנאַל איז געמאַכט געוואָרן ערשט סוף 1931 און דאָס טאַקע אַ דאַנק דער אַנגעשטרענג־טער אַקטיוויטעט פון דערמאָנטן זאַלצמאַן, צו וועלכן עס זיינען שפּעטער צוגעקומען שחור, ראַפּאַפּאָרט א. אַנד.

דער ערשטער נומער פון השחר איז דערשינען אין נאָוועמבער 1931 און טראָץ דעם העברעישן נאָמען איז דער זשורנאַל געווען געדרוקט אין יידיש און איז געווען אויסגערעכנט צו זיין אַ חודש זשורנאַל אונטער דער רעדאַקציע פון מ. זאַלצמאַן. דער גאַנצער נומער איז געווען געדרוקט אין יידיש און בלויז איין אַרטיקל, אָדער אַ פעליעטאָן פלעגט זיין אין העברעיש פון דערמאָנטן רעדאַקטאָר. דאָס איז זיכער געווען דערפאַר וואָס ז. איז געווען פון משכילים שניט און האָט געהאַלטן, אַז נאָר אין העברעיש קען

מען אויסדריקן אַ הויכן געדאַנק, דערפאַר האָט ער אָבער געוווסט, אַז אַ העברעישער חודש זשורנאַל וואָלט ניט געקאָנט רעכענען אויפן מינדעסטן דערפאָלג, ווייל עס זיינען פשוט ניט געווען קיין לייענער פאַר אַזאַ זשורנאַל.

דער השחר איז דערשינען ניט רעגולער אין משך פון איניקע חדשים און אין פעברואַר 1932, האָט ער זיך צוגעמאַכט. לויט ווי מען האָט אונדז איבערגעגעבן זיינען פון דערמאָנטן זשורנאַל בלויז דערשינען 3 נומערן. די דערשינענע נומערן זיינען געווען פון מאַגאַזין פאָרמאַט, געווען געבונדן אין אַ גלאַנץ פאַפיר הילע און געהאַט 16 זייטן. דער זשורנאַל האָט אַמייסטן געדרוקט אַרטיקלען פון רעוויזיאָניסטישע גדולים, זשאַבאָטינסקי, אחי־מאיר א. אנד.

# אונזער ווארט

צוליב דער רעוואָלוציע פון 1932 און דעם קריזיס, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער רעוואָלוציע, האָבן די זעלבע רעוויזיאָניסטן ערשט אין 1934 אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ נייעם זשורנאַל. דאָס מאָל איז זייער זשורנאַל געווען פון געוויינלעכן צייטונג פאָרמאַט און איז דערשינען אונטערן אויבנדערמאָנטן נאָמען דאָס ערשטע מאָל אין מאַרץ 1934.

די דערמאָנטע צייטונג איז אויסגערעכנט געווען צו דערשיינען יעדע צוויי וואָכן, דעם 10טן און 25סטן פון יעדן חודש. אַלס אַדמיניסטראַטאָר ווערט אין קאָפּ אָנגעגעבן מאָזעס (משה) ראַפּאָפּאָרט און די צייטונג רופט זיך: נאַציאָנאַלע צוויי וועכנטלעכע צייטונג. קיין רעדאַקטאָר ווערט אין קאָפּ ניט אָנגעגעבן, נאָר ווי אונדז איז באַקאַנט האָבן די צייטונג רעדאַקטירט די שוין פריער דערמאָנטע רעוויזיאָניסטישע פירער, מ. זאַלצמאַן און ז. שחור.

אונזער וואָרט האָט זיך אויסגעצייכנט אין משך פון דער גאַנצער צייט פון זיין דערשיינען, מיט אַטאַקעס אויף דער ארץ ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט און אירע פירער, אַ ספּעציעל עקלדיקן טאָן האָט די צייטונג אַנגענומען אין די אַרטיקלען וועגן טויט פון חיים אַרלאָזאָראָוו ע״ה, און אין שייכות מיטן פּראָצעס קעגן די באַשולדיקטע זיינען דערשינען אייניקע זייער מיאוסע אַרטיקלען וועגן דער פּרוי פון דערמאָרדעטן אַרלאָזאָראָוו, וועלכע האָבן געמאַכט אויפשוידערן יעדן ערלעכן מענטש מיט זייער עקלדיקן טאָן, מיאוסע אינסינואַציעס און נידעריקע אויסדרוקן. אויף אַלע טענות מצד ערלעכע מענטשן, צווישן זיי פיל סימפּאַטיקער פון רעוויזיאָניזם, האָבן זיי געהאַט איין תירוץ: די אַרטיקלען ווערן צוגעשיקט פון דער צענטראַלע און ווערן פאַרעפנטלעכט אין אַלע רעוויזיאָניסטישע צייטונגען אין דער גאָרער וועלט. די פירער פון רעוויזיאָניזם אין ס. פּ. האָבן אָבער הפּנים אין דער שטיל מסכים געווען צו אָט דעם עקלדיקן שטאָף אין זייער צייטונג און האָבן ניט געהאַט דעם מוט ניט צו פאַרעפנטלעכן דעם דאָזיקן צוגעשיקטן מאַטעריאַל. אַז אונדזער באַהויפּטונג איז ריכטיק באַווייזט דער פאַקט וואָס פון צייט צו צייט האָבן זיך אויך באַוויזן אַרטיקלען פון לאָקאַלע גדולים אין דעם זעלבן טאָן.

אונזער וואָרט איז געזעצט געוואָרן אין אַן אייגענער דרוקעריי און געדרוקט געוואָרן אין אַ ניט יידישער דרוקעריי, אי צוליב דעם וואָס עס האָט זיי אַזויערנאָך געקאָסט ביליקער, אי צוליב דעם מען זאָל זיי ניט קענען זאָגן קיין דעות.

אַרום ניי־יאָר פון 1934 האָבן די רעוויזיאָניסטן איינגעאָרדנט אַ גרויסן באַל און פאַרווייילונג, וועמענס הכנסה איז געווען אויסגערעכנט אויף צו דעקן דעם דעפיציט פון דער צייטונג. נאָר אויף אַזאַ געלעגנהייט האָבן פּאַקטיש געוואָרט די חברים פון פּועלי ציון און זיי האָבן איינגעאָרדנט דעם זעלבן אָוונט אַ גרויסן ארץ ישראל באַל, פירנדיק דערביי אַ פאַרצווייגטע פּראָפּאַגאַנדע קעגן די רעוויזיאָניסטן און זייער צייטונג. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז זייער אונטערנעמונג איז געווען אַ דורכפאַל און אַלס קאָנסעקווענץ פון דער דורכגעפאַלענער אונטערנעמונג איז דערשינען בלויז נאָך איין נומער אונזער וואָרט. אָנהייב 1935 און האָט זיך ענדגילטיק גע־

שלאָסן. די שריפט האָט צוגענומען דער זעצער, ווען מען איז שולדיק געבליבן שכירות און אַזויערנאָך האָט זיך געענדיקט די עפּאָפּיי פון רעוויזיאָניסטישע צייטונגען אין ס. פּ.

אונזער וואָרט פלעגט דערשיינען אין 4 זייטן צייטונגס פאָרמאַט און אויסער די שוין דערמאָנטע אַרטיקלען זיינען אויך געווען קאַריקאַטורן פון זעלבן אינהאַלט און כאַראַקטער. די צייכנונגען פלעגן געמאַכט ווערן פון איינעם פון זייערע חברים, אַ זייער פעיקער צייכענער, כאַווקין.

# וועלט-שפיגל

## מאנאט-זשורנאל פאר ליטעראטור, קונסט און געזעלשאפטלעכע פראגן

עס איז אונדז שוין אייניקע מאָל אויסגעקומען, ביים שילדערן געוויסע סיטואַציעס פון דער יידישער פרעסע אין ס. פ„ אונטערצושטרייכן דעם ספעציעלן הינטערגרונט פון די דערשיינענע זשורנאַלן אין ס. פ. מיר האָבן זיך געמיט צו באַווייזן, אַז אָדער עס זיינען געווען אויסרעכענונגען אויף צו מאַכן געשעפט, אָדער עס זיינען געווען אידייאיש פאַרטייאישע גרופן, וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל צוליב זייערע פאַרטיי מאָטיוון, — בדרך כלל זיינען ניט געווען קיין יונגעלייט, וואָס זאָלן זיך אונטערנעמען אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל נאָר צוליבן וועלן זיך דרוקן און פאַרשפרייטן יידישע קולטור, ווי עס איז געווען דער פאַל אין אַנדערע שטעט אין בראַזיל.

ווי אַלס סימבאָל פון אָט דער דאָזיקער באַהויפּטונג קען דינען דער פאַקט פון דער דערשיינונג פון אַזעלכע צוויי זשורנאַלן, וועלכע זיינען דער־שינען האַרט פאַרן פאַרבאָט אויף פרעמדשפראַכיקע אויסגאַבעס.

איין זשורנאַל איז געווען אַ פּאַרטייאישער און האָט זיך בלויז, צוליב לעגאַלע טעמים, געשלייערט אין מאַנטל פון יידישער קולטור און דער צווייטער איז געווען אַבסאָלוט אויסגערעכנט אויף געשעפט. אויב די ערשטע זיינען געווען אידייען מענטשן און האָבן געהאַט אַלס ציל אַרויס־צוגעבן אַ פּאַרטיי־זשורנאַל, איז דער אַרויסגעבער פון צווייטן זשורנאַל גאַנץ אָפן און פשוט געקומען מאַכן געשעפט און קיין זאַך האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן אויף צו דערגרייכן זיין ציל. דער זשורנאַל, וועלכן מיר זיינען דאָס אויס, איז דער וועלט שפּיגל.

---

געווען אין ס. פּ. אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען יעקב קוטנער, וועמענס פאַרבינדונג מיט דער יידישער פּרעסע איז געווען די, וואָס ער פלעגט אַמאָל לייענען אַ צייטונג, ניט צו אָפט און אויך ניט קיין צו ערנ־סטע .זיין שייכות צום יידישן געדרוקטן וואָרט איז געווען די, וואָס בעת עס זיינען אַמאָל געקומען יידישע אַרטיסטן קיין ס. פּ. האָט ער אויפגעזאַמלט אַביסל אַנאָנסן ביי די געשעפטס לייט פון זשאָזע פּאַולינאַ (די יידישע געגנט) און אַרויסגעגעבן די פּראָגראַם פון די טעאַטער פאַרשטעלונגען פון די אַרטיסטן־געסט. די אייגנטלעכע באַשעפטיקונג פון דעם דאָזיקן יונגנמאַן איז געווען וואָס ער האָט געאַרבעט ביי אַ רייכן קליענטעלטשיק אַלס פאַר־קויפער און אַלס אַזעלכער פלעגט ער קומען אין באַרירונג מיט הויכע פונקציאָנאַרן פון די גרויסע געשעפטן און בענק אין ס. פּ., ווייל אַפילו די גוט באַצאָלטע אָנגעשטעלטע זיינען אויסגעשטעלט צו קויפן זייערע קליי־דער אויף חודשלעכע אָפּצאָלונגען. אָט די דאָזיקע באַשעפטיקונג האָט אים געגעבן אַ געווויסע פאַרבינדונג מיט דער וועלט פון האַנדל און באַנק וועזן. איז אים איינגעפאַלן אויסצונוצן אָט די דאָזיקע פאַרבינדונגען און אַרויס־געבן אַ יידישע חודש שריפט, וועלכע זאָל זיך באַזירן אויף די געשעפטס אַנאָנסן פון אָט די גרויסע געשעפטן און בענק. ק. האָט זייער גוט פאַרשטאַ־נען דעם גוטן נאָמען, וואָס די יידישע קאָמערץ און אינדוסטריע האָט אין דער ניט יידישער וועלט און כאָטש ער האָט אַמווינציקסטן געקאָנט זיך פאָרשטעלן אַלס פאַרשטייער פון דער יידישער קאָלעקטיוויטעט, האָט עס אים ניט אָפּגעהאַלטן צו קומען צו זיינע באַקאַנטע, די הויכע פונקציאָנאַרן

פון די גרויסע געשעפטן און בענק מיט אַ יידישער חודש שריפט, ווו דאָס געבן געשעפטס אַנאָנסן האָט געזאָלט זיין אין דער ערשטער ריי אַן אויסדרוק פון סימפּאַטיע פאַר דער יידישער קאָלאָניע, ווו זיי האָבן גוטע קונדן און מאַכן גוטע געשעפטן.

ק. האָט זיך ניט געמאַכט קיין אילוזיעס, הפנים, איבערהויפּט אין דער ערשטער צייט פון דער גרינדונג פון זיין חודש שריפט וועלט שפּיגל, ווי עס זעט אויס זיין פּאָזיציע אין דער יידישער קאָלאָניע אין שייכות מיטן יידישן געדרוקטן וואָרט, ווי מיט דעם צוטרוי, וואָס ער קען דערוואַרטן צו זיך און זיין אונטערנעמונג בכלל, נאָר אויסערעכענענדיק אויסשליסלעך אויף ניט יידישע אַנאָנסן געבער און ווייסנדיק אויך, אַז אין ס. פּ. האָט קיינער ניט צו פיל צייט נאָכצוקוקן וואָס ווער עס טוט, האָט ער זיך גענומען צו זיין „זשורנאַליסטישער טעטיקייט" מיט דער אַנטשלאָסנקייט פון איינעם, וואָס האָט אייגנטלעך ניט וואָס צו פאַרלירן. כדי אַרויסצושטעלן אין פאָדערגרונט פון דער אונטערנעמונג אַ נאָמען פון אַ מענטש מיט אַ געוויסן טיטול, וואָס זאָל, לכל הפחות אויבנאויף, פאַר דער ניט יידישער וועלט, אימפּאָנירן מיטן נאָמען, האָט ער צו דער אונטערנעמונג צוגעצויגן אַ ניט איבעריק דערפאָלגרייכן יונגן אַדוואָקאַט, וואָס האָט געלעבט מיט זיין דיפּלאָם ביי זיינע ניט זייער פאַרמעגלעכע עלטערן אין הויז, איינער אַ דר. בליי, אַרויפשטעלנדיק אים אין קאָפּ אַלס רעדאַקטאָר. אַזויערנאָך איז געשאַפן געוואָרן דער וועלט שפּיגל.

עס איז אונדז ניט באַוווּסט אויב דער דערמאָנטער דר. ב. האָט ביז דאַן ערגעץ ווו געשריבן און געדרוקט אַ יידיש וואָרט, נאָר דאָס האָט אויף אַ מינוט ניט אָפּגעהאַלטןביידע שותפים צו פאַרטראַכטן זיך וועגן דער פעיקייט פון דערמאָנטן אַדוואָקאַט צו זיין אַ רעדאַקטאָר פון אַ יידישער חודש שריפט, אַז דער עצם זין פון דער אויסגאַבע איז געווען אויסגערעכנט אויף געשעפט. נאָך וואָס זשע זאָלן זיי זיך נעמען צום האַרץ די נויטיקייט פון קענען יידיש און וויסן ווי צו רעדאַקטירן און אַרויסגעבן אַ יידישע צייטשריפט? אויב דאָס איז נאָך געווען ווייניק, האָבן די צוויי דערמאָנטע שותפים נאָך צוגעצויגן אַלס פאַרשטייער און רייזנדן איבער דער פּראָווינץ אַ געוויסן מיטשפּילער מיט די דורכפאַרנדיקע אַרטיסטן, וואָס האָט זיך גע־

האַלטן פאַר אַ שטיקל אַרטיסט און מוזנדיק אַפּט וואַרטן צו לאַנג אויף אַר־טיסטן גאַסטראָליערן, האָט ער פשוט ניט געהאַט קיין צופיל פּרנסה און האָט זיך אונטערגענומען צו טאָן די אַרבעט פון פאַרן זאַמלען אַבאָנאַמענטן פאַרן זשורנאַל צווישן די יידן אויף דער פּראָווינץ, זיין נאָמען איז ראובן האַכבערג.

אמת, קיין צו גרויסן צוטרוי האָט דער דאַזיקער דריילינג ניט אַרויס־גערופן צו זיך, נאָר יידן אין ס. פּ„ ווי אויף דער פּראָווינץ, האָבן זיך דאַן געלעבט ניט שלעכט עקאָנאָמיש און אַזוי ווי בטבע זיינען זיי געוווינט מען זאָל יעדעס מאָל קומען ביי זיי מאָנען אויף פאַרשיידענע ווילטעטיקע צוועקן, האָבן זיי אויך אין דעם פאַל, ווער מער, ווער ווייניקער, געגעבן זייערע פאַר מילרייס (בראַזיליאַנער מטבע) און ניט צופיל געוואָלט זיך אַריינטראַכטן וואָס און ווער עס גיט אַרויס דעם זשורנאַל. גאָר אַנדערע האָבן געהאַט אַ גאַנץ איינפאַכערע פילאָזאָפיע: יונגעלייט גיבן אַרויס אַ יידישן זשורנאַל, דאַרף מען זיי שטיצן.

דער וועלט שפּיגל איז דערשינען אין יוני 1939 אַלס מאָנאַט זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, קונסט און געזעלשאַפטלעכע פראַגן. אַלס רעדאַקטאָר האָט אין קאָפּ פיגורירט דער נאָמען פון שוין פריער דערמאָנטן דר. א. בליי, אַלס אַדמיניסטראַטאָר — י. קוטנער און דער אַדרעס פון דער רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע איז אָנגעגעבן אין דער פּריוואַטער דירה פון די קוטנערס, וועלכע איז געווען אויף אַ זייטיק געסל פון דער יידישער געגנט אין ס. פּ.

מען קען פאַר קיין פאַל ניט זאָגן, אַז די אַרויסגעבער האָט זיך געלעבט צו גוט און אַז זייערע האָפענונגען אויף דעם לייענער און דער קאָמערץ האָט זיך זיי איינגעגעבן צו פאַרווירקלעכן. אורטיילנדיק פון זייער פאַרביטערט־קייט איז זיכער, אַז זייער וועג איז ניט געווען געשפּרייט מיט רויזן. דערפון נעמען זיך טאַקע זייערע אָנפאַלן אויף געוויסע פּערזאָנען, וועלכע האָבן ניט איינגעשטימט מיט זייער אויטאָריטעט צו זיין די קולטור פאַרזאָרגער פון יידישן ישוב און זיינע וואָרטזאָגער. ווי עס זאָל ניט זיין, האָט מען אַפילו זייער „אַראָפּרייסן" אויך ניט גענומען צו ערנסט און אַזוי האָבן זיך די אַרויסגעבער פון וועלט שפּיגל געמאַטערט איבער אַנדערטהאַלבן יאָר אַרויסצוגעבן אַ יידישן זשורנאַל, וואָס קיינער האָט ניט געדאַרפט, וואָס

זייער ווינציק האָבן אים געלייענט און אויך זיי גופא האָט ער קיין צו גרויסן מאַטעריעלן דערפאָלג ניט געבראַכט.

די אַוואַנטורע פון די אַרויסגעבער פון וועלט שפּיגל האָט זיך געענ־דיקט דערמיט וואָס ק. האָט זיך געשיידט מיטן שותף דעם אַדוואָקאַט.

דער וועלט שפּיגל האָט זיך געשלאָסן סוף 1940, אַ צייט פריער איידער עס איז אַרויס דער פאַרבאָט אויף פרעמדשפּראַכיקע אויסגאַבעס אין בראַ־זיל. אין משך פון די איבער אַנדערטהאַלבן יאָר עקזיסטענץ פון זשורנאַל זיינען דערשינען 14 נומערן, ניט שטענדיק רעגלמעסיק יעדן חודש. דר. ב., איבערנעמענדיק דעם זשורנאַל, האָט נאָך אַפילו געפּלאַנט אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל ווייטער, נאָר קיין פרישער נומער איז שוין מער ניט דערשינען.

בעת דער פאַרבאַנד פון פוילישע יידן האָט אין 1942 איינגעאָרדנט יעדן פרייטיק צונאַכטס אַ לעבעדיקע צייטונג, איז צום שרייבער פון די שורות געקומען דער דערמאָנטער דר. ב. מיט אַ קאָרעקטור פון אַן אַרטיקל, וואָס האָט געזאָלט דערשיינען אין זיין זשורנאַל און וואָס ער האָט געוואָלט פאָר־לייענען אין דער לעבעדיקער צייטונג. נאָר דער שרייבער פון די שורות, אַלס רעדאַקטאָר פון דער לעבעדיקער צייטונג, האָט מיטן הסכם פון די אַנדערע מיטגלידער פון רעדאַקציע קאָלעגיע, ניט צוגעלאָזן דר. ב. פאָרצו־לייענען זיין אַרטיקל.



Periodico literario, critico, teatral e de satira
Diretor - Proprietario:
Edgar Barreira Matos

די צייט

צייטשריפט
פאר ליטעראטור, טעאטער, קריטיק און סאטירע
דירעקטאר - אייגנטימער:
עדגאר בארעירא מאטאס

DI TZAIT (O Tempo)

דער ערשטער נומער די צייט איז דערשינען דעם 15טן אויגוסט 1939, און האָט געזאָלט זיין אַ צייטשריפט פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קריטיק און סאַטירע. אַלס אָפיציעלער רעדאַקטאָר האָט אין קאָפּ פיגורירט דער נאָמען פון אַ ניט יידישן אינטעליגענט, אַ געוויסער עדגאַר באַררעיראָ מאַטאָס, וועלכער איז אויך געווען דער אָפיציעלער דירעקטאָר־אייגנטימער. דער פאַקטישער רעדאַקטאָר איז געווען דער קאָמוניסטישער טוער און פירער פון „יוגנט־קלוב“, מנחם קאָפּלמאַן, וועמענס יחוס עס איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער איז געווען אַ דעלעגאַט אויפן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז אין 1937.

מען קען ניט זאָגן, אַז דער פּאַקטישער רעדאַקטאָר ק. זאָל האָבן וועלכע עס איז שייכות צו יידישער זשורנאַליסטיק ווי צום יידישן צייטונגס וועזן בכלל, אינדערעמתן איז ער געווען אַ פּוילישער אינטעליגענט און זיין יחוס

איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער איז געהאַט געזעסן אין פוילישע טורמעס פאַר פּאַרטייאישער טעטיקייט. אויף וויפל זיין פאַרבינדונג מיט פויליש איז געווען מער ווי מיט יידיש איז געווען צו זען דערפון, וואָס נאָך אין בראַזיל האָט ער גערעדט מיט זיין פרוי פויליש און אויך זייער יינגעלע האָט געקאָנט אַביסל פויליש, וואָס איז געווען אין אַ געוויסער מאָס די אומגאַנגס שפּראַך אין הויז. ק. פלעגט זיינע יידישע אַרטיקלען אויסהאָרע־ווען און מען קען ניט זאָגן, אַז זיי זיינען געווען שטענדיק צו האַמעטנע, מען האָט טאַקע געשפּירט אין זיי, אַז זייער מחבר דענקט ניט אין יידיש, נאָר אַלס אינטעליגענט האָט ער זיך געמיט צו באַאַרבעטן זיינע מאמרים זיי זאָלן זיין געגנוג פאַרשטענדלעך פאַרן לייענער עולם.

די צייט האָט מייסטן געדרוקט — אָדער איבערגעדרוקט — אַרטיק־לען פון זייערע חברים, לינקע שרייבער און די פּאָרטוגעזישע טייל פון זשורנאַל, וואָס עס איז געווען נויטיק פאַרן דאַמאָלסטיקן פּרעסע געזעץ, האָט געשריבן דער דערמאָנטער דירעקטאָר־אייגנטימער, מאַטאָס.

אין אייניקע נומערן פון די צייט איז געפירט געוואָרן אַ דיסקוסיע וועגן דער עקזיסטענץ און נויטווענדיקייט פון אַ יידישער ליטעראַטור אין בראַ־זיל. דער שרייבער פון די שורות, וועמען די רעדאַקציע האָט איינגעלאַדן אָנטיילצונעמען אין דער דיסקוסיע, האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער נויט־ווענדיקייט פריער אויסצובילדן אַ יידישן לייענער, איבערהויפּט פון צווישן דער יידישער יוגנט און אינטעליגענץ און דערצו זאָרגן עס זאָלן דערשיי־נען און ווי געהעריק פאַרשפּרייט ווערן ערנסטע יידישע ביכער. די אַנדערע אָנטיילנעמער אין דער דיסקוסיע — מייסטן פאַרטיי חברים — זיינען באַשטאַנען אויף דעם, אַז עס דאַרפן אַרויסגעגעבן ווערן בלויז די ווערק פון די, וועלכע שילדערן די העראָישע מעשים פון דער פּראָגרעסיווער יידישער געזעלשאַפט אין בראַזיל, — בדרך כלל איז די מיינונג פון אַט די פּאַרטיי חברים געווען אַ פּאַראַפראַזע פון דער אָנגענומענער מיינונג פון די ק., אַז די ליטעראַטור דאַרף דינען דעם קלאַס, אין דעם פאַל — זייער פּאַרטיי. אויף קיין צו הויכן ניוואָ איז די דיסקוסיע ניט געשטאַנען און האָט אַוודאי ניט געפירט צו קיין שום פּראַקטישע רעזולטאַטן.

אין די צייט האָבן זיך געדרוקט, אויסער באַקאַנטע יידישע לינקע שרייבער פון די פּאַריניקטע שטאַטן און אַנדערע וועלט טיילן, מענדל נייגרעשל, וועלכער האָט דאַן געוווינט אין בראַזיל; ראָזאַ שאַפּראַן־פּאַלאַטניק, וועלכע שרייבט דערציילונגען פון יידישן לעבן אין בראַזיל און עס האָט דאָרט דעביוטירט מיט לידער יוסף סאַנדאַטש, אַ יונגערמאַן וואָס איז דאַמאָלסט אַריבער צו די לינקע און די איינציקע באַרעכטיקונג צו דרוקן זיינע ניט איבעריק געלונגענע לידער, איז געווען דאָס וואָס זיי זיינען געווען אין גייסט פון דער פּאַרטיי ליניע.

די צייט איז דערשינען, מיט קליינע אויסנאַמען, יעדן חודש. דער לעצטער נומער איז דערשינען סוף אַפּריל 1941, און איז געווען די לעצטע יידישע צייטשריפט, וועלכע האָט אויפגעהערט דערשיינען אין ס. פּ. צוליבן פאַרבאָט אויף פרעמדשפּראַכיקע אויסגאַבן. פון די צייט זיינען דערשינען אין משך פון איר עקזיסטענץ 12 נומערן.

# לעבעדיקע צייטונג

עס איז דאָס יאָר 1942. די ידיעות פון דער גאָרער וועלט דערגרייכן צו די בראַזיליאַנער יידן זייער ניט קלאָר, אָבער אויך די ניט זייער קלאָרע ידיעות זיינען פול מיט שרעק פאַרן גורל פון די יידישע ישובים אין איי־ראָפּע; אין לאַנד גופא זיינען די פראָ־נאַצישע שטימונגען גענוג שטאַרק זיי זאָלן ניט לאָזן רוען און מען זאָל זיך ריכטן אויף שרעקלעכע געשעענישן; אַלס קלימאַקס צו די שטימונגען קומט דאַמאָלסט אַרויס דער דיקטאַטאָר וואַרגאַס מיט זיין טרויעריק באַרימטער רעדע וועגן די מענטשן אָן אַ פאָ־טערלאַנד, וועלכע פאַרפּלייצן בראַזיל און די צייטונגען, וועלכע זיינען אַלע אונטער דער צענזור פון דער רעגירונגס־אָפּטיילונג דיפּ (אַמט פאַר פּרעסע און פּראָפּאַגאַנדע) צעזינגען זיך אויף פאַרשיידענע אָקטאַוועס וועגן די פאַטערלאַנדלאָזע; קיין יידישע צייטונגען און ביכער ווערן ניט אַריינגעלאָזן און אַפילו סידורים ווערן דורך דער צענזור צעריסן און אַרויסגעוואָרפן;

אַלע שפּירן, אַז דער מינדסטער פּראָוואָקאַטאָרישער פונק קען זיך פאַר־וואַנדלען אין אַ שריפה, וואָס וואָלט אין שעהן חרוב געמאַכט דעם יידישן ישוב און קיין שום אויסוועג זעט זיך נישט. קיינער ווייסט ניט וואָס צו טראַכטן און וואָס אונטערצונעמען כדי פאַרמיידן אַט די כמעט אומפאַר־מיידלעכע שריפה און חורבן. דאַן באַשליסט דער פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין ס. פּ. איינצואָרדנען אַ יידישע צייטונג אין לעבעדיקן וואָרט און אַלס רעדאַקטאָר פון אַט דער לעבעדיקער צייטונג ווערט איינגעלאַדן דער שרייבער פון די שורות.

אין גאַס פלעגט מען אַרעסטירן פאַר רעדן יידיש, אויך די עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען פלעגן ווערן קאָנטראָלירט דורך דער געהיים פּאָליציי, נאָר פייערונגען און באַנקעטן פלעגן דערלויבט ווערן דורכצופירן אומגעשטערט. מיר באַשליסן אויסנוצן די איינציקע געלעגנהייט און מיר אָרדנען איין ביי געדעקטע טישן די לעבעדיקע צייטונג, צו וועלכער עס פאַרזאַמלט זיך דער גרעסטער רוב פון דער יידישער אינטעליגענץ און שרייבער וועלט, וועל־כע האָט דאַן געלעבט אין ס. פּ.

די לעבעדיקע צייטונג פלעגט זיך אָנהייבן מיטן פאַרטראָגן אַ קאַפּיטל תנך, וואָס עס האָט אויף אַ זייער צוגעפּאַסטן שטייגער געלייענט די יונגע אַרטיסטין מאַקסימאָווא. מייסטן איז דאָס קאַפּיטל תנ״ך געווען צוגעפּאַסט צום געמיט פון די פאַרזאַמלטע, וועלכע האָבן זיך געשפּירט ווי זיי וואָלטן געווען מאַראַנען, וואָס פאַרזאַמלען זיך אין געהיים אָפּצוריכטן תּפילות. קינדער פון די יידישע שולן פלעגן דעקלאַמירן און פאַרלייענען, עס פלעגן פאַרגעלייענט ווערן קורצע ידיעות פון די געשעענישן אין דער גאָרער וועלט, אַרויסגענומען פון די געציילטע צייטונגען, וועלכע פלעגן אויף וועלכן עס איז אופן זיך דורכרייסן די שטרענגע צענזור; דערציילער פלעגן פאַרלייענען זייערע דערציילונגען; מען פלעגט לייענען פעליעטאָנען און אַרטיקלען, וועלכע זיינען קיינמאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, ווייל מען האָט זיי פשוט ניט געקאָנט אַרויסשיקן פון לאַנד און צום סוף פלעגט מען אין אַ געמאַכטער פריילעכקייט, וועלכע איז געווען געלאָדן מיט טרויער און שרעק, זינגען יידישע לידער. אין דער לעבעדיקער צייטונג האָבן זיך באַטייליקט, אויסער דער שרייבער פון די שורות, דער פעליעטאָניסט יוסף

שוחט, דער דערציילער יעקב גאָוועריץ, אַרטור ווײַנער און אַנדערע. אַט די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען־פּרייטיקצונאַכטסן האָבן אַלע מאָל מער צוגעצויגן אַ פאַרשיידנאַרטיקן און געקליבענעם עולם און זײַנען געווען דער איינציקער קוואַל, פונוואַנען יידן האָבן געשעפּט ידיעות וועגן דעם וואָס קומט פאָר אין דער גאָרער וועלט.

די פּרייטיק צונאַכטסן האָבן זיך געצויגן אין משך פון גאַנצן ווינטער סעזאָן און האָבן אויפגעהערט צוליב רייסערייען, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען אין פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן, וועלכער האָט זיך נאָכהער טאַקע גע־שפּאָלטן און עס זײַנען געשאַפן געוואָרן צוויי פאַרבאַנדן.

די לעבעדיקע צייטונג איז געווען דער לעצטער פּרוּוו פון יידישן ס. פּ. צו דערוויסן זיך עפּעס וועגן דער יידישער לאַגע אין דער וועלט און איז אָן כּפק געווען דער שענסטער אויסדרוק פון קולטורעלן טייל פון יידישן ישוב אין ס. פּ. ניט צו לאָזן זיך אָפּרייסן פון יידישן פאָלק און פון דעם אַלעמען, וואָס קומט פאָר אין דער יידישער וועלט.

נומער 3 O MUNDO SIONISTA צווייטער יאהרגאנג

BOLETIM DA FEDERAÇÃO SIONISTA DO BRASIL

# די ציוניסטישע וועלט

ביולעטין
פון דער ציוניסטישער פעדעראציע
אין בראזיל

רעדאגירט פון צ. ליינמאן און ד״ר מ. פרידמאן

די ציוניסטישע פעדעראַציע אין בראַזיל האָט נאָך פונקציאָנירט אין ריאָ, נאָר שוין אָן דעם אַמאָליקן גלאַנץ. די פ. צ. האָט שוין פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט פאַררעכנט ווערן פאַר אַן אָפּיציאָז פון דער ציונ. פעדעראַציע, צו דער זעלבער צייט זיינען די צענטראַלעס פון די פאָנדן איינגעאָרדנט געוואָרן אויטאָנאָם און אין דער אַרבעט האָבן זיך באַטייליקט אַלע פאַר־טייען אין ציוניזם, האָט די ציונ. פעדעראַציע פאַקטיש ניט געהאַט וואָס צו טאָן און דערמיט וואָס די סאַמע וויכטיקסטע פירער זיינען געשטאַנען אָן אַ זייט פון דער גאַנצער אַרבעט, האָט זיך די פעדעראַציע פאַקטיש אויסגע־לייזדיקט פון איר תוכן און האָט פאַר קיין פאַל ניט געהאַט קיין באַרעכטי־קונג זיך צו רופן פעדעראַציע, ווייל זי איז ניט געווען פעדערירט מיט קיי־נעם. צו דעם אַלעמען איז צוגעקומען דער פאַקט, וואָס פון איין זייט איז אויסגעוואַקסן דער אַרבעטער ציוניזם אין די ליגעס פאַרן אַרבעטנדן א״י

און פון דער צווייטער זייט איז אויך געוואַקסן און געוואָרן גענוג אַגרעסיוו דער רעוויזיאָניזם אויף דער יידישער גאַס און דער אַלגעמיינער ציוניזם האָט פּאַקטיש ניט געהאַט קיין גענוג קלאָרע ליניע ווי צו האַנדלען אין דעם געראַנגל, וואָס איז צו יענער צייט פאָרגעקומען אין דער ציונ. באַוועגונג אין דער וועלט און אויך אין בראַזיל.

די ציוניסטישע וועלט האָט געזאָלט זיין, אַזוי צו זאָגן, דער אָרגאַן, ווו עס זאָלן אויסגעדראַשן ווערן די אַלע מיינונגס פאַרשיידנהייטן אין ציוניזם און שאַפן אַ מין צענטראַלע ליניע אין דער ציוניסטישער טעטיקייט אין ישוב, נאָר עס איז אויסער יעדן ספק, אַז אָט דער פּלאַן צוליב וועלכן די ציוניסטישע וועלט איז געשאַפן געוואָרן, האָט ניט געבראַכט קיין געהעריקע רעזולטאַטן.

די ציוניסטישע וועלט איז דערשינען אַלס חודש שריפט און האָט געזאָלט זיין דער ביולעטין פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין בראַזיל, נאָר אויף וויפל אונדז איז באַוווּסט האָט ער ניט געצילט צו זיין בלויז אַ ביולעטין, נאָר האָט געזאָלט ווערן דער צענטראַלער אָרגאַן פון אַלע ציונ. ריכטונגען, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט אין די פאָנדן, נאָר די מיינונגס-פאַרשיידנהייט אין די רייען פון די אַלגעמיינע ציונים איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס האָט פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אַן איינ-הייטלעכער ליניע ביי זיי גופא, אַ פשיטא ביי די אַנדערע ריכטונגען אין ציוניזם, אַזויערנאָך איז דער ביולעטין, קעגן ווילן פון זיינע איניציאַטאָרן, געוואָרן דער פאַרנאַטירער — אַפילו ניט דער סטימולירער אָדער אָנרע-גער — פון דער פּראַקטישער טעטיקייט פון די ציונ. פאָנדן אין בראַזיל.

די ציונ. וועלט האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין אויגוסט, 1935, אין ריאָ (אב, תרצ"ה). רעדאַקטאָרן פון ביולעטין זיינען געווען צ. ליינמאַן און דר. משה פרידמאַן. ווי מיר האָבן שוין פריער זיך באַמיט צו דערווייזן, האָט דער ביולעטין ניט געקאָנט דערגרייכן זיין ציל און אין דעצעמבער פון זעלבן יאָר איז דער ביולעטין געשלאָסן געוואָרן. עס האָט פשוט ניט פאַר-אינטערעסירט קיינעם די עקזיסטענץ פון אַזאַ מין אויסגאַבע, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אויסגעשפּראָכענע ליניע און האָט געוואָלט פאַררייניקן דאָס וואָס עס איז געווען אוממעגלעך צו פאַרייניקן. פון דער צווייטער זייט האָט

דער אַלגעמיינער ציוניזם ניט געהאַט קיין שום שטאַנדהאַפטיקייט צווישן די צוויי זיך באַקעמפנדיקע ציוניסטישע ריכטונגען — פועלי ציון און רע־וויזיאָניסטן.

פארטא אלעגרעער

# אידישע פרעסע

נאציאנאל אומפארטייאישער וואכנבלאט פון ריא גראנדע דא סול

40 נומער — Gazeta Israelita Portoalegrense — II.

עס האָט צו יענער צייט, אַרום 1934—1935, געלעבט אין פּאָרטאָ אַלעגרע, די הויפּט שטאָט פון דער ריאָ גראַנדע פּראָווינץ, אַ ייִדישער דרוקער, ל. זיבענבערג, וועלכער איז געווען אַ שוואָגער פון אַרויסגעבער פון דער סאַן פּאַולער אידישע צייטונג. האָט ער זיך הפּנים מתקנא געווען אין זיין שוואָגערס דערפאָלג אויפן געביט פון צייטונגס וועזן און האָט אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט אונטערן דערמאָנטן נאָמען.

אין קאָפּ פון דער צייטונג לייענען מיר: נאַציאָנאַל אומפּאַרטייאיש וואָכנבלאַט פון ריאָ גראַנדע דאָ סול (דער פולער נאָמען פון דער פּראָווינץ, וועמענס הויפּט שטאָט עס איז פּאָרטאָ אַלעגרע), דערשיינט יעדן פרייטיק, אַרויסגעגעבן דורך אַ רעדאַקציע קאָלעגיום, אייגנטימער: ל. זיבענבערג.

דעם לעצטן נומער (נומער 40) האָבן מיר באַקומען ביי דעם לערער זוים ציטמאַן, וועלכער איז געווען לערער אין פּ.אַ. און שפּעטער אַריבער־

געפֿאָרן אַרבעטן אין ס.פּ. דער דערמאָנטער נומער האָט ניט קיין דאַטע און פֿון דערמאָנטן צ. האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז פּאַקטיש האָט ער אַליין רעדאַגירט די צייטונג, ווייל ז. האָט די צייטונג נאָר געדרוקט און געפֿירט די געשעפֿטלעכע זייט פֿון דער אַדמיניסטראַציע, בעת דאָס גאַנצע רעדאַקציע קאָלעגיום איז באַשטאַנען פֿון אים אַליין און דעריבער ווען ער איז אַריבערגעפֿאָרן קיין ס. פּ. האָט זיך די צייטונג פֿאַרמאַכט.

אורטיילנדיק פֿון דעם לעצטן נומער, איז די פּ. אַ. איד. פּרעסע דערשינען אין משך פֿון 10 חדשים און לויטן באַריכט פֿון יובילעאום פֿון פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע יידן, וואָס איז געדרוקט אין דערמאָנטן נומער, איז זיך משער צו זיין, אַז דער דאָזיקער נומער איז דערשינען אַרום די ערשטע וואָך פֿון יולי 1935, און לויטן זעלבן חשבון זאָל די צייטונג האָבן דערשינען פֿון סעפּטעמבער 1934, אין משך פֿון 40 וואָכן.

די פּ. אַ. איד. פּרעסע איז געווען פֿון קליינעם צייטונגס פֿאָרמאַט, געדרוקט אין 8 זייטן און אַנטהאַלט מייסטן ידיעות און נאָטיצן פֿון די יידישע ישובים אין דער פּראָווינץ, אויך די אַרטיקלען — איינגעשלאָסן דאָס לייט אַרטיקל — איז מייסטן געווען געווידמעט לאָקאַלע ענינים. די צייטונג איז דער איינציקער פּרווו אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג אויף דער פּראָווינץ, כאָטש אויך אין די גרעסערע שטעט פֿון די צפֿון פּראָווינצן אין לאַנד וווינען גענוג יידן, איז אָבער דאָרט קיינמאָל ניט געמאַכט געוואָרן קיין פּאַרזוך אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג.

# איינמאַליקע אויסגאַבעס

איינמאַליקע אויסגאַבעס זיינען דערשינען אַלס יובילעאום אויסגאַבעס פון אינסטיטוציעס, ווו די פירער פון די אינסטיטוציעס האָבן דערציילט וועגן די דערגרייכונגען פון די אינסטיטוציעס און אין דער זעלבער צייט זיינען אין זעלבן העפט געווען געדרוקט געשעפטס אַנאָנסן, וועלכע האָבן אַריינגעבראַכט אַ געוויסע סומע. מען האָט אויף דעם שטייגער פאַרייניקט דאָס נוצלעכע מיטן באַקוועמען, אי די אינסטיטוציע האָט זיך דורך דעם באַקאַנט געמאַכט מיט איר אָפּגעטוענער אַרבעט, אין משך פון דעם פעריאָד פון וועלכן דער יובילעאום איז געפייערט געוואָרן, און עס איז אויך אַריינגעקומען אַ געוויסע סומע, אין וועלכער די קאַסע פון דער אינסטיטוציע האָט זיך אָן ספק גענויטיקט. דאָס איז אויך געווען אַ סטימול און אַ באַפרידיקונג פאַר די טוער, וועלכע זיינען געווען צופרידן צו זען זיך געדרוקט אין דער יובילעאום אויסגאַבע.

אין דער אָפּטיילונג וועלן מיר רעגיסטרירן אייניקע אַזעלכע אויסגאַבן פון שולן, וועלכע האָבן אָפּגעשלאָסן פאַרשיידענע דאַטעס פון עקזיסטענץ, אַנדערע יובילעאום אויסגאַבעס זיינען אויך געווען פון ציוניסטישע און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן פאַרשטענדלעך אויסגענוצט אַט אַזאַ יובילעאום אויסגאַבע צו קומען אין דער עפנטלעכקייט מיט זייערע אידייען, פאַר וועלכע זיי האָבן ערגעץ אַנדערש ניט געהאַט קיין צו פיל מעגלעכ־קייט צו קומען אין דער עפנטלעכקייט. זיי האָבן דעריבער אויסגענוצט די געלעגנהייט צו געבן אין אַ העפט אַ ריי אַרטיקלען וועגן זייער אָפּגע־טאָענער אַרבעט און וועגן זייערע פּלענער פאַר דער צוקונפט.

# אונזער וואָרט

## ביולעטין צום 17-טן ציוניסטישן קאָנגרעס

אונזער וואָרט איז געווען אַ ספּעציעלע איינמאָליקע אויסגאַבע פון בלאָק פאַרן אַרבעטנדן ארץ ישראל אין שייכות מיטן וואַל קאַמפּיין צום 17טן ציוניסטישן קאָנגרעס. דער קאַמף אַרום דער קאַנדידאַטור פון דר. א. ש. יורים, וועלכער איז געווען דער קאַנדידאַט פון אַרבעטנדן ארץ ישראל און זיין קעגנער מנשה האַלפּערן, וועלכער איז געווען דער קאַנדידאַט פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, איז דאַמאָלסט געווען זייער אַ פאַרביטערטער און אין צוגאָב צו דער גאַנצער אַקטיווער וואַל פּראָפּאַגאַנדע איז אויך דערשינען אָט די ספּעציעלע אויסגאַבע, וועלכע האָט איבערגעגעבן די וואַל פּלאַטפאָרם פון בלאָק פאַרן אַרבעטנדן ארץ ישראל און עס איז אויך געווען געדרוקט אַ באַווּסטע עסיי פון דר. יורים א. נ. די וואָס בויען הייזער וווינען ניט אין זיי, וועלכע האָט געשילדערט דאָס לעבן פון די יידישע אַרבעטער אין א״י און האָט פאַקטיש מער ווי וועלכע עס איז אַנדערע פּראָפּאַגאַנדע געווירקט אויפן באַוווסטזיניקן ציוניסטישן ווילער צו שטימען פאַרן קאַנדידאַט פון בלאָק.

אונזער וואָרט איז געווען פון געוויינלעכן ציטונגס פאָרמאַט אין 4 זייטן, איז דערשינען אין מאַי 1931, אונטער דער רעדאַקציע פון מ. שטאַלמאַן און דעם שרייבער פון די שורות.


דאָס יידישע וואָרט
ספּעציעלע
אויסגאַבע
צום 10 יאָריקן יובל פֿון דער העברעיש־יידיש־בראַזיליאַנער פאָלקס שול
רעדאַק. - אַרויסגעבער
יובל קאָמיסיאָן
פּ. אַלעגרע, אויגוסט 23 1931
אַגב אורחא נומער פּרווו פאַר
א ייד. צייטונג אין פּ. אַלעגרע

דאָס יידישע וואָרט איז דערשינען צום 19יעריקן יובל פון דער העב־רעיש־יידיש־בראַזיליאַנער פאָלקס שול אין פּאָרטאָ אַלעגרע דעם 23סטן אויגוסט 1931. אין קאָפּ פון דער אויסגאַבע ווערט געזאָגט, אַז די אויסגאַבע איז אַן אגב אורחא נומער, פּרווו פאַר אַ יידישער צייטונג אין פּאָרטאָ אַלע־גרע, אַלס רעדאַקטאָרן־אַרויסגעבער — יובל קאָמיסיאָן.

ווי עס איז צו זען פון דער אָנמערקונג אין קאָפּ איז שוין דאַן געווען אַ ווילן ביי די יידישע טוער אין פּ. אַ. אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטונג, נאָר דער געדאַנק ווערט ערשט פאַרווירקלעכט אין 1934, ווי מיר האָבן עס באַוויזן אין פריערדיקן קאַפּיטל, ווו מיר האָבן גערעדט וועגן דער פּ. א. איד. פרעסע.

דאָס יידישע וואָרט איז דערשינען אין קליינעם צייטונגס פאָרמאַט אין 4 זייטן און אַנטהאַלט אַרטיקלען וועגן פאַרשיידענע פאַזן פון דער שול אַקטיוויטעט אין דער לעצטער צייט. וואָס שייך די אַקטיוויטעטן פון דער שול פאַר די פריערדיקע יאָרן איז כמעט ווי גאָרניט דערמאָנט געוואָרן, אפשר צוליב דעם וואָס דאָס וואָלט דערפירט צו די יאָרן פון די קאַמפן אַרום דער שול, אָדער גאָר צוליב דעם וואָס פון די אַמאָליקע טוער זיינען ניט פיל געבליבן ביי דער שול אַרבעט צו דער צייט פון יובל.

| | | |
|---|---|---|
| אַרויסגעגעבן פון דער<br>יידיש־וועלטלעכער שול<br>י. ל. פרץ אין סאַנטאָס | די<br>יידיש-וועלטלעכע<br>שול<br><br>יובילעום אויסגאבע | צום צווייטן<br>יובל פון<br>דער שול |

סאַנטאָס, (בראַזיל) דעצעמבער, 1932 — Santos, Dezembro, 1932

די יידיש וועלטלעכע שול איז אַ העפט פון 36 זייטן מאַגאַזין פאָרמאַט, אַרויסגעגעבן צום צווייטן יאָרטאָג פון דער גרינדונג פון דער יידיש וועלטלעכער שול א. ג. י. ל. פּרץ אין סאַנטאָס, דעצעמבער 1932.

דער דאָזיקער העפט גיט איבער וועגן די קאַמפן פון דער שול מיט די קעגנער פון יידיש־וועלטלעכער דערציאונג אין שטאָט, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן און געגרינדעט אַן אייגענע העברעישע שול מיט דער הילף פון דער איק״א; עס ווערט פּראָטאָקאָלאַריש איבערגעגעבן אַ שמועס מיטן איק״א פאָרשטייער ר. וועגן זיין באַציאונג צו יידיש־וועלטלעכער דערציאונג; עס זיינען פאַראַנען אַרטיקלען פון שול טוער אויסער ס., וואָס דאָס באַווייזט, אַז עס זיינען געווען פריינד פון יידיש וועלטלעכער דערציאונג אויך אין אַנדערע יידישע ישובים איבערן לאַנד און האָבן זיך געשפּירט פאַרבונדן מיט די פריידן און ליידן פון יעדער שול פון דעם טיפּ

אין יעדן פּלאַץ, ווו אַזאַ שול האָט עקזיסטירט; עס איז ספּעציעל אָפּגעגעבן אַ גרויס פּלאַץ פאַר קאָמפּאָזיציעס פון די שילער אין פּראָזע און אין פּערזן, וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס אויפזען אין די קרייזן פון פריינד פון יידיש וועלטלעכן שול וועזן און אין דער פריינדלעכער פּרעסע, אַזוי האָט יעקב באַטאָשאַנסקי אין דער בוענאָס איירעסער פּרעסע געווידמעט דעם העפט אַ זייער וואַרעמע רעצענזיע.

קיין נאָמען פון קיין רעדאַקטאָר איז אויפן העפט ניט אָנגעגעבן, נאָר יעדעס אַרטיקל האָט דעם נאָמען פון מחבר, וואָס קען פירן צום געדאַנק, אַז יעדער האָט געהאַט גוט אָנגעשריבן זיין מאמר, אַז עס איז ניט נויטיק געווען קיין רעדאַקטאָר, נאָר גראָד דאָס וואָס אַלע אַרטיקלען זיינען זייער נעט אויפגעשריבן באַוויזט, אַז אַ געניטע האַנט האָט זיי צוגעגרייט צום דרוק.

אַ ספּעציעל אויפזען אין דעם העפט איז אַ נעקראָלאָג זייטל צום טויט פון שילער שלמה קופּערמאַן, וועלכער איז פּונקט דאַמאָלסט אומגעקומען אויף איינער פון די סאַנטאָסער גאַסן. אין נעקראָלאָג זייטל גייען אַריין די שריפטלעכע אַרבעטן פון אומגעקומענעם שילער, וואָס מאַכן אַ רושם.

די יידיש־וועלטלעכע שול פון דער י. ל. פּרץ שול אין סאַנטאָס איז אַ צושטייער צו דער געשיכטע פון דער יידיש וועלטלעכער שול באַוועגונג אין בראַזיל.

# אונדזער שול

גערעזעלשאפטלעך-דערציערישע אויסגאבע, געווידמעט די אינטערעסן פון יידיש-וועלטלעכן שול-וועזן אין בראזיל.

ארויסגעבער:
יידיש - וועלטלעכע שול
א. נ. „שלום עליכם"
אין סאן פאולא

אדרעס: Rua Ribeiro de Lima, 73

רעדאקציאנס קאלעגיום:

א. אייזנגארט, פארוואלטער פון דער ש״ע שול אין ס. פאולא.

ש. גרין, פארזיצער פון דער ש״ע שול אין ס. פאולא.

כ. בערנשטיין, פארוואלטער פון דער י. ל. פרץ שול אין סאנטאס.

אונדזער שול איז אַ העפט פון 24 זייטן מאַגאַזין־פאָרמאַט, אַרויס־געגעבן אין יוני, 1934 דורך דער יידיש וועלטלעכער שול שלום עליכם אין סאַן פּאַולאָ, מיט אַרטיקלען וועגן יידיש וועלטלעכע שולן אין אַ ריי יידישע ישובים איבערן לאַנד און קאָמפּאָזיציעס פון שילער פון דער שול. אַלס מיטגלידער אין דער רעדאַקציע קאָלעגיע זיינען אָנגעגעבן: א. אייזנגאַרט, פאַרוואַלטער (לערער) פון דער ש. ע. שול אין ס. פּ., ש. גרין, פאַרזיצער פון דער זעלבער שול און כאַצקל בערנשטיין, פאַרוואַלטער (לערער) פון דער י. ל. פּרץ שול אין סאַנטאָס. אין קאָפּ לייענען מיר אויך: געזעלשאַפט־לעך־דערציערישע אויסגאַבע, געווידמעט די אינטערעסן פון יידיש־וועלט־לעכן שול־וועזן אין בראַזיל, ערשטער העפט.

כאָטש דער העפט איז באַצייכנט אַלס ערשטער און קען פירן אויפן געדאַנק, אַז דאָס האָט געזאָלט זיין אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע געווידמעט די אינטערעסן פון יידיש וועלטלעכן שול וועזן אין בראַזיל, איז אָבער מער קיין העפט פון דעם מין ניט דערשינען און די שול האָט זיך ניט לאַנג נאָכן דערשיינען פון העפט, געשלאָסן צוליבן פעלן פון געלט מיטלען.

# אונדזער יובל

**פעדאגאגיש-געזעלשאפטלעכע אויסגאבע געווידמעט דעם 10-יעריקן יובילײ פון דער שול „י. דינעזאן" אין באהיא.**

אונדזער יובל איז אַ העפט פון 24 זייטן מאַגאַזין פאָרמאַט, אַרויסגעגעבן דורך דער יידיש וועלטלעכער שול א. נ. י. דינעזאָן אין באהיא. ווייל אין ב. איז ניטאָ קיין יידישע דרוקעריי, איז דער העפט דערשינען אין ס. פּ. מיט דער מיטהילף פון לערער פון דער ש. ע. שול, אייזנגאַרט. אין קאָפּ לייענט זיך: פעדאַגאָגיש געזעלשאַפטלעכע אויסגאַבע, געווידמעט דעם 10־יעריקן יובילײ פון דער שול י. דינעזאָן אין באהיא. אין רעדאַקציע קאָלעגיע גייען אַריין: צ. יוכט, פאַרוואַלטער (לערער) פון דער שול, י. רויזן און מ. קערצמאַן, וואַרשיינלעך שול־טוער פון דער דערמאָנטער שול.

אין העפט זיינען פאַראַנען אַרטיקלען וועגן דער געשיכטע פון דער שול, אַרבעטן פון שילער און געוועזענע שילער פון דער שול, אויף זייט 4 איז אָפּגעדרוקט אַ שול הימן א. נ. פריידיק איז אונדזער לעבן, ווערטער און מוזיק פון לערער צ. יוכט, געווידמעט דעם 10־יאָריקן יובילײ פון דער דינעזאָן שול אין באַהיאַ און צום סוף פון העפט איז פאַראַנען אַ גרעסער אַרטיקל פון בראַזיליאַנער פראָפעסאָר טיביריסאַ וועגן אידעאַל פון דערציאונג (אין פאָרטוגעזיש), וועלכער האָט וואַרשיינלעך אונטעררעכט די פאָרטוגעזישע לימודים אין דער דערמאָנטער שול.

# אנדערע איינמאליקע אויסגאבעס

התחיה איז אַ העפט אַרויסגעגעבן פון דער ציוניסטישער יוגנט אָרגאַניזאַציע אונטערן זעלבן נאָמען אין ריאָ. דער העפט איז אַרויסגעגעבן אין שייכות מיט זייערס אַ יובליי־דאַטע אין דעצעמבער 1930.

---

ציוניסטישע טריבונע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין בראַזיל אין 1936, וואַרשיינלעך אַלס פּרווו צו באַנייען דאָס אַרויסגעבן די אויסגאַבע פון די אַלגעמיינע ציונים. אין קאָפּ איז אָנגעגעבן, אַז דאָס גיט דעם העפט אַרויס אַ יוגנט־גרופּע, וואָס דאָס האָט אפשר געזאָלט באַווייזן, אַז דער ציוניזם האָט אַן אייגענע יוגנט גרופּע אין קעגנזאַץ צו דער יוגנט אָרגאַניזאַציע התחיה, וועלכע איז געשטאַנען אין זייער נאָענטער שייכות מיט די פּועלי ציון און דער ליגע פאַרן אַרבעטנדן אַרץ ישראל.

---

יונג בראַזיל איז אַן אויסגאַבע פון פאַרבאַנד פון פּוילישע אידן אין ריאָ, אַרויסגעגעבן צו זייער 10 יעריקן יובילעאום אין 1936.

מכבי איז אַ העפט, אַרויסגעגעבן דורכן ספּאָרט־קלוב מיטן זעלבן נאָמען אין ס. פּ. צו זיין 15 יאָריקן יובל אין 1936.

וועגן די לעצט דערמאָנטע איינמאַליקע יובל אויסגאַבעס גיבן מיר ניט קיין מערערע איינצלהייטן, ווייל לײדער איז אונדז ניט געלונגען צו קריגן נומערן פון די אויסגאַבן און מיר פאַרצייכענען דאָ בלויז דאָס וואָס עס איז געלונגען צו דערוויסן זיך פון די טוער פון די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס און מיר גיבן דעריבער די אַלע דאַטן אויפן אחריות פון די דערמאָנטע טוער.

# יידישע אויסגאבן אין פארטוגעזיש

אין בראַזיל, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער פון דרום און צענטראַל אַמעריקע, זיינען פאַראַנען גרעסערע גרופן ספרדישע יידן, וועלכע לעבן זיך אויס אין דער לאַנד שפּראַך. אויסער דעם איז דער רוב יידישע אינטעליגענץ און שטודירנדיקע יוגנט דערצויגן אויף דער לאַנד שפּראַך, וואָס איז אויך זייער אומגאַנגס שפּראַך און דאָך זיינען אַלע פאַרזוכן אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטשריפט אין פאָרטוגעזיש געווען אַ דורכפאַל. עס נעמט זיך זיכער דערפון וואָס אויסער דעם וואָס זיי באַנוצן די לאַנד שפּראַך זיינען זיי אויך דערמיט אויסן צו דערווייטערן זיך אויף ווי ווייט מעגלעך פון יידישן לעבן בכלל און זייער אינטערעס צו יידישע פּראָבלעמען איז אַ מינימאַלער, אַזוי אַז די אַלע פרווון אַרויסצוגעבן יידיש פאָרטוגעזישע אויסגאַבן האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ וואַנט פון גלייכגילטיקייט מצד אָט דעם עלעמענט, וואָס באַשטייט פון פּראָפעסיאָנאַלן, אינטעליגענץ און שטו־

דירנדיקע יוגנט, אין דער הינזיכט איז ניט פאַראַנען קיין אונטערשייד צווישן ספרדישע און אַשכנזישע יידן. פאַרקערט, בעת די ספרדיש יידישע יונגעלייט זיינען אין אַ געוויסער מאָס רעליגיעז און באַציען זיך צו יידיש־קייט ווי צו אַ רעליגיעזן ענין, זיינען די אַשכנזיש געבוירענע יונגט אינגאַנצן ווייט פון יידישקייט, סיי פון רעליגיעזער, סיי פון וועלטלעכער יידישקייט, פון וועלכער זיי פרווון זיך דערווייטערן מיט אַלע כוחות. ווי עס זאָל ניט זיין, זיינען יידיש־פּאָרטוגעזישע אויסגאַבן געווען אַ דורכפאַל.

נאָך אַן אינטערעסאַנטער פרט איז כדאַי צו באַמערקן אין שייכות מיטן מיסדערפאָלג פון יידישע אויסגאַבן אין פּאָרטוגעזיש, דאָס איז די נעגאַטיווע באַציאונג פון דער יידישער און ניט יידישער קאָמערץ צו אַזעלכע אויסגאַבן און דאָס איז אין די מערסטע פאַלן געווען דער הויפט מאָטיוו פון דערמאָנטן מיסדערפאָלג פון די יידיש־פּאָרטוגעזישע אויסגאַבן. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען פון אונדזער אַרבעט, האָבן זיך כמעט אַלע צייטשריפטן און צייטונגען באַזירט אויף דעם וואָס די קאָמערץ און אינדוסטריע האָט זיי געגעבן געשעפטס אַנאָנסן, וואָס דאָס איז געווען איינע פון די הויפט באַזעס פון זייער עקזיסטענץ. אין פאַל מיט די פּאָרטוגעזיש־יידישע אויסגאַבן איז געשען אַזוי, אַז די יידישע קאָמערץ און אינדוסטריע האָט ניט געלייגט קיין צופיל האָפענונג אויף אַזעלכע אויסגאַבן, אַז זייערע אַנאָנסן זאָלן גרייכן דעם יידישן הענדלער און קלייענטעלטשיק, וועלכער האָט אין גרעסטן רוב טאָקע ניט געלייענט קיין פּאָרטוגעזיש און די ניט יידישע קאָמערץ און אינדוסטריע ווידער, האָט געגלויבט, אַז מיט אַ צייטונג אין יידיש, וועלכע זיי קענען ניט לייענען, דערגרייכן זיי בעסער און עפעקטיווער דעם צוטרוי פון יידישן לייענער, ווען זיי וועלן אַרויס אַזויערנאָך אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט מיטן גיבן זייערע געשעפטס אַנאָנסן אין אַ יידישער צייטונג.

דער איינציקער הויפט מקור אויף צו קענען אָנהאַלטן דאָס אַרויסגעבן אַזעלכע אויסגאַבן האָט דעריבער געמוזט זיין דער אַבאָנאַמענט פון פאַר־אינטערעסירטן לייענער, איז ווידער פאַרן אינטעליגענטן לייענער פון פּאָרטוגעזיש, די אויסגאַבע, אין מייסטע פאַלן, געווען ניט אינטערעסאַנט צוליב דעם וואָס עס איז ניט געווען מעגלעך קיין שום אויסגאבע פון דעם

טיף צוצופּאַסן צו אַלע טיפּן לייענער. דער הויפּט חסרון פון אָט די אויסגאַבן איז טאַקע געווען וואָס אָדער זיי זיינען געווען צו אַפּאָלאָגעטיש בנוגע יידן, אָדער זיי זיינען געווען צו עלעמענטאַר אין זין פון פּאָפּולאַריזירן יידישע פּראָבלעמען פאַר די לייענער און אויך אין דעם פאַל האָט זיך די אויסגאַבע ניט צוגעפּאַסט צו אַלע טיפּן לייענער.

עס דאַרף אָבער אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז פּאַקטיש איז געווען זייער אַ קליינער אינטערעס צו יידישע פּראָבלעמען צווישן דער שטודירנדיקער יוגנט און פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ און דאָס איז געווען די הויפּט סיבה פון דערמאָנטן מיסדערפאָלג.

Publica-se á primeira sexta-feira de cada mez

Redacção e administração — Rua Major Fonseca n. 51 — S. Christovam

Agente Geral no Rio de Janeiro — David Hassan — Avenida Rio Branco n. 94 (Charutaria)

## SUMMARIO

POR ONDE PRINCIPIAR?
ARMENIA E ISRAEL.
A SULAMITA.
PELAS VICTIMAS DA GUERRA.
MOVIMENTO SIONISTA.
A FAMILIA YAHUDA.
NADWÓRNA.
OPINIÃO DA IMPRENSA.
BIBLIOTHECA SHALOM-ALECHEM.
CORREIO DE ISRAEL.
CORRESPONDENCIA.
SOCIEDADE BETH-JACOB.
INDICE DO 1º VOLUME DA «A COLUMNA».

**ASSIGNATURAS**

| | Anno | Semestre |
|---|---|---|
| Para o Brasil . . . . . . . | 10$000 | 5$500 |
| Para o Exterior . . . . . . | 12$000 | 6$500 |

**NUMERO AVULSO**

| | |
|---|---|
| Na Capital . . . . . . . . . . . | 1$000 |
| Nos Estados e Exterior . . . . . . . | 1$200 |

**NUMERO ATRAZADO**

O duplo do preço correspondente ao do avulso.

ANNO I | RIO DE JANEIRO, 6 de Kislev de 5677 / 1 de Dezembro de 1916 | NUMERO 12

יְהִי אוֹר

# הָעֲמוּד
# A COLUMNA

Orgão dos interesses dos Israelitas no Brasil

ANNO I | RIO DE JANEIRO, 6 de Kislev de 5677 / 1 de Dezembro de 1916 | Numero 12

# יְהִי אוֹר
# הָעַמּוּד
# A COLUMNA

Orgão dos interesses dos Israelitas no Brasil

די ערשטע יידישע פּאָרטוגעזישע צייטשריפט דערשיינט אין ריאָ דע זשאַניירא אין דער ערשטער העלפט פון 1913. דר. דוד פּרץ, אַ יידיש־בראַזילאַנער אינטעלעקטואַל, וואָס האָט זיך וואַרשיינלעך דאַן באַזעצט אין ריאָ און איבערגענומען דעם פּאָסטן פון אַ לערער אין דער גרויסער גימנאַזיע א. נ. דאָן פּעדראָ סעגונדאָ (דאָן פּעדראָ דער צווייטער) האָט דאַן אָנגעהויבן אַרויסגעבן די צייטשריפט אַלס חודש־זשורנאַל אונטערן נאָמען אַ קאָלומנאַ (די זייל) און זייענדיק אַ ספרדיש יידישער געלערנטער האָט ער אויסגערעכנט אויף דער הילף פון דער ספרדישער גרופּע יידן, וואָס האָבן דאַן זיך זייער אָנגעזועצן אין בראַזיל, אי מיט זייער רייכקייט און אָנזען אין דער קאָמערץ, אי מיט זייער צוגעבונדנקייט צו זייער קהילה, וואָס האָט געהאַט אייגענע שולן און פאַרשיידענע אַנדערע חברות.

אַ קאָלומנאַ האָט אין קאָפּ געהאַט אַן איבערזעצונג אין העברעישע

אותיות: העמוד און איז געווען רעדאַגירט אין גייסט פון אינטעלעקטועלן ציוניזם און העברעישער קולטור, וואָס האָט דאַן זייער באַווירקט די יידיש־ספרדישע אינטעלעקטואַלן און זייערע ניט יידישע פריינד אין פּאָרטוגאַל און שפּאַניע, פונוואַנען עס האָט אויך דערגרייכט די זעלבע אינטעלעקטואַלן אין די פּאָרטוגעזיש און שפּאַניש ריידנדיקע לענדער. איבערהויפּט האָט זיך דאַן זייער געשפּירט די ווירקונג פון אַחד העם און מאַקס נאָרדוי, דער לעצטער האָט דאַמאָלסט געהאַלטן אין קומען אויף אַ לעקציע טור אין די בראַזיליאַנער אוניווערסיטעטן, אַלס גאַסט לעקטאָר. זיין בוך קאָנווענציאָנאַלע ליגנס איז געווען כמעט דאָס טיש־בוך פון דער אינטעליגענץ — ספּעציעל פון דער יידישער אינטעליגענץ — וועלכע האָט בכלל זייער פיל געלייענט פראַנצייזיש.

דר. דוד פּרץ איז אַן ספק געווען די פּאַסיקסטע פּערזאָן אַרויסצוגעבן אַזאַ צייטשריפט און די צייטשריפט איז זיכער געשטאַנען אויף אַ געהעריקער הויך, נאָר די רייכע ספרדיש־יידישע קאָמערץ האָט ניט געהאַט קיין צו גרויסן אינטערעס אין אַזאַ הויך אינטעלעקטועלער אויסגאַבע און דר. פּ. איז הפּנים ניט געווען די פּאַסיקע פּערזאָן צו קענען אַרויסרייסן פון די רייכע ספרדישע יידן די נויטיקע שטיצע אויף דער אויסגאַבע פון דער צייטשריפט און די אַ קאָלומנאַ האָט זיך געשלאָסן נאָכן דערשיינען אין משך פון אייניקע חדשים.

עס איז אונדז ליידער ניט געלונגען צו באַקומען אַ נומער פון דער דערמאָנטער צייטשריפט און מיר האָבן זיך געמוזט באַנוגענען מיטן אי־בערגעבן די דערמאָנטע דאַטן לויט ווי מיר האָבן זיי באַקומען פון דר. פּרץ און אַנדערע יידישע תושבים פון יענער צייט.

# Illustração Israelita

אין אויגוסט 1928, דערשיינט אין ריאָ אַ יידישער אילוסטרירטער חודש זשורנאַל אין פּאָרטוגעזיש אונטערן אויבנדערמאָנטן נאָמען.

איניציאַטאָרן און אַרויסגעבער פון זשורנאַל זיינען: דער שוין פריער דערמאָנטער יידיש־ספרדישער אינטעלעקטואַל דר. דוד פּרץ, אַדאָלפאָ אייזן און עליאַס דאַווידאָוויטש, דאַמאָלסט סטודענט אויפן מעדיציניש פאַקולטעט אין ריאָ.

דר. פּרץ איז שוין באַקאַנט דעם לייענער און זיין מיטגיין מיט די אַנדערע צוויי אַרויסגעבער, יונגעלייט, באַווייזט אויף וויפל ער האָט שטענדיק געהאַט אַ ווילן צו דינען דעם יידישן ישוב אין בראַזיל, וועלכער איז שוין צו יענער צייט געווען פיל גרעסער און פאַרמאָגט אַ גרעסערע צאָל יידישע אינטעליגענץ און פּראָפעסיאָנאַלן.

אַדאָלפאָ אייזן איז געווען אַ יונגערמאַן פון דעם יונגן אונטערוואַקסנ־

דיקן דור יידישע יוגנט אין בראַזיל, וועלכער האָט זיך געריסן צו געוויסע אונטערנעמונגען, איז אָבער געווען ווייט פון דער געוויינלעכער יידישער פּרנסה־קליענטעלע, וועלכע האָט קיינמאָל ניט פאַרשאַפט קיין צו גרויסן כבוד, ניט דעם קליענטעלטשיק, איבערהויפּט פון צווישן דעם אונטער־וואַקסנדיקן יונגן דור, און אַ פשיטא ניט דער יידישער קאָלעקטיוויטעט אַלס גאַנצע. היינט צו טאָג איז א. דער אייגנטימער פון אַ צייטונגס־קאָנסאָרציע, וואָס גיט אַרויס אַ ריי קינדער אויסגאַבן און איז דערביי זייער דערפאָלגרייך. בכלל איז א. געווען דער ערשטער אין בראַזיל איינצו־פירן קינדער צייטונגען און ליטעראַטור פון אַ לייכטן שניט און די אַלע אַנדערע אויסגאַבן פון דעם טיפּ זיינען פּאַקטיש קאָפּיעס פון זיין זייער געלונגענעם פּאַרמעסט צו געבן דאָס בראַזיליאַנער קינד און יוגנטלעכן צייטונגען און ליטעראַטור אין בילדער לויט זייער גייסטיקן ניוואָ.

כדי צו קענען פאַרצייכענען דאָס דערשיינען פון צייטונגען און זשור־נאַלן, וועלכע מיר האָבן ניט געהאַט די מעגלעכקייט אָפּצוזוכן, האָבן מיר אָפּגעזוכט מענטשן, וועלכע האָבן זיך מתעסק געווען באַ די דאָזיקע אויס־גאַבן, כדי פון זייער דערציילן שאַפן זיך אַ באַגריף פון דער אויסגאַבע און זיין בכוח איבערגעבן פאַרן לייענער די נויטיקע פרטים. וועגן די דאָזיקע אויסגאַבן, וועלכע מיר גייען דאָ איצט דערמאָנען, האָבן מיר זיך באַנוצט מיט די אַרטיקלען, וועלכע יעקב נאַכבין האָט פאַרעפנטלעכט אין דער „צוקונפט", נ. יאָרק, אין די חדשים פון אַפּריל ביז סעפּטעמבער 1930, אונטערן אַלגעמיינעם נאָמען: „די אידן אין בראַזיל" (אַן איבערבליק פון 1500 ביז 1930).

אין זיין אַרטיקל „דער מאָדערנער יידישער ישוב אין בראַזיל" („צו־קונפט", יוני 1930) גיט נ. איבער וועגן אַ ריי צייטונגען און פון דאָרטן נע־מען מיר אַרויס די געציילטע דאַטן, וועלכע זיינען פאַקטיש די איינציקע, וועלכע מיר האָבן ניט געקאָנט אויפזאַמלען אויף אַן אַנדער אופן.

לויט נ. האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין ריאָ אַרויסגעגעבן אין 1923 אַ צייטשריפט אין פּאָרטוגעזיש קאָרדעיאָ איזראַעליטאַ.

לויטן זעלבן מקור זאָלן די ספרדישע יידן אין ריאָ (פריוואַטע איניציאַ־טיוו) האָבן אַרויסגעגעבן די צייטשריפטן: אַ וואָז דע איזראַעל און אַ ווער־

דאָדע.ביידע צייטשריפטן האָבן אויסער די נעמען אין פּאָרטוגעזיש, געהאַט אויך קעפּ אין העברעיש, קול ישראל און האמת.

ליידער זיינען דאָס אַלע ידיעות, וועלכע מיר האָבן געפונען ביי נאָכבין און אויב עס איז ערגעץ פאַראַנען ווער וואָס פאַרמאָגט מער ידיעות וועגן די דאָזיקע צייטשריפטן, וועלן די דאָזיקע דאַטן מוזן אויף אַ געוויסן אופן דערגאַנצט ווערן.

פון זעלבן מקור נעמען מיר אַרויס די ידיעות וועגן די דערשינענע העפטן אין באַהיאַ.

אין 1928 איז דערשינען דער שילער, וועלכער איז צום ערשטן מימעאָגראַפירט געוואָרן און דערנאָך געדרוקט געוואָרן מיט לאַטיינישע אותיות. אויף וויפל אונדז איז באַקאַנט איז דאָס געווען דער איינציקער פאַרזוך צו דרוקן יידיש מיט לאַטיינישע אותיות אין בראַזיל.

אין די יאָרן 1925—1928 איז דערשינען אַ הומאָריסטישע צייטונג דער קאָך־לעפל. דעם איינציקן פרט, וואָס מיר דערוויסן זיך פון נ. איז, אַז די צייטונג איז דערשינען געשריבן מיט דער האַנט און מיר קענען זיך משער זיין, אַז דאָס איז אין אַ געוויסער הינזיכט געווען אַ מין וואַנט־צייטונג, אָבער אויך דאָ איז די אינפאָרמאַציע זייער באַגרענעצט און מיר ווייסן ניט צי די צייטונג איז דערשינען בלויז אין איין עקז., אָדער אין מערערע עקזעמפּלאַרן, ווי אָפט זי איז דערשינען, ווער עס זיינען געווען די שרייבער, אַרויסגעבער און כלל טוער אַרום דער צייטונג.

נ. דערמאָנט אויך אַ ליטעראַרישע צייטשריפט, וועלכע זאָל האָבן דערשינען אין ריאָ, אין יאָר 1927, מיט זיין באַטייליקונג, אָדער נאָענטער מיטאַרבעט, נאָר ליידער איז אונדז ניט געלונגען צו דערגיין מער פרטים אויף וועגן דער דאָזיקער ליטעראַרישער אויסגאַבע.

עליאַס דאַווידאָוויטש, דאַמאָלסט אַ סטודענט אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט און היינט אַ באַוווסטער מעדיקער אין ריאָ, איז געבוירן געוואָרן אין פּאָרטאָ אַלעגרע און איז אַ זון פון געוועזענע יידישע קאָלאָניסטן אין דער פּראָווינץ ריאָ גראַנדע דאָ סול.

דר. ד. האָט שטענדיק געהאַט אַ נייגונג צום שרייבן און האָט אַ גענוג יידישן וויסן געבראַכט פון זיין יידישער היים, האָבן זיינע אַרטיקלען שטענ־

דיק געהאַט אַ פיינעם יידישן הינטערגרונט, מייסטן אָבער פלעגט ער שרייבן דערציילונגען פון יידישן לעבן אין די פראָווינץ שטעט, צו וועלכן ער האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסן טאַלאַנט און האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן זיינע דערציילונגען אין בוך פאָרם. אויסער זיין שרייבן דערציילונגען פלעגט ער זיך אויך פאַרנעמען מיט איבערזעצן פון פאַרשיידענע פרעמדע שפּראַכן אין פּאָרטוגעזיש פאַר אַ ריי ליטעראַרישע זשורנאַלן און אויך אייניקע ביכער האָט ער איבערגעזעצט פאַר דעם גרויסן פאַרלאַג גואַנאַ־באַראַ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן און ווערט אָנגעפירט פון צוויי ייד. יונגע־לייט ווייסמאַן און קאַגאַן. צווישן זיינע איבערזעצונגען זיינען אויך פאַראַנען אייניקע באַרימטע פאַכמענישע און מעדיצינישע ווערק, וועלכע זיינען אַרויסגעגעבן דורכן דערמאָנטן פאַרלאַג און ווערן גענוצט אַלס לערנביכער אין די אוניווערזיטעטן.

---

אילוסטראַסאַן איזראַעליטאַ (יידישע אילוסטראַציעס), וואָס איז געווען דער ערשטער אילוסטרירטער יידישער זשורנאַל אין פּאָרטוגעזיש, איז דערשינען אין 28 זייטן, מיט אַ הילע אין פאַרבן, האָט געהאַט אין צענטער אַ מגן דוד און ביי די זייטן די בראַזיליאַנער און יידישע פאָנען און האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן ערנסטער צייטשריפט פאַר דער פאַרברידע־רונג פון ביידע פעלקער אין בראַזיל.

דער לעצטער נומער איז דערשינען אַלס טאָפּלנומער (11—12) אין יולי 1929, און האָט געהאַט 36 זייטן. דער לעצטער, ווי אַלע פריערדיקע נומערן, איז געווען געדרוקט אויף גלאַנץ פאַפּיר, מיט אַ סך בילדער אין טעקסט, די הילע אין פאַרבן און די פאָנען ביי די זייטן אין זייערע נאַטיר־לעכע פאַרבן.

בכלל האָט דער זשורנאַל געהאַט זייער אַ גוטן נאָמען אין דער יידי־שער, ווי אין דער ניט יידישער וועלט, ער איז אָבער אונטערגעגאַנגען צו־ליב די זעלבע מאָטיוון, צוליב וועלכע ס׳האָבן זיך געשלאָסן די אַנדערע יידיש־פּאָרטוגעזישע צייטשריפטן.

# a civilisação

VOL. I ANNO I

NOVEMBRO, 1940

אין 1933 (דעם 12טן אויגוסט) האָט אין סאַן פּאַולאָ אָנגעהויבן דערשיינען אַ וואָכנצייטונג אונטערן פּאָמפּעזן נאָמען אַ סיוויליזאַסאַן (די ציוויליזאַציע). אַרויסגעבער פון דער צייטונג איז געווען פערנאַנדאָ לעווינסקי. ווענדיק געבן דער צייטונג אַ געוויסן אָנזען אין דער יידישער ווי אין דער ניט יידישער וועלט, האָט ער צוגעצויגן אַלס אָפיציעלן רעדאַקטאָר דעם באַוווסטן פּראָפעסאָר פון פילאָלאָגיע סילוועירא בוענאָ, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסן אָנזען און איז געווען באַליבט באַ אַלע קרייזן פון דער אינטעליגענץ און שטודירנדיקער יוגנט אין ס. פּ., יידן ווי ניט יידן.

פּראָפּ. ס. ב. איז געווען באַקאַנט אַלס גרויסער ליבעראַל און יידן־פריינד. זיין אויסרעכענונג איז זיכער געווען צו האָבן אַן אייגענע טריבונע, ווו ער זאָל קענען פריי און אָפן אַרויסקומען מיט זיינע מיינונגען וועגן די פּראָבלעמען, וועגן וועלכע ער האָט ניט געקאָנט שרייבן אין דער טאָג ציי־

טונג די־אַריאַ דע סאַן פּאַולאַ, ווו ער פלעגט מייסטן שרייבן וועגן פילאָלאָגישע עניני. פּונקט ווי די מערסטע ניט יידן, האָט אויך ס. ב. געהאַט אַן איבערגעטריבן גוטע מיינונג וועגן דער הילפס גרייטקייט פון דער יידישער קאָלעקטיוויטעט און איז געווען זיכער, אַז אַזאַ צייטונג וועט אויך פון קאָמערציעלן שטאַנדפּונקט זיין אַ גרויסער דערפאָלג. עס האָט אים אָבער לאַנג ניט גענומען אויף איבערצייגן זיך, אַז ער האָט געהאַט אַ צו געהויבענע מיינונג וועגן דער יידישער קאָלעקטיוויטעט און אויך פון ל. האָט ער הפּנים ניט געהאַט קיין צופיל נחת אין דעם אופן ווי ער האָט אָנגעפירט מיט דער צייטונג, האָט ער זיך געמאַטערט אַרום אַ יאָר און איז ענדלעך אַוועק פון דער צייטונג. לויט אייניקע, זאָל ער האָבן אויפגעגעבן זיין אַמט אַלס רעדאַקטאָר אַ פּאָר חדשים נאָכן דערשיינען פון דער צייטונג, עס זאָל הייסן אַז ער האָט איינגעזעען זיין טעות גאָר באַצייטנס, נאָר ל. האָט באַ אים געפּועלט ער זאָל דערווייל לאָזן די צייטונג דערשיינען אונטער זיין נאָמען אַלס רעדאַקטאָר. די צייטונג איז אַזויערנאָך דערשינען דאָס ערשטע יאָר מיט ס. ב. אַלס רעדאַקטאָר און פּ. ל. אַלס געשעפטס־פירער. שפּעטער האָט אויפן קאָפּ פון דער צייטונג בלויז פיגורירט דער נאָמען פון פּ. ל.

עס איז זיכער געווען אַ גרויסער שאָד וואָס אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי ס. ב. האָט זיך אַנטוישט אין דער הילפס־גרייטקייט פון דער יידישער קאָלעקטיוויטעט, נאָר צום גליק האָט ער פאַרשטאַנען אַז אָט די גלייכגילטיקע באַציאונג פון דער יידישער קאָלעקטיוויטעט איז ניט געווען אויף זיין חשבון און האָט עס טאַקע ניט גענומען פּערזענלעך. אין קעגנזאַץ צו געוויסע בראַזיליאַנער אינטעלעקטואַלן, וועלכע זיינען געוואָרן זאָגאַר אַנטיסעמיטיש נאָכדעם ווי זיי האָבן ניט געקראָגן די הילף, וואָס זיי האָבן אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן דערוואַרט פון דער יידישער קאָלעקטיוויטעט, איז ס. ב. געבליבן דער זעלבער פיינער אינטעלעקטואַל און אַרויסגעוויזן זיין פאַרערונג פאַר יידישע קולטור ווערטן און פאַרן גרויסן צושטייער פון יידן צו דער אַנטוויקלונג פון בראַזיל זינט דער אַנטדעקונג פון לאַנד.

באַ אַ ריי געלעגנהייטן איז דעם שרייבער פון די שורות אויסגעקומען צו שמועסן מיט פּראָפ. ס. ב. און קיינמאָל האָט ער ניט אַרויסגעבראַכט אַ גרינגשעצנדיק וואָרט וועגן יידן, אַפילו וועגן די וועלכע האָבן אים דירעקט

ווי געטאָן. מען האָט אָבער געקאָנט מערקן, אַז דאָס טוט ער מיט דער אויס־דריקלעכער איבערצייגונג, אַז דער יחיד איז איין זאַך און דאָס יידישע פאָלק איז אַן אַנדער זאַך. ניין, די האַנדלונג פון יידישע יחידים האָבן אים ניט געמאַכט ענדערן זיין מיינונג וועגן יידישן פאָלק און זיינע ווערטן.

פ. ל. איז געווען ווייט פון צו זיין אַן אינטעלעקטואַל פון שניט פון ס. ב., אַפילו אין יידישע ענינים איז ער געווען ווייניק באַהאַוונט און אָפט פלעגן געשען קוריאָזן ווען ער פלעגט אין זיין צייטונג פאַרטוישן דעם נאָמען פון אַרטיסט לעאָניד סאָקאָלאָוו אויף נחום סאָקאָלאָוו און אַנדערע, נאָר דאָס האָט אים ניט אָפּגעהאַלטן צו ווערן דער פאָרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ באַ די ניט יידן אין ס. פ. און אפשר אויך אין גאַנץ בראַזיל.

ל. האָט די צייטונג אַרויסגעגעבן יעדע וואָך און זיך געמיט מיט אַלע כוחות צו שטעלן זיך און די צייטונג אין צענטער פון יידישע פּראָבלעמען, וואָס זיינען געווען אַקטועל אין יידישן ס. פ., דערביי האָט ער פּרעטענדירט צו זיין דער פאַרטיידיקער פון יידישע אינטערעסן און דער פּאָפּולאַריזירער פון יידישע קולטור ווערטן פאַר דער ניט יידישער געזעלשאַפט און אינ־טעליגענץ.

מען קען ניט זאָגן, אַז ל. האָט ניט געטאָן אַלעס מעגלעכע זיין ציל צו דערגרייכן, נאָר ער האָט פשוט ניט געהאַט די נויטיקע קוואַליפיקאַציעס צו קענען גרייכן צום ציל, צו וועלכן ער האָט זיך געריסן מיט אַלע זיינע כוחות. ל. פלעגט שרייבן אַרטיקלען אויף די סאַמע פאַרשיידנסטע יידישע טעמעס, נאָר זיי פלעגן אַרויסקומען אַזוי אויבנאויפיק לייכט און וויפל ער האָט זיך ניט געמיט צו געבן זיינע אַרטיקלען דעם אויסזען פון וויסנ־שאַפטלעכע פאַרשונגען, האָט קיין ערנסטער מענטש ניט געהאַט קיין באַ־ציאונג צו זיינע מאמרים. אין זעלבן לייכטן, כמעט פּובליציסטישן טאָן, פלעגט ער שרייבן דערציילונגען פון יידישן לעבן און פון צייט צו צייט פלעגט ער אויפזאַמלען דערציילונגען, פעליעטאָנען און פאַרשיידענע אַר־טיקלען און אַרויסגעבן ווערק אין בוך פאָרם אונטער פּאָמפּעזע נעמען, ווי: איסראַעל (ישראל), מעאוס אירמאַנס (מיינע ברידער), א. אַנד. דערביי זיינען די שער בלעטער באַצירט מיט אַלט־יידישער אילומינאַציע, ווי דאָרט זאָל

זיין צונויפגעזאַמלט ווער וויסט וואָסערע וויכטיקע היסטאָרישע פאָרשונ־גען. אינדעראמתן באַשטייען זיינע ביכער פון צייטונגס אַרטיקלען, וועלכע ער האָט פריער געדרוקט אין זיין צייטונג אַ סיווילי זאַסאַן און שפּעטער אין דער בראַזיליאַנער טאָג צייטונג דיאַריאָ דע סאַן פּאַולאָ, אָדער אין דער נאָך לייכטערער נאָכמיטאָג־צייטונג — דיאַריאָ דאַ נאָיטע.

פון דער פראַגמענטאַרישער, אָבער אין דעם פאַל זייער כאַראַקטעריס־טישער אַרבעט פון מאיר קוטשינסקי א. ג. דאָס ליטעראַרישע שאַפן פון יידן אין בראַזיל (אַרגענטינער ייוו״אָ שריפטן, ב. 3, בוענאָס איירעס 1945, ז׳ 190—191) נעמען מיר אַרויס פאָלגנדע, זייער כאַראַקטעריסטישע מיי־נונגען וועגן דערמאָנטן פ. ל.

„אין זיינע ביכלעך פאַרנעמט ער זיך דער עיקר מיט דער אַנטיסע־מיטישער ליטעראַטור, וואָס האָט פאַרפּלייצט בראַזיל אין די דריי־סיקער יאָרן. זיין צוגאַנג איז אַ בראַזיליאַניש־פּאַטריאָטישער, דאָס הייסט, אַן אַסימילאַטאָרישער. ער שרייבט זייער פּאַטעטיש, אָבער ער גייט ניט ווייטער ווי פאַרטיידיקן זיך און פאַרשווייגט, אָדער מיידט אויס דעם פאַקט, אַז מיר זיינען אַ לעבעדיק פאָלק...״

„לעוויסקיס אַרגומענטן זיינען שטענדיק, אָדער פון דער ביבלישער מיטאָלאָגיע, אָדער יידישע גלאַנץ־נעמען. זיין לעצט בוך (מעוּם איר־מאַנט), זיינען (באַשטייט פון) אויסשניטן פון פּובליציסטישע אַר־טיקלען, געדרוקטע אין דער טאָג־פּרעסע. אין סך־הכל זיינען עס ניצלעכע נאָטיצן פאַרן גוישן לייענער. דעם יידישן (לייענער) קענען אַזעלכע אויבערפלעכלעכע ידיעות פון מחבר, וואָס קען ניט, נישט נישט קיין יידיש, נישט קיין העברעיש, איבער שלום עליכם און מענדעלסאָן, נישט באַפרידיקן״.

אַ סיווילי זאַסאַן, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט איז געווען אַ געגנוג פאַמפּעזער נאָמען, האָט ל. צו דעם נאָמען נאָך צוגעגעבן אַן אונטער־קאָפּ: (צייטונג פון אַלע און פון קיינעם) Jornal de todos e de ninguem מערקווירדיק, אַז טראָץ דעם פאַמפּעזן אָנשטעל האָבן אַ גרופּע בראַזיליאַנער אינטעלעקטואַלן גערן מיטגעאַרבעט אין דער צייטונג, צווישן וועלכע עס זיינען געווען: דער באַוווּסטער קרימינאַליסט עוואַריסטאָ דע מאָראַיס,

פּראָפ. אַנטאָניאָ פּיקאַראַלאַ, די זשורנאַליסטן א. א. דע קאָוועלאַ, אַלוואַראַ טעישעירא, קאַרלאָס, טעישעירא פּינטאָ, אַ. אַנד. פון אַנהייב האָט די דאָזיקע בראַזיליאַנער אינטעלעקטואַלן זיכער צוגעצויגן דער נאָמען פון פּראָפ. ס. ב. און שפּעטער האָט זיי מיגלעך אימפּאָנירט די אויסגעשפּראָכענע אַנטי־נאַצי ליניע פון דער צייטונג ווי אויך זייער וועלן אַרויסווייזן סימפּאַטיע צום יידישן פאָלק. ווי עס זאָל ניט זיין זיינען די מאמרים, סיי פון ל., סיי פון די ניט יידישע מיטאַרבעטער, באַשטאַנען פון אַפּאָלאָגעטיק און ניט צו ווירדיק אַרויסגעבראַכט דעם יידישן שטאַנדפּונקט אין קאַמף קעגן דער נאַצישער חיה.

אַ סיוויליזאַסאָן פלעגט דערשיינען וועכנטלעך אין 4, 6 און אָפּטמאָל אויך אין 8 זייטן גרויסן צייטונגס פאָרמאַט. טראָץ דער ווינציקער שטיצע, וואָס די צייטונג האָט געקראָגן פון דער יידישער געזעלשאַפט, דערשיינט די צייטונג רעגלמעסיק און שליסט זיך ערשט אין סוף 1939, ווען דער דיפּ (צענזור אַמט) זאָגט זיך אָפּ צו באַנייען די דערלויבעניש.

נאָכן שליסן פון דער צייטונג באַשעפטיקט זיך ל. מיט אָנגענעמען געשעפטס אַנאָנסן פאַר די ניט יידישע צייטונגען, מייסטן פאַר די דיאַריאָס („דיאַריאָ דע סאַן פּאַולאָ" און „דיאַריאָ דאַ נאָיטע"), ווו ער פירט אויך אַן אַ קאָלום א. ג. קאָלונאַ איזראַעליטאַ (יידישער קאָלום).

ל. איז אין אַלגעמיין זייער אַ גוטער פריינד מיט יידישע שרייבער, וועמען ער איז תמיד גרייט צו העלפן. אַזוי האָט ער איבערגעזעצט אויף פּאָרטוגעזיש אַן אַרטיקל פון מאיר קוטשינסקי און עס פאַרעפנטלעכט אין דיאַריאָ דאַ נאָיטע; ער האָט אויך געהאָלפן אַנדערע יונגעלייט, וועלכע האָבן פּרעטענדירט אויף שרייבעריי זיי זאָלן זיך דרוקן אין די דיאַריאָס. ל. איז געווען אָנגענומען בײַ די רעדאַקטאָרן פון די דיאַריאָס, סיי צוליב זיינע געשעפטס פאַרבינדונגען, סיי צוליב דעם וואָס זיי האָבן אין אים געזען דעם פאָרשטייער פון דער יידישער אינטעליגענץ אין ס. פּ.

ל. איז היינט אַן אַדוואָקאַט אין ריאָ דע זשאַניירא און, אויף וויפל אונדז איז באַקאַנט, גייט ער ווייטער אָן מיט זיין זשורנאַליסטישע טעטיקייט.

אָט ווי ל. דריקט זיך אויס וועגן זיין אַרויסגעבן אַ סיוויליזאַסאָן אין ס. פּ. (פון אַ בריוו צום שרייבער פון די שורות):

„...איך בין זיך מודה, אַז דאָס רוישיקע און פאַרהאַוועטע לעבן אין דער הויפּט שטאָט (ריאָ דע זשאַניירא) ווו איך ווין זייט 1943, מיט מיין פאַמיליע, אַ פרוי און צוויי קינדער, האָט פאַררוקט אין הינטערגרונט די דאַנקבאַרע זכרונות פון די יוגנט יאָרן אין סאַן פּאַולאָ און די געמיינזאַמע חלומות, פון וועלכע אַ סיוויליזאַסאָן איז געווען דער באַנער".

A Noticia

EDIÇÃO SEMANAL DA "GAZETA ISRAELITA DE S. PAULO"

REDACÇÃO
R. JOSÉ PAULINO, 49
TELPH. 4-6066
C. POSTAL 2729

DIRECTOR:
NAUCHMANY FRANKENTHAL

אַ נאָטיסיאַ (די נאָטיץ) איז געווען אַ פּאָרטוגעזישע ביילאַגע צו דער ס. פּ. אידישע צייטונג, וועלכע איז דערשינען וועכנטלעך אין 4, און שפּע־טער אין 8 זייטן. רעדאַקטאָר פון דער ביילאַגע איז געווען נחמני פראַנג־קעאַל, אַ זון פון אַרויסגעבער פון דער ס. פּ. איד. צייטונג, וועלכער האָט דאַן געלערנט אויפן יורידישן פאַקולטעט. די ביילאַגע איז געווען זייער נעט רעדאַגירט און געלייענט געוואָרן צווישן דער יוגנט, וועלכע פלעגן אַזויער־נאָך צוליב טאָן טאַטע־מאַמע און לייענען אַ יידישע צייטונג. עס זיינען אויך געווען אַ קליינע צאָל ספּעציעלע אַבאָנאַמענטן פאַר דער ביילאַגע גופא.

אַ נאָטיסיאַ האָט אָנגעהויבן דערשיינען דעם 19טן מאַי 1938 און פלעגט פון צייט צו צייט דרוקן גאַנץ אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל פון ניט יידישע שרייבער וועגן יידישע פּראָבלעמען, איבערהויפּט וועגן יידישע פּערזענ־לעכקייטן אין דער אָנהייב צייט פון דער אַנטדעקונג פון בראַזיל דורך

פּאָרטוגאַל. אַ זייער אינטערעסאַנטע אַרבעט וועגן דער יידישער קהילה אין סורינאַם האָט דאָרט פּאַרעפנטלעכט, אויפן סמך פון אומבאַקאַנטע מאַטע־ריאַלן, דער בראַזיליאַנער היסטאָריאָגראַף, אַרטור סעזאַר פערעירא רעיס, א. נ. אַ קאָמונידאַדע העברעיקאַ דע סורינאַם. אין דער אַרבעט גיט דער דערמאָנטער שרייבער איבער פון דער ערשטער האַנט די אַרכיוו מאַטע־ריאַלן פון דער ספּעציעלער דעלעגאַציע, וואָס עס האָט געשיקט דער דאַ־מאָלסטיקער פּאָרטוגעזישער גובערנאַטאָר אין פּאַראַ, צפון בראַזיל, דאָן פראַנסיסקאָ מאַוריסיאַ דע סאָוזאַ קאָוטיניאָ, אויפן אויפטראַג פון דער פּאָר־טוגעזישער רעגירונג אין ליסאַבאָן, צום פירער פון דער יידישער קהילה אין סורינאַם (פּאַראַמאַריבאָ), דוד נשיא, וועלכע האָט געהאַט די אויפ־גאַבע איבערצוגעבן דער דערמאָנטער יידישער קהילה אַ דאַנק בריוו פאַר דעם אויסלייזן געפאַנגענע פּאָרטוגעזישע רייזנדע און דערמעגלעכן זיי זיך אומצוקערן אין זייער היימלאַנד.

אַ נאָטיסיאַ האָט אויך געדרוקט אין דער ערשטער האַנט, אין המשכים, אין אַ פּאָרטוגעזישער איבערזעצונג דאָס בוך פון שרייבער פון די שורות געשיכטע פון אידן אין בראַזיל (אין פּאָרטוגעזיש: היסטאָריאַ דאָס איזראַע־ליטאַס נאָ בראַזיל). די איבערזעצונג פון די דערמאָנטע המשכים, ווי בכלל אַלע איבערזעצונגען פאַר דער ביילאַגע, האָט געמאַכט דער רעדאַקטאָר, נחמני פראַנקענטאַל.

טראָץ דעם טיילווייזן אינטערעס פאַר אָט דער דאָזיקער ביילאַגע אין פּאָרטוגעזיש, האָט זי זיך ניט געלוינט דעם אַרויסגעבער פּ. און ער האָט זי בלויז דערצויגן ביז סוף יאָר 1935, ווייל דער אַבאָנאַמענט פאַר דעם דאָזיקן יאָר פון דער ס. פּ. איד. צייטונג האָט געהאַט איינגעשלאָסן אויך די פּאָר־טוגעזישע ביילאַגע און אין 1936 איז שוין די ביילאַגע ניט דערשינען מער.

# Paginas Israelitas

MENSARIO ILUSTRADO

אויפֿן שטייגער פון די פריער דערמאָנטע אויסגאַבע אילוסטראַסאָן איזראַעליטאַ (יידישע אילוסטראַציעס), וואָס איז דערשינען אין ריאָ, האָט אין ס. פּ. אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַזאַ חודש זשורנאַל דער שוין פריער דער־מאָנטער יידיש־בראַזיליאַנער זשורנאַליסט נעלסאָן ווײַנער א. ג. פּאַזשינאָס איזראַעליטאַס (יידישע בלעטער).

ווי זיין פאָרגייער, איז אויך דער זשורנאַל געווען זייער שיין אַרויס־געגעבן, געדרוקט אויף גלאַנץ פּאַפּיר, מיט אַ סך בילדער אין טעקסט און אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט האָט דער זשורנאַל געווידמעט דאָס יידישע קינד, פאַר וועמען ער האָט ספּעציעל געדרוקט ביבל געשיכטעס אין בילדער, לויטן מוסטער פון די פּאָפּולערע געשיכטעס פון קריסטלעכע הייליקע אין בילדער.

פּאַזשינאַס איזראַעליטאַס האָט אָנגעהויבן דערשײַנען אָנהייב 1937 און האָט זיך געשלאָסן נאָך אייניקע חדשים עקזיסטירן. טראָץ דער זייער פיינער און נוצלעכער אַרבעט פון רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער וו., האָט ער ניט גע־קראָגן קיין גענוג שטיצע מצד דער ייִדישער געזעלשאַפט און אויך דער זשורנאַל האָט געהאַט דעם זעלבן סוף פון די אַנדערע ייִדיש־פּאָרטוגעזישע אויסגאַבעס.

אַלס צולאָג צו זיין מיסדערפאָלג אין די ייִדישע קיבוצים פון ס. פּ. און ריאָ, האָט נאָך וו. געהאַט אַ דורכפאַל מיט אַ יונגנמאַן, וועלכער האָט אים צוגערעדט צו מאַכן שותפות און אַרויפאַרבעטן דעם זשורנאַל צו אַ גרוי־סער געשעפטלעכער אונטערנעמונג. וו. איז פּשוט פאַרפירט געוואָרן פון דערמאָנטן יונגנמאַן, וועלכער האָט מיטן אַרויסגעבן צייטונגען ניט געהאַט די מינדעסטע שייכות, דאַקעגן איז ער געווען פאַרבונדן מיט דער זייער השודער צירונג־ און בריליאַנטן־בראַנזשע, ווי ער האָט הפנים אויך ניט געהאַט קיין דערפאָלג. דער יונגערמאַן איז אַוועק אין די צפון פּראָווינצן און זיך פאָרגעשטעלט אַלס פאַרשטייער פון זשורנאַל, האָט ביי די דאָרטיקע ספרדישע ייִדן אויפגעזאַמלט געוויסע סומען אַלס אַבאָנאַמענט אָפּצאָל פאַרן זשורנאַל און האָט דאָרט ערגעץ אין די אַזאַרט קלובן פאַרשפּילט דאָס געלט, אַהיימקומענדיק אָן געלט און די פּאַזשינאַס איזאַרעליטאַס האָט אַזוי־ערנאָך אויפגעהערט צו דערשיינען. וויפל מען איז ניט געווען אויפגערעגט אויף דעם וואָס דער יונגערמאַן האָט באַשווינדלט דעם עולם, האָט אָבער קיינער צו וו. ניט געהאַט קיין טענות, ווייל ער איז פאַקטיש געווען אַ קרבן פון אַ שווינדלער. ווי עס זאָל אָבער ניט זיין, איז דער רעדאַקטאָר וו. געווען זייער דערשלאָגן פון פאָרפאַל און האָט שוין ניט געטראַכט פון אונטערנע־מען וועלכע עס איז נייע אויסגאַבע.

# A VOZ DO CIRCULO

REDAÇÃO
R. CAPITÃO SALOMÃO, 55-1.º and.
FONE: 4-1148

CAMPANHA PRÓ SÉDE PRO'PRIA

PUBLICAÇÃO QUINZENAL

ORGÃO INTERNO SOB OS AUSPICIOS DO CIRCULO ISRAELITA DE S. PAULO

Diretor: JACOB GORDON

Redator: ADOLFO GOLDSTEIN

| ANO I | São Paulo, 20 de Junho de 1939 | N.º 1 |
|---|---|---|

אין סאַן פּאַולאָ עקזיסטירט אַ יידישער קלוב א. ג. סירקולאָ איזראַע־ליטאַ (יידישער צירקל), וואָס איז אייגנטלעך אַ פאַרוויילונגס קלוב און ווי עס ווערט אויך געשפּילט אין קאָרטן, לויטן מוסטער פון אַזעלכע ענלעכע קלובן פון אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּן, ווי דער „סירקולאָ איטאַליאַנאָ", א. אַנד.

דער „סירקולאָ איזראַעליטאַ" איז אייגנטלעך אַ פאַרוויילונגס קלוב פון יוגנט, וועלכע האָט מייסטן בלויז אַן אינטערעס אין די בעלער, וועלכע דער קלוב פלעגט דורכפירן מיט גרויס פּאָמפּע, איבערהויפּט אין קאַרנאַוואַל סעזאָן, נאָר טאַקע צוליב דעם וואָס דאָרטן פלעגט זיך פאַרזאַמלען די יוגנט טאַנצן, איז אַ גרויסע טייל פון דער יידישער געזעלשאַפט געווען מיטגלידער אין קלוב און אים געשטיצט, אי צוליב דעם וואָס אַמאָל פלעגן זיך אויך באַלעבאַטישע יידישע משפחות אַריינכאַפּן אויף זייערס אַ באַל,

אי צוליב דעם וואָס די באַלעבאַטישע יידישע משפחות האָבן געזען איז די בעלער אַ „בליץ־אַפּלייטער" קעגן דער געפאַר פון געמישטע חתונות און האָבן דערפאַר געקוקט מיט צופרידנקייט אויף די פּאַרוויילונגען פון דער יוגנט אין סירקולאָ, וווהין עס פלעגן אויך קומען דערוואַקסענע.

אין יאַנואַר 1936 הייבט אָן דערשיינען אַן אינערלעכער ביולעטין א. ג. אַ סירקולאָ יעדע צוויי וואָכן און ווערט צעשיקט פריי צו די מיטגלידער. דער ביולעטין דערשיינט אייניקע חדשים יעדע 15 טעג און שפּעטער דער־שיינט ער יעדן חודש ביז יאַנואַר 1937. אין יוני 1939, הייבט דער זעלבער ביולעטין אָן דערשיינען יעדע צוויי וואָכן א. ג. אַ וואָז דאַ סירקולאָ (די שטים פון סירקולאָ), אַלס דירעקטאָר איז אין קאָפּ אָנגעגעבן זשאַקאָב גאָרדאָן (דאַמאָלסטיקער פּרעזידענט) און אַלס רעדאַקטאָר — אַדאָלפאָ גאָלדשטיין. דער ביולעטין דערשיינט דאָן ביז דעצעמבער 1940. אין קאָפּ פון דער שריפט איז אָנגעגעבן אינערלעכער אָרגאַן אונטער דער אויפזיכט פון יידישן צירקל אין סאַן פּאַולאָ.

אַ וואָז דאַ סירקולאָ איז דערשינען געדרוקט אין קליינעם פאָרמאַט, האָט איבערגעגעבן וועגן די באַשלוסן פון דער פאַרוואַלטונג, די באַוועגונג אין דער ביבליאָטעק, אַנאָנסירט די קומענדיקע פאַרוויילונגען, באַגריסט די מיטגלידער וואָס האָבן געהאַט זייער געבורטס־טאָג אין דער צייט פון איין נומער ביזן צווייטן, אין נעקראָלאָגן אויסגעדריקט מיטגעפיל די מיטגלי־דער און זייערע משפחות צוליבן טויט פון זייערע נאָענטע און באַריכטעט וועגן פאַרלויף פון די איינגעאָרדנטע פאַרוויילונגען, וועלכע פלעגן באַ־צירט ווערן מיט בילדער פון דער פאַרוויילונג. ווען עס זיינען פאָרגעקומען פאַרשיידענע קאָנקורסן אויף די דורכגעפירטע בעלער, זיינען פאַרעפנט־לעכט געוואָרן די בילדער פון די געווינער פון קאָנקורס, דער פאַרלויף פון דער אָפּשטימונג — אַלץ מיט אַן אַ שיעור איינצלהייטן אין שריפט און אין בילדער. ספּעציעל איז עס געטאָן געוואָרן אויף די יערלעכע און קאַרנאַ־וואַל־בעלער, וועלכע זיינען דורכגעפירט געוואָרן מיט גרויס פּאָמפּע און אויף וועלכע עס פלעגן דורכגעפירט ווערן פאַרשיידענע קאָנקורסן און עס פלעגט אויך געוויילט ווערן אַ קיניגן פון באַל.

# CRÔNICA ISRAELITA

DIRETOR-RESPONSAVEL: DR. ADOLFO FLAKS | PUBLICAÇAO QUINZENAL | RUA BRIG. GAI


אין ס. פּ. איז שטענדיק געווען אַ גרעסערע צאָל יידן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון דער יידישער געזעלשאַפט, אַ טייל פון די דאָזיקע יידן האָבן געשטאַמט פון דייטשלאַנד, אַנדערע האָבן בלויז געלעבט אַ געוויסע צייט אין דייטשלאַנד און אין דער יידישער געזעלשאַפט זיינען זיי באַקאַנט געווען אונטערן נאָמען די דייטשן, כאָטש פיל פון זיי זיינען געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד און האָבן געקענט זייער גוט ריידן יידיש, האָבן זיי אָבער דאָך גערעדט פּאָרטוגעזיש, אָדער דייטש. צו אָט דער גרופּע איז בעת דער היטלער מהומה אין דייטשלאַנד צוגעקומען אַ גרע־סערע צאָל דייטשע יידן, וועלכע האָבן זיך פון דאָרט געראַטעוועט קיין בראַזיל אַ דאַנק דער הילף פון בראַזיליאַנער קאָנסול אין פּאַריז, סאָוזאַ דאַנטאָס, וועלכער האָט זיי באַזאָרגט מיט וויזעס און אויך אַ דאַנק קאַטוילי־שע גייסטלעכע, וועלכע האָבן זיי אויסגעשטעלט טויף־שיינען, אָן וועלכע די בראַזיליאַנער רעגירונג האָט דאַמאָלסט ניט אַריינגעלאָזט אין לאַנד.

אַט די דאָזיקע עלעמענטן האָבן געגרינדעט די קאָנגרעגאַסאָן איזראַע־ליטאַ פּאַוליסטאַ (איזראַעליטיש־פּאַוליסטאַנער קאָנגרעגאַציע), האָבן אַ דאַנק דער שטיצע, וואָס זיי האָבן באַקומען מיט אַ ברייטער האַנט פון דזשאָינט אין די פאַרייניקטע שטאַטן געשאַפן אַן אייגענעם טעמפּל צום דאַווענען, איינגעאָרדנט דאָס גאַנצע בינטל כלי קודש און זיך גערעכנט פאַר אַ באַזונ־דערע ייִדישע קהילה, אָדער קאָנגרעגאַציע. אַט די קאָנגרעגאַציע האָט עס אַרויסגעגעבן אַלס וואָכנבלאַט אין פּאָרטוגעזיש די קראָניקאַ איזראַעליטאַ.

קראָניקאַ איזראַעליטאַ (ייִדישע כראָניק) האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין 1940, איז דערשינען אַלס וואָכנבלאַט אין קליינעם צייטונגס פאָרמאַט, אין 16 זייטן, שפּעטער איז דאָס וואָכנבלאַט פאַרגרעסערט געוואָרן און דער־שינען אין 24 זייטן יעדע וואָך.

די קראָניקאַ, ווי די גאַנצע טעטיקייט פון דער קאָנגרעגאַסאָן, האָט זייער ווינציק דערמאָנט אָן ייִדישקייט. פאַרקערט, עס האָט זיך שוין אַביסל צופיל געשפּירט דער טאָן פון אַמאָליקן שטרעבן אַליץ צו אַסימילירן און ווערן ככל הגוים, לויטן נוסח דייטשלאַנד. עס האָט פון וואָכנבלאַט גע־ווייעט מיט פאַרערונג פאַר קאַטוילישער הייליקייט און ווייַרויך־ריחות האָבן זיך געשפּרייט אַרום דער אַקטיוויטעט פון אַט די דאָזיקע דייטשע ייִדן, לויט ווי זיי זיינען געווען באַקאַנט אין דער ייִדישער געזעלשאַפט.

דאָס אָפּריכטן די תּפילות מיט אַן אָרגאַן, כאָר פון מיידלעך, דאָס איינ־לאַדן צו פּריידיקן אין זייער טעמפּל קריסטלעכע גייסטלעכע און דערצו דאָס וואָס פיל פון אַט די דייטשע ייִדן האָבן גאָר ניט געטראַכט זיך צו באַ־פרייען פון זייער טויף־צעטל, וואָס זיי האָבן ניט גענויטיקט מער. אין לאַנד זייענדיק, און דאָס וואָס אַ געוויסע צאָל פון די דאָזיקע ייִדן האָבן זיך צום סוף אָפיציעל געשמדט און אַריבער אין דער אָפיציעלער קאַטוילישער קירך, האָט באַשטימט די באַציאונג פון דער ייִדישער געזעלשאַפט צו אַט דער דאָזיקער גרופּע „פּאַוליסטאַנער איזראַעליטן".

ווען עס איז דאָס ערשטע מאָל דורכגעפירט געוואָרן אַן אַקציע פאַר די דייטשע פליכטלינגע, האָבן אַלע ייִדן אָן אויסנאַם געגעבן זייער ביישטייע־רונג מיט פרייד, נאָר שפּעטער האָבן זיי אָנגעהויבן קריגן גרויסע סומען געלט פון דזשאָינט, צו וועמען עס פלעגט יעדעס מאָל פליען דער פירער

פון דער קאָנגרעגאַסאָן, דר. לאָרש, האָבן די דייטשע יידן זיך אָנגעהויבן שפּירן האָפּערדיק קעגן זייערע „אומוויסנדיקע״ פּאָלנישע און רוסישע ברי־דער און די יידישע געזעלשאַפט האָט געענטפערט אויף זייער שנאה באַ־ציאונג מיטן זעלבן געפיל און ווען דער דזשאָינט פון ניו יאָרק האָט אַראָפּ־געשיקט דעם פירער פון אַרבעטער רינג, נ. כאַנין, קיין בראַזיל צו זאַמלען געלט פאַרן דזשאָינט, האָט ער ניט געהאַט קיין גרויסן דערפאָלג ביי דער יידישער געזעלשאַפט, טראָץ דעם וואָס צו אים פערזענלעך און צום אַרבע־טער רינג האָט קיינער ניט געהאַט קיין שום טענה.

ווען עס איז אַרויס דער דעקרעט, וואָס האָט פאַרווערט דאָס דערשיי־נען פרעמדשפּראַכיקע צייטונגען, איז די קראָניקאַ ניט באַרירט געוואָרן פון דאָזיקן דעקרעט, אי דערפאַר, וואָס זי איז דערשינען אין פּאָרטוגעזיש, אָבער מייסטן אויך דערפאַר וואָס דער גייסט פון דעם וואָכנבלאַט האָט זייער גע־שמעקט די קאַטוילישע פירער, וועלכע האָבן געהאַט גאָר אַ גרויסע השפּעה אין דער פּאָליטיק פון לאַנד צו יענער צייט.

# AONDE VAMOS?

ווען עס איז אין 1941 אַרויס דער פאַרבאָט אויף פרעמדשפּראַכיקע אויסגאַבן האָט די רעגירונגס צענזור אָפּטיילונג ד״פּ (דעפּאַרטאַמענט פאַר פּרעסע און פּראָפּאַגאַנדע) אויך אָפּגעזאָגט די בקשות אויף אַרויסצוגעבן נייע צייטונגען אין פּאָרטוגעזיש. דער אָפיציעלער תירוץ איז געווען, אַז עס איז ניט פאַראַנען אין לאַנד קיין גענוג פּאַפּיר פאַר די עקזיסטירנדיקע צייטונגען, האָט דאַן קאַראַקושאַנסקי, צוזאַמען מיט אַ דייטשישן ייִד, אָפּגעקויפט די דערלויבעניש פון אַן אַמוזירנדיק וואָכנבלעטל, וואָס עס האָבן געהאַט אַרויסגעגעבן עטלעכע בראַזיליאַנער יונגעלייט, א. נ. אַאָנדע וואַמאָס? (וווּהין גייען מיר?) און עס פאַרוואַנדלט אין אַן אילוסטרירטע וואָכנשריפט.

אַאָנדע וואַמאָס? איז לכתחילה געווען אַ פּראָ־ציוניסטיש וואָכנבלאַט, נאָר דער געלט שותף האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, אַז די ציוניס־

טישע פירער זאָלן אים זאָגן דעות אין דער פירונג פון דעם וואָכנבלאַט, אויסער דעם האָט ער געוואָלט זיין דער פירער פון ציוניזם, טראָץ דעם וואָס ער איז געווען בלויז אַ שטיקל צייט אין לאַנד און איז בכלל געווען פּאַרוועבט אין אַ גאַנצער ריי מיסטעריעזע מעשים אין אַנדערע דרום אַמע־ריקאַנער לענדער, פונוואַנען ער איז געקומען קיין בראַזיל. אויף דעם באָדן זיינען אַנטשטאַנען קריגערייען צווישן אים און די אָפּיציעלע ציוניס־טישע מנהיגים, ביז ער האָט איינמאָל באַקומען אויפן אַדרעס פון דער רע־דאַקציע אַן איינלאַדונג צו שיקן אַ דעלעגאַט צו דער זיצונג פון גרויסן ציונ. אַקציאָנס קאָמיטעט, האָט ער קיינעם ניט געפרעגט און איז אַליין געפאָרן אַלס דער ציוניסטישער דעלעגאַט פון בראַזיל צו דער זיצונג.

צי עס איז געווען צוליב די מחלוקתן מיט די אָפּיציעלע ציוניסטישע מנהיגים, צי אפשר אויך צוליב אַנדערע סיבות, נאָר ק. האָט מיט אים ניט געקאָנט הויזן און איז אַוועק פון דעם וואָכנבלאַט.

אַאָנדע וואָמאָס? דערשיינט די גאַנצע צייט אַלס וואָכנבלאַט אָן דער באַטייליקונג, אָדער מיטאַרבעט פון וועלכן ס'איז יידישן זשורנאַליסט. דער באַוווּסטער יידישער זשורנאַליסט ברוך שולמאַן, וואָס האָט מיטגע־אַרבעט אין וואָכנבלאַט, איז שפּעטער אויך אַוועק פון דאָרט.

Jornal Israelita
ORGÃO DA COLETIVIDADE ISRAELITA BRASILEIRA

זשאָרנאַל איזראַעליטאַ (יידישער זשורנאַל) איז געשאַפן געוואָרן פון דערמאָנטן קאַראַקושאַנסקי, לעאָן מינציס און דעם שוין פריער דערמאָנטן יעקב קוטנער, וועלכער האָט צו יענער צייט געהאַט אָנגעפירט מיט דער קאָמערציעלער זייט פון אַ יידישער ראַדיאָ שעה אין ריאָ און האָט ביי דער ראַדיאָ שעה געמאַכט גענוג געלט אויף צו קענען אונטערנעמען דאָס אַרויסגעבן דעם זשורנאַל.

ק. קען ניט קיין פאָרטוגעזיש, ווי ער קען ניט קיין יידיש, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט דער געשעפטלעכער זייט פון דער צייטונג און ק. און מ. האָבן די צייטונג רעדאַגירט. מ. איז אויך אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ זאַמלען אַבאָנאַמענטן.

זשאָרנאַל איזראַעליטאַ דערשיינט אין געוויינלעכן צייטונגס פאָרמאַט יעדע וואָך אין 6 און אין 8 זייטן און איז היינט צו טאָג — צוזאַמען מיטן וואָכנזשורנאַל אַאָנדע וואַמאָס ? — די יידישע צייטונג אין בראַזיל אין פּאָרטוגעזיש.

צום ערשט אַאָנדע וואַמאָס ? און שפּעטער דער זשאָרנאַל איזראַעליטאַ זיינען געווען די איינציקע יידישע צייטונגען אין דער פּאָרטוגעזישער שפּראַך, וואָס זיינען דערשינען אין בראַזיל נאָכדעם ווי עס זיינען געשלאָסן געוואָרן אַלע פרעמדשפּראַכיקע צייטונגען און זשורנאַלן, לויטן רעגירונגס־דעקרעט פון 1941.

## פון זעלבן מחבר:

1. געשיכטע פון יידן אין בראַזיל, סאַן פּאַולאָ, 1935
2. HISTORIA DOS ISRAELITAS NO BRASIL, Sao Paulo, 1937
3. פערטל יאָרהונדערט יידישע פּרעסע אין בראַזיל (פראַגמענט)
אָפּדרוק פון „געדאַנק און לעבן", באַנד 5, ניו־יאָרק, 1948
4. ANTONIO JOSÉ DA SILVA — "The Jew", New York, 1951
5. לעבנס אין שטורעם, היסטאָרישער ראָמאַן, תל־אביב, 1965

## גרייט צום דרוק:

1. יידישע שעפערישקייט און המשך — פּאָרטוגאַל און בראַזיל
(עסייען)

# באַמערקונג

כדי ביים לייענער זאָל ניט בלייבן דער ניט־ריכטיקער איינדרוק, אַז מיטן פאַרבאַט אויף אויסלענדישע שפּראַכן פון דער בראַזיליאַנער רעגירונג אין 1941, איז דער יידישער ישוב געבליבן עד היום אָן יידישע צייטשריפטן, מוזן מיר אויף אַ ווײַלע אָפּוויכן פון אונדזער אָנגענומענעם מעטאָד צו שרייבן אך ורק וועגן אויסגאַבן וואָס זיינען אונדז פּערזענלעך באַקאַנט, אָדער מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקייט זיי אויסצופאָרשן, און זיך סומך זיין אויף אַ פאַרלאָזלעך ווערק (אין ענגליש) וועגן דער יידישער פּרעסע אין דער וועלט: Josef Fraenkel, "The Jewish Press of the World", London, 1967 ז״ז 107—108 — און פאַרנאָטירן, ווען אַפילו אויבנאויפיק, די היינט עקזיסטירנדיקע פּובליקאַציעס פון יידישן ישוב אין בראַזיל אין יידיש און פּאָרטוגעזיש.

„דער נייער מאָמענט״ — דערשיינט צוויי מאָל אין וואָך אין סאַן פּאַולאָ, געגרינדעט אין 1950. רעדאַקטאָר — ק. חרמץ, הויפּט־מיט־אַרבעטער — י. באַרנשטיין;

„יידישע צייטונג״ DIARIO ISRAELITA — דערשיינט וועכנטלעך אין ריאָ דע זשאַניירע, כאָטש פון פּאָרטוגעזישן נאָמען: DIARIO קען מען מיינען, אַז עס איז אַ טעגלעכע אויסגאַבע. רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער — יעקב פּרנס;

„אידישע פּרעסע״, געגרינדעט דורך אהרון בערגמאַן אין 1929, אָנגעהויבן ווידער דערשיינען, ווען ס׳איז אַראָפּגענומען געוואָרן דער דערמאָנטער פאַרבאָט אויף אויסלענדישע שפּראַכן. דערשיינט וועכנטלעך אין ריאָ־דע־זשאַניירע, אונטער דער רעדאַקציע פון דוד מאַרקוס.

דאָס דערשיינען פון די יידישע פּובליקאַציעס אין פּאָרטוגעזיש: „זשאָרנאַל איזראַעליטאַ״, „אַאָנדע וואַמאָס?״ און „קראָניקאַ איזראַעליטאַ״, האָבן מיר שוין פאַרנאָטירט אין סוף פון בוך און צו דעם איז ניט פאַראַנען וואָס צוצוגעבן, עס זיינען אָבער דורך דער צייט צוגעקומען נאָך אייניקע פּובליקאַציעס און די דאָזיקע דערלויבן מיר זיך דאָ פאַרנאָטירן.

„על המשמר״ — דערשיינט יעדע צוויי וואָכן אין סאַן פּאַולאָ (פּאָרטוגעזיש און יידיש), געגרינדעט געוואָרן אין 1957;

„מנורה״ — דערשיינט אין ריאָ־דע־זשאַניירע יעדע צוויי וואָכן;

„בראַזיל־ישראל״ איז אַ פּערטליאָר־שריפט, דערשיינט אין סאַן פּאַולאָ. רעדאַקטאָרן: מאַרסיאַ כאַכאַמאָוויטש און בערטאַ קאַגאַן. (די לעצטע צוויי — בלויז אין פּאָרטוגעזיש).

# ר ש י מ ה

## פון צייטונגען, פערזאָנען און אינסטיטוציעס


### א

„אַנדע וואַמאָס" 215 216 217
„אגודת אחים" 126 128 130 131
„אונדזער שול" 186
„אונדזער יובל" 187
„אונדזער וואָרט" 161 162 163 182
„אונזער לעבן" 90 91
„אוניאָן איזראַעליטאַ" 22 23
אחד העם 195
אחי־מאיר 159
„אידישער יוגנט קלוב" 49 70
„אידישע פאָלקסצייטונג" 64 68 73 74 76 78 80 84 104 105 106 109 113 114 116 139 148
„אידישער הילפס־פאַריין" 40
„אידישער געזעלשאַפטליכער און האַנדלס ביולעטין" 128
„אידישע פרעסע" 108 115 117 120
„אידישע וואָכנבלאַט", דאָס 39 40 42 43 44 45 46 47 48 50 57
„אידישער צענטער" 23 27
אייזן, אַדאָלפאָ 196
אייזנגאַרט, א. 186 187
„אילוסטראַסאָן איזראַעליטאַ" 196 199
„אירגון" 120
אַמאַזאָנעס 12
אַמשטיין, עליאַס 148 149 150
„אַנהייב", דער 95 97 98
אַרלאָזאָראָוו, ח. 161
„אַ וואָז דאַ סירקולאַ" 210 211

### ב

באָוזער, סאַמועל ד"ר 49
באָטאָשאַנסקי, יעקב 185
„באַנדעיראַנטעס" 12
באָקאַליייניק, סאַמועל 81
„באַראַנעסאַ קלאַראַ" 78
„באַראַכאָוו־שול" 57
בודיאַנסקי, חיים 57
בלוי ד"ר 165 166 167
בן־נחום 64
בן־ישראל 35, 64
בעלער, יעקב 48
בעקער, נתן 35 49 70
בעקער יאַנקל 36 76
בעקער ברידער 152
בערנשטיין, כאַצקל 186
בערגמאַן, אהרן 57 59 60 64 67 68 76 94 105 106 108 112 115 116 117 119
בערעזאָווסקי, עמיליאַ 125
„בראַזיליאַנער אידישע פרעסע" 50 61 66 67 68 69 70 73 74 75 76 77 78 79 80 81 82 95 96 97 106 115 116 117 139 140
בראָון, א. 48
„ברית טרומפעלדאָר" 119 157

### ג

גאָלדבערג, בערנאַרדאָ 36 38
גאָלדנבערג, משה 125
גאָלדשטיין, אַדאָלפאָ 211
גאָרדאָן זשאַקאָב 211
גאָרנשטיין, סאַלאָמאָן 105 106 107
„גואַנאַבאַראַ" 199
גלין־גלאָן 64 76 77 118
גלייזער, מאָטל 99 100 103
געווערץ, יעקב 173
געלמאַן, שלמה 39
„געשיכטע פון יידן אין בראַזיל" 114 204
גרין, שמואליק 186

### ד

דאַווידאָוויטש, עליאַס ד"ר 196 198
דאַנטאַס, דיוואַ ד"ר 102
„דיאַריאָ דע סאַן פאַולאָ" 201 203 204
„דיאַריאַ דאַ נאָיטע" 203 204

„דינעזאָן־שול״ 187
„דאָס יידישע וואָרט״ 183

## ה

האָכבערג ראובן 166
האַלפּערן, מנשה 57 64 68 105 107
האַנפּט 153
האָראָוויץ, עדואַרדאָ 49 62 64 68 76 105 106 107 108
הוליאַק, נתן 49
הלוי, יוסף אינזש. 26 27 28 29 30 31 32 33 34 35 35 36 37
„העבעיש־בראַזיליאַנער גימנאַזיע״ 49 69 79
העלפאַנט, מענדל 63
„העמוד״ 192 193 194
„השחר״ 158 159
„התחיה״ 125 188

## וו

וואַלדמאַן, אברהם 100
וויינער, אַרטור 49 117 173
וויינער נעלסאָן 113 153 208 209
ווייסמאַן־קאַגאַן 199
ווייסמאַן, קאַגאַן 199
ווייסמאַן, שמעון 49
ווייס, שלמה 155
וואַרגאַס, זשעטוליאָ 108 120 171
„וועלט שפּיגל״ 163 164 165 166 167

## ז

זאַלצמאַן, מעכל 157 158 160
זיבנבערג, ל. 177
זיגער, ראובן אינזש. 78 96
זעליקמאַן, י. 71
זרובבל, יעקב 65 67
זשאַבאָטינסקי, זאב 159
„זשאַרנאַל איזראַעליטאַ״ 217

## ח

„חברה־לייט״ 13 18 142 143

## ט

„טורקאָס״ 13
טישלער, חיים 48 53
טייטלרויט, שבתי 49
טייטלרויט, יצחק 49
„טמאים״ 19 20 40 54 126 127 143
טיבירישאַ, פּראָפּ. 187
טעישעיראַ, קאַרלאָס 204

## י

„יודישע צוקונפט״, די 28 37
יאַקובאָוויטש, מאַרקאָס 70
ייק״א 20 21 38 56 98 118 183
„יוגנט״, די 92 93 94
יידיש, מאָטל (זען: מאָטל גלייזער)
יאַרבלום, מ. 107
מוריס, א. ש. ד״ר 107 182
ירקוני 129
יישראלי, י. 116
„יידישע וועלט אין בראַזיל״ 135 147 148
„יידיש־וועלטלעכע שול״ 184 185
יוכט, צ. 187
„יונג בראַזיל״ 188
יפה, נפתלי 49

## כ

כאַזאַנאָוויטש, לעאָן 20 38
כאַימאָוויטש 79 80
כאַווקין 162
כאַכאַמאָוויטש 93
כאַסין 112 113
כץ, יאָסל 44 42

## ל

לאַדזינסקי, סעדיה 70 72 73
לאַנדוי, שמעון 110
לאָדזשער 47
לאַנדרעס, אַלבערטאָ 142
„ליגע פאַרן אַרב. א״י 175 188
ליפּינער, אליהו ד״ר 152
לײנמאַן, צ. 175
„לייי־ און שפּאָר־קאַסע״ 144
לעבעדיקע צייטונג 167 171 172 173
למך 36
לעווגאַי, ב. 35 36
לעטיטשעווסקי, יעקב 39

לעבעדיקער, דער 48
לערער, יוסף 134
ליבראַט, בנימין 59
לערנער, בערל 56
לערנער, איציק 56
לאַקער, בערל 59
לעוויסקי, פערנאַנדאָ ד״ר 200 201 203 204
לאַרש, ד״ר 208

מ

מאַגאַליאַענס, ד״ר 102
מוטשניק, לעאָן 125
מאַטעלע 70
מיכאַלעוויטש, בייניש 94
„מיר און זיי״ 102 103
מאַץ, אהרן 70
„מכבי״ 143
„מענשהייט״, די 28 35 36 37
מינץ, ל. 100
מאַטאָס, עדגאַר באַרעירא 168 169
מאַקסימאַווא 172
מינציס, לעאָן 211

נ

נאַדעלמאַן, יוסף 148 149 150 151
נאַרדוי, מאַקס 195
נאַכבין, יעקב 41 42 197 198
נאַשאַני 64 107
נייגרעשל, מענדל 170
„נאַטיסיאַ״ אַ 206 207
„נייע היימען״ 41 88
„נייע וואָרט״, דאָס 52 58 59
„נייע וועלט״ 88
נעסטראַווסקי, אהרן 56
נעבל, זשאַקאָב 134
נײַשטאַט, מלך 107
נשיא, דוד 207

ס

סאַנדאַטש, יוסף 170
סאָקאָלאָוו, נחום 202
סאָקאָלאָוו, לעאָניד 202
סורינאַם 207
סילוועירא, בוענאַ 200 201
סאָקאָלאָווסקי, י. 71
סמאָלעץ, בערנאַרדאָ 142
„סיוויליזאַסאָן״ אַ 200 201 203 204 205
„סאַן פּאַולער אידישער צייטונג״ 146 149 151 155 203 204

ע

עוואַריסטאָ דע מאָראַיס 203
עזריהו, אברהם 139
עטינגער, עקיבא אינזש. 60 134

פּ

פּאַראַמאַריבאָ 201
„פּאָזשינאָס איזראַעליטאַס״ 208 209
פּיקאַראָלאָ, אַנטאָניאָ פּראָפ. 204
פּינטאָ, אַלוואַראָ טעישעירא 204
פּאַראַ 12 207
פּאָרטאָ אַלעגרע 19 20 21 24 34 35 37
„פּאָרטאָ אַלעגרער איד. פּרעסע״ 178 179
פּאַלאַטניק, טוביה 48
„פּועלי ציון״ 20 38 52 59 60 65 106 107 115 116 119 120 147 176 177 188
„פּאַלעסטינע אַרב. פאָנד״ 78
פּראַסע 70 74
פּראַסע 70 74
פּראַסאָ אָנזע 43 47
פּרץ־שול 184 185
פּרץ, דוד ד״ר 194 195 196

פֿ

„פֿאָליאַ״ 136 137 138 139 140 141 142 144 154
„פֿאַרבאַנד פון פּוילישע יידן״ 167 172 173 174 188
פוקס, יאַנקל 97 100 117
פוקס, מנשה 49 77
פילישטינער, ח. 35
פערמאַן, נתן 90
פיינגעלערנטער 55
פראַנצוזסקי, י. 49, 55
פראַנקענטהאַל, מאַרקאָס 36 49 133 134

206 154 153 152 151 149 147 135
פראַנקענטהאַל, נחמני ד״ר 206 207
פרידמאַן, משה ד״ר 69 175
„ציוניסטישע פעדעראַציע״ 108 174 175
„צבי מגדל״ 141 142
צוויי־ג, סטעפאַן 109
ציש״א 54 67
„ציון״ 110
צענטר פאַרטיי 103
ציטמאַן, חיים 177
„ציוניסטישע טריבונע״ 188
„ציוניסטישע וועלט״ 174 175
„צייט״, די 168 169 170

## ק

קוואַטראָ אירמאַנס 153
קישינאָווסקי, אַדאָלפאָ 39 41 48 88 90
קאַראַקושאַנסקי, שבתי 42 44 61 62 64 68 76 105 108 109 110 111 112 114 119 215 217
קאַסטאַ, משה 134 135
קאַוועלאַ, א. א. 204
קאַלאַמניץ, ב. 48
קאַטעטע 79
„קדימה״ 93
„קולטור ליגע״ 23 27 36
קאַראַנגאַטש, ברידער 56
„קאָנגרעגאַסאָן איזראַעליטאַ פאַוליסטאַ״ 213 214
קאַפּלמאַן, מנחם 168
קוטנער, זשאַקאָב 164 165 166
קופּערמאַן, שלמה 185
קוטשינסקי, מאיר 203 204
קויפמאַן, מרדכי 39
קויפמאַן, אהרן 39 42 43 61 62 63 64 67 70 73 76 77 81
קענדלער, חיים 43 46 61 75 82 83
„קאַלומנאַ איזראַעליטאַ״ 204
„קראַפט״, די 97 99 100 117
קראַסנעקוצקי, טוביה 36 55
קליינטעלטשיקעס 18 21 22 23 40 53 74 85 95 124 125 144 197
קליינטעלטשיק פאַריין 142 143 144
קלאַפּערס 22 53

## ר

ראַבינאָוויטש, משה ד״ר 102 103
רעוויזיאָניסטן 119
ראָזען, חיים 70 76
ראָזנבערג, לעאָן 49
ריאָ גראַנדע דאָ סול 20 25
רינסקי, יוסף 133 135
ראַפּאַלאָוויטש, ישעיהו ד״ר 56 60 103 118
ראַפּאַפּאָרט, מאָזעס 160
רייכער, מלך 36
רייכער, ש. 35
רייכער, יצחק 48
ראַשאַנסקי, א. 48
רעגאַלסקי, מ. 107
רייס, אַנשל אינזש. 107 116
רעיס, אַרטור סעזאַר פערעיראַ 207

## ש

שאַפּיראַ, יצחק ד״ר 59
שולמאַן, ברוך 28 36 48 216
„שול־קולט״ 67
שאַכניק, א. 93
„שימל... און לופט״ 103
שאַפּראַן, ראָזע (פּאַלאַטניק) 170
שוחט, יוסף 173
שטיינבערג, שלמה ד״ר 152
שהור, ז. 160
שטאַלמאַן, מ. 182
„שלום עליכם שול״ 66 77 186
שייא, אליא 48
שטיינבאַרג, לייזער 66
שענקער, אהרן 70
שעסטאַצקי, שלום 56
שניידער, יעקב 105 106 107 108
שפּיגל, שמואל 38 56 59
שענקמאַן, יעקב 39
שרייבער, בן־ציון 43 46 61 75 82
„שלום עליכם ביבליאָטעק״ 40 51 54

# אינהאַלט


דער יידישער ישוב אין בראַזיל 11
ערשטע יידישע צייטשריפט דערשיינט
אין פּאָרטאָ אַלעגרע 24
אינזשיניער יוסף הלוי 26
„די מענשהייט" 35
„די אידישע צוקונפט" 37
„דאָס אידישע וואָכענבלאַט" 39
„דאָס נייע וואָרט" און די גרינדונג
פון „פּועלי ציון" 52
„דאָס נייע וואָרט" 58
„בראַזיליאַנער אידישע פּרעסע" 61
ליטעראַרישע זשורנאַלן 84
„די נייע וועלט" 88
„אונזער לעבן" 90
„קדימה" און „די יוגנט" 92
„דער אָנהייב" 95
„די קראַפט" 99
„מיר און זיי" 102
„אידישע פאָלקסצייטונג" 105
„אידישע פּרעסע" 115
דער יידישער ישוב אין סאַן פּאַולאָ
און די יידישע פּרעסע 121
„אידישער און געזעלשאַפטליכער
האַנדעלס ביולעטין" 128
„יידישע וועלט אין בראַזיל" 134
יידישע זייט אין דער „פּאָליאַ" 137
„סאַן פּאַולער אידישע צייטונג" 147
צייטשריפטן אין סאַן פּאַולאָ 157
„השחר" 159
„אונדזער וואָרט" 161
„וועלט שפּיגל" 164
„די צייט" 169
לעבעדיקע צייטונג 172
„די ציוניסטישע וועלט" 175
„פּאָרטאָ אלעגרער אידישע פּרעסע" 178
איינמאָליקע אויסגאַבעס 180
„אונדזער וואָרט" 182
„דאָס יידישע וואָרט" 183
„די יידיש וועלטלעכע שול" 184
„אונדזער שול" 186
„אונדזער יובל" 187
אַנדערע איינמאָליקע אויסגאַבעס :
„התחיה", „ציוניסטישע טריבונע",
„יונג בראַזיל", „מכבי" 188
יידישע אויסגאַבן אין פּאָרטוגעזיש 189
„אַ קאָלומנאַ" „A Columna" 194
„אילוסטראַמאָן איזראַעליטאַ"
„Ilustraçâo Israelita" 196
„אַ סיווילִיזאַסאָן" „A Civilisaçâo" 200
„אַ נאָטיסיאַ" „A Noticia" 206
„פּאַזשינאַס איזראַעליטאַס"
„Paginas Israelitas" 208
„אַ וואָז דאָ סירקולאָ"
„A Voz do Circulo" 210
„קראָניקאַ איזראַעליטאַ"
„Crónica Israelita" 212
„אַאָנדע וואַמאָס ?" „Aonde Vamos?" 215
„זשאָרנאַל איזראַעליטאַ"
„Jornal Israelita" 217
די יידישע פּרעסע היינט צו טאָג